ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# מענה לשון

## סדר תחנות
## על בית עלמין

בלשון הקודש ואידיש

84

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ט לפ"ק

# מענה לשון

הוא

# סדר תחנות על בית־עלמין

## לבקש ולחנן על קברי צדיקים וקדושים אשר בארץ המה, מיוחסות לאנשים גדולי הערך, זכותם יעמד לנו עד עולם, אמן.

---

דיעזען מַעֲנֵה לָשׁוֹן הָאבֶּען מִיר גֶעדְרוּקְט אויף עִבְרִי־טַייטְשׁ כְּדֵי עֶס זָאלֶען פֶערְשְׁטֶעהְן מַאן אוּן פְרוֹי, גְרוֹיס אוּן קְלֵיין, וּבִזְכוּת זֶה זָאלֶען אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת אָנְגֶענוּמֶען וֶוערֶען בַּיי דֶעם הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ, אוּן עֶר וֶועט שִׁיקֶען דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק, אוּן מִיר וֶועלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ תְּחִיַּת־הַמֵּתִים בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

---

אויךְ הָאבֶּען מִיר צוּגֶעגֶעבֶּען דִי פָאלְגֶענְדֶע תְּחִנּוֹת אוּן תְּפִלּוֹת „הִשְׁבַּעְתִּי", „וַיַּעֲבוֹר", „הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ",

אוּן קַדִּישׁ יָתוֹם וָואס מֶען זָאגְט נָאךְ דֶער קְבוּרָה.

---

TRADITIONAL PRESS, INC.

NEW YORK 10002 • PHONE 212 777-2280

# מענה לשון

הוא

## סדר תחנות על בית־עלמין

לבקש ולחנן על קברי צדיקים וקדושים אשר בארץ המה, מיוחסות לאנשים גדולי הערך, זכותם יעמד לנו עד עולם, אמן.

---

דיזען מענה לשון האבען מיר געדרוקט אויף עברי־טייטש כדי עס זאלען פערשטעהן מאן און פרוי, גרויס און קליין, ובזכות זה זאלען אונזערע תפלות אנגענומען ווערען ביי דעם השם־יתברך, און ער וועט שיקען דעם גואל צדק, און מיר וועלען זוכה זיין צו תחית־המתים במהרה בימינו, אמן.

---

אויך האבען מיר צוגעגעבען די פאלגענדע תחנות און תפלות „השבעתי", „ויעבור", „הצור תמים פעלו", און קדיש יתום וואס מען זאגט נאך דער קבורה.

---

TRADITIONAL PRESS, INC.

NEW YORK, NEW YORK 10002

אֵל מָלֵא רַחֲמִים שׁוֹכֵן בַּמְּרוֹמִים הַמְצֵא מְנוּחָה נְכוֹנָה עַל כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה בְּמַעֲלוֹת קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים כְּזוֹהַר הָרָקִיעַ מַזְהִירִים . אֶת נִשְׁמַת פב״פ שֶׁהָלַךְ לְעוֹלָמוֹ (נקבה שהלכה לעולמה) בַּעֲבוּר שֶׁנָּדְבוּ צְדָקָה בְּעַד הַזְכָּרַת נִשְׁמָתוֹ (נשמתה) . בְּגַן עֵדֶן תְּהֵא מְנוּחָתוֹ (מנוחתה) . לָכֵן בַּעַל הָרַחֲמִים יַסְתִּירֵהוּ (יסתירה) בְּסֵתֶר כְּנָפָיו לְעוֹלָמִים וְיִצְרוֹר בִּצְרוֹר הַחַיִּים אֶת נִשְׁמָתוֹ (נשמתה) . יְיָ הוּא נַחֲלָתוֹ (נחלתה) . וְיָנוּחַ (ותנוח) בְּשָׁלוֹם עַל מִשְׁכָּבוֹ (משכבה)

וְנֹאמַר אָמֵן :

מען פלעגט ניט צו גיין אויף דעם בית עלמין מתפלל צו זיין נאר דעם טאג ווען איין תענית איז · אבער ווען מען וויל גיין אויף דעם בית עלמין און קיין תענית איז ניט אזו גייט מען איידער מען עסט און טרינקט · אויך מען טאר גישט גיין צווייא מאל אין איין טאג אויף איין קבר · און אויך אז ער וויל ארום גיין דעם בית עלמין זאל ער אן הויבין גיין אויף דער רעכטער זייט מחמת פיל טעמים :

ווען איינער דרייסיג טעג איז ניט גיוועזן אויף דעם בית עלמין זאל ער דאס זאגין נאהענט בייא דיא קברים · און אויך אז מען קומט אויף איין הויך ארט זאל מען אן הויבין זאגין אתה גבור :

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר יָצַר אֶתְכֶם בַּדִּין . וְזָן אֶתְכֶם בַּדִּין . וְכִלְכֵּל אֶתְכֶם בַּדִּין . וְהֵמִית אֶתְכֶם בַּדִּין . וְיוֹדֵעַ מִסְפַּר כֻּלְּכֶם בַּדִּין . וְעָתִיד לְהַחֲזִיר וּלְהַחֲיוֹתְכֶם בַּדִּין : בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ מְחַיֵּה הַמֵּתִים : אַתָּה גִבּוֹר לְעוֹלָם אֲדֹנָי מְחַיֵּה מֵתִים אַתָּה רַב לְהוֹשִׁיעַ : מְכַלְכֵּל חַיִּים בְּחֶסֶד מְחַיֵּה מֵתִים בְּרַחֲמִים רַבִּים סוֹמֵךְ נוֹפְלִים וְרוֹפֵא חוֹלִים וּמַתִּיר אֲסוּרִים וּמְקַיֵּם אֱמוּנָתוֹ

---

ברוך גילויבט ביסטו גאט אונזר גאט דער קיניג פון דער וועלט · וואס ער האט אייך באשאפין מיט גירעכט · און האט אייך גישפייזט מיט גירעכט · און האט אייך גיטייט מיט גירעכט · און ווייסט די צאל פון אייך אלע אין גירעכט · און וועט אייך ווידער לעבעדיג מאכין מיט גירעכט · גילויבט ביסטו גאט דער וואס מאכט לעבעדיג דיא טויטע :

אתה דוא גאט בישט אשטארקער צו אייביג · דוא בישט דער וואס מאכט לעבעדיג די טויטע · דוא בישט מעכטיג צוא העלפין :

מכלכל ער שפייזט דיא לעבעדיגע מיט גינאד ער מאכט לעבעדיג דיא טויטע מיט

לִישֵׁנֵי עָפָר . מִי כָמוֹךָ בַּעַל גְבוּרוֹת וּמִי דוֹמֶה לָּךְ׃ מֶלֶךְ מֵמִית וּמְחַיֶּה וּמַצְמִיחַ יְשׁוּעָה . וְנֶאֱמָן אַתָּה לְהַחֲיוֹת מֵתִים׃

וְעַל כָּל זֶה אֲנַחְנוּ חַיָּבִים לְהוֹדוֹת לְךָ וּלְיַחֵד אֶת שִׁמְךָ הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא׃ אֵין כְּעֶרְכְּךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה . וְאֵין זוּלָתְךָ מַלְכֵּנוּ לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא . אֶפֶס בִּלְתְּךָ גוֹאֲלֵנוּ לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ . וְאֵין דּוֹמֶה לְךָ מוֹשִׁיעֵנוּ לִתְחִיַּת הַמֵּתִים׃

ווען מען איז מסבב דאס בית עלמין זאגט מען ניט אלע תחנות ביא איין קבר · נאר אטייל תחנות אויף איין קבר און אטייל אויף אנדערע קברים אויך ניט צוא זאגן דיא תחנות בשעת ארום גיין דאס בית עלמין וואורום מען קען ניט קיין כונה האבין דרויף ווען מען גייט אזו ארום · דרום האבין מיר גיטיילט די תחנות וואס מען זאל זאגין קענין דעם כלל פון די מתים אויף עטליכע טייל דאס מען זאל קענען זאגין תחנות אויף פיל ערטער פון דעם בית עלמין׃

ב ווען מען גייט ארום דאס בית עלמין זאל מען זאגין די תחנות אויף הערליכע ערטער׃

צַדִּיקֵי יְסוֹדֵי עוֹלָם . נִשְׁמוֹת טְהוֹרוֹת כֻּלָּם . יְהִי רָצוֹן מִלִּפְנֵי אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם . אֲשֶׁר בָּרָא גַן עֵדֶן עַד לֹא עָשָׂה הָדוֹמִים . שֶׁתְּהֵא מְנוּחַתְכֶם בְּכָבוֹד וּבְשָׁלוֹם מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם . וּבְשָׁלוֹם תָּנוּחוּ עַל מִשְׁכַּבְכֶם .

---

פיל דער בארימקייט · ער לעהענט אונטער דיא גיפאלענע און היילט דיא קראנקע און באשטעטיגט זיין ווארהייט צוא דיא טויטע וואס שלאפין אין דער ערד׃ מי כמוך ווער איז דיר גלייך דוא בישט איין הער פון שטארקייט און ווער איז צו דיר גלייך איין גאט וואס מאכט טויט און לעבעדיג און מאכט שפראצין הילף . ונאמן און דוא ביסט באגלייבט צוא מאכין לעבעדיג דיא טויטע׃

ועל און אויף אלעם זיינען מיר שולדיג דיך צו לויבין און צו איינציגין דיין נאמען וואס ער איז גרויס און שטארק און פארכטיג · עס איז ניט פאר האנדין צוא שאצין דיך דוא גאט אונזער גאט אויף דער דאזיגע וועלט · און עס איז ניט פאר האנדין חוץ דיר אין דעם לעבין פון יענע וועלט . עס איז ניט דא חוץ דיר אונזער אויס לייזער אין דיא טעג פון משיח און קיינער איז ניט גלייך צוא דיר אונזער העלפער בשעת תחית המתים׃

צדיקי איר צדיקים דיא גרונד פעסטין פון דער וועלט איר אלע ריינע נשמות עס זאל זיין איין ווילן פאר אונזער פאטער אין הימיל וואס ער הט באשאפין דעם גן עדן איידער ער האט בשאפין די ערד · דאס אייער רואונג זאל זיין מיט כבוד און שלום פון איצונד ביז אייביג · און מיט פריד זאלט איר רוען אויף אייער גילעגער · עס

ירבה כבודכם וישגה שלותכם. ובצרור החיים תהא נפשכם צרורה את יי אלהיכם הגדול והנורא וברשות הקדוש ברוך הוא וברשות כל קדושי המלך הגדול תנוח נפשכם הוא בורא ישראל מרבכם. ויעמוד לי ולכל בני ביתי ולכל בית ישראל זכות תלמוד תורתכם ומעשיכם הטובים שהיו בכם כשהייתם בעולם הזה וכשיגיע קצי להפטר בחלד מן העולם הזה יהיה חלקי עמכם בגן עדן ואזכה להנות מזיו השכינה לעולם הבא עמכם ועם שאר צדיקים וחסידים אני וכל ישראל ושם נזכה כלנו לחסות תחת כנפי אל בסתר עליון בצל שדי:

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי אדוני האדונים מלך רחמן שתזכור את הצדיקים והחסידים והקדושים האלו השוכנים במקום הזה למען זכותם וצדקתם רחם עלי ועל כל ישראל ויליצו זכותם וצדקתם עלינו לפני כסא כבודך ויבקשו רחמים

---

זאל זיך מערין אייער כבוד און זאל ווערין גרויס אייער פריד. און אין בונד פון לעבין זאל זיין אייערע נשמות פאר בונדין ביי גאט אייער גאט דער גרויסער און דער פארכטיגער און מיט דעם רשות פון גאט ברוך הוא און מיט דעם רשות פון אלע הייליגע פון דעם גרויסין גאט זאל אייערע נשמות רוהען ער איז דער באשעפער פון דיא ישראל ער איז אייער גאט און עס זאל ביי שטיין מיר און גאר מיין הויז געזינד און צוא אלע ישראל דער זכות פון אייער תורה לערנען און דיא מעשים טובים וואס אין אייך איז גיוועזין בשעת איר האט גילעבט און אז עס וועט קומען מיין צייט אויף דער וועלטער אפ צו שיידין זיך פון דער דאזיגער וועלט זאל מיין חלק זיין מיט אייך אין גן עדן. און איך זאל זוכה זיין הנאה צו האבין פון דעם לויטערנעש פון דער שכינה אויף יענער וועלט מיט אייך. און מיט אנדערע צדיקים וחסידים איך און כל ישראל און דארטין ואלין מיר אלע זוכה זיין צוא באשיצין אונטער דיא פליגיל פון גאט אין דעם פאר באָרגענעם פון דעם אויבערשטין אין דעם שאטין פון אלמעכטיגען גאט

יהי רצון עס זאל דער ווילין פאר דיר גאט מיין גאט און דער גאט פון מיינע עלטערין דער הער איבער אלע הערין דער בארימיגער גאט דוא זאלסט גידיינקען דיא צדיקים און חסידים און דיא דאזיגע הייליגע טעג וואס רוהען אויף דעם דאזיגין ארט און

עלינו ולמען מעשיהם הטובים שעשו בעולם הזה ותמלא משאלות לבבי לטובה ותרחיב את לבבי ואת לב כל עמך מכל דאגה ותוגה והסר ממנו פחד ואימה ויראה ותסיר כל מחלה מקרבנו ותרפא תחלואינו ותמלא כל משאלות לבנו לטובה כי צרכינו המה מרבים לבאר ולפרש לפניך ורותנו קצרה מרעיון לבבנו ומשברון נפשנו:

אנא אדון עולמים אב הרחמים פנה אל תפלתי ואל תחרש לדמעתי והבן את הגיגי ותן לי את רגוני. וכפר על זדוני ושגגי. בעבור שבאתי הנה לסבב את קברי הצדיקים והצדקניות האלו השוכנים במקום הזה לבקש עלי רחמים שיגן זכותם וצדקתם עלי ועל זרעי ועל זרע זרעי ועל כל ישראל:

יי אלהי ואלהי אבותי עתה באתי לפניך בהבטחה טובה ובמשענת נאמנה. אשר הבטחתנו בתורתך

---

פון וועגין זייער זכות און זייער גירעכטיקייט. דער בארעם זיך אויף מיר און אויף כל ישראל און זייער זכות און גירעכטיקייט זאלין מליץ זיין פאר אונז און פאר דיין כסא כבוד. און זאלין בעטין פאר אונז דער בארימקייט און פון וועגין זייערע מעשים טובים וואס זייא האבין גיטאן אויף דער דאזיגער וועלט. און זאלסט דער פילען דיא באגער פון מיין הארץ צוא גוטין און זאלסט דער ווייטערין מיין הארץ און דאס הארץ פון אלע ישראל פון אלע זארג און טרויערקייט. און זאלסט אפ טאן פון מיר אנגסט און פארכט און דער שרעקענעס. און זאלסט אפ טאן אלע קריינק פון צווישין אונז. און זאלסט היילין אונזער קראנקייט און זאלכט דער פילין אלע באגער פון אונזער הארץ צוא גוטין. דען אונזער בארערפענעס איז צוא פיל צו באשיידין און אויש צו ריידין פאר דיר. און אונזער פאר שטאנד איז קורץ פון וועגין דיא שווערע גידאנקע פון אונזערע הערצער און פון וועגין דאס ברעכענעס פון אונזער לייב:

אנא איך בעט דיך הער פון דיא וועלטין דער בארעמיגער פאטער קער זיך צוא מיין גיבעט. און זאלסט נים שווייגין צוא מיינע טרערין און פרוב מיין טראכטונג און גיב מיר מיין רוה און פאר גיב מיינע זינד וואס איך האב גיטאן בשוגג און במזיד ווייל איך בין אהער גיקומען ארום צוא רינגלען דיא קברים פון דיא צדיקים און צדקניות וואס רוען אויף דעם דאזיגן ארט צוא בעטין אויף מיר דער בארימקייט דאס זייער זכות און זייער צדקות זאל באשיצין אויף מיר און מיינע קינדער און אויף מיינע קינדס קינדער און אויף אלע ישראל:

עָלֶיהָ אֶשָּׁעֵן וְאֶבְטַח לְבִלְתִּי אָשׁוּב רֵיקָם כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב וְעֹשֶׂה חֶסֶד לַאֲלָפִים לְאֹהֲבַי וּלְשֹׁמְרֵי מִצְוֹתָי . הַבְטָחָה זוֹ שְׁמָר לִי וּלְכָל יִשְׂרָאֵל לְמַעַן זְכוּת כָּל הַשּׁוֹכְנִים בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְכָל הַנִּפְטָרִים עַל קְדֻשַּׁת שְׁמֶךָ . וְהִנְנִי בָאתִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה לְסַבֵּב אֶת קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים וְהַצִּדְקָנִיּוֹת הָאֵלוּ לְהִתְפַּלֵּל עָלַי שֶׁתְּזַכֵּנִי בִּזְכוּתָם וְצִדְקָתָם שֶׁעָשׂוּ בְּחַיֵּיהֶם וְיַעֲמוֹד עָלַי וְעַל זַרְעִי וְעַל זֶרַע זַרְעִי לָחֹן וּלְחֶסֶד לְהָגֵן עָלֵינוּ בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים וְתִשְׁמְרֵנִי לְמַעַן זְכוּתָם וּלְמַעַן בְּרִית אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מִכָּל דָּבָר רָע וּמִמִּקְרֶה רָעָה וּמִכָּל בֶּהָלָה וְתַקָּלָה וּמִכָּל חוֹלִי רָע וּמִכָּל מִינֵי יִסּוּרִים קָשִׁים וְרָעִים וּמִמִּיתָה מְשׁוּנָה וּמִמִּיתָה מְגוּנָה שֶׁבְּכָל תתק״ג מִינֵי מִיתוֹת שֶׁנִּבְרְאוּ בָעוֹלָם מִכָּל סַכָּנָה בְּכָל מָקוֹם שֶׁנִּהְיֶה שָׁם בֵּין בַּיּוֹם וּבֵין בַּלַּיְלָה הֵן בַּבַּיִת וְהֵן בַּשָּׂדֶה הֵן בַּיַּעַר וְהֵן בַּבִּקְעָה הֵן בָּהָר וְהֵן בְּגִבְעָה וְהַצִּילֵנוּ בְּרַחֲמֶיךָ

---

יי גאָט מיין גאָט און גאָט פון מיינע עלטערין איצונד בין איך גיקומען פאר דיר מיט איין גוטע פאר זיכערונג . און מיט איין וואָרהאַפטיגע אונטער לעהענונג וואס דוא האסט אונז פאר זיכערט אין דיין תורה דרויף טוא איך מיך אן לעהענען און פאר זיכערין דאס איך וועל גיט ווידער קערין צוריק ליידיג אזו וויא עס שטייט אין דער תורה גאט ברוך הוא טוט גינאד צוא צווייא טויזנט דורות צוא ויינע ליב האבער און צוא דיא וואס היטין זיינע מצות דאס דאזיגע פאר זיכערונג היט מיר און צוא אלע ישראל פון וועגין דעם זכות פון דיא אלע וואס זיינען אום גיקומען פון וועגין דיין היילינגן נאמען · און איך בין גיקומען אין דעם דאזיגין וועג ארום צו רינגלען דיא קברים פון דיא דאזיגע צדיקים און צדקניות צו בעטין פאר מיר דאס איך זאל גיניסין זייער זכות און גירעכטיקייט וואס זייא האבין גיטאן בייא זייער לעבין · און דאס זאל בייא שטיין מיר און מיינע קינדער און מיינע איניקליך · צוא לייט זעליקייט און צוא גינאד איבער אונז צוא באשיצין מיט דיין פיל דער בארימקייט · און פון וועגין זייער זכות און פון וועגין די זיכערהייט פון אונזערע עלטערין אברהם יצחק ויעקב זאלסטו מיך היטין פון אלע שלעכטע זאכין . און פון שלעכטע בגעגעניש און פון אלע דער שרעקענעם און שטרויכלונג און פון אלע שלעכטע קראנקהייט און פון אלע שווערע און שלעכטע יסורים · און פון איין מיתה משונה און פון אום שענדליכע מיתה וואס זיינען פון דיא אלע ניין הונדערט און דרייא צוואנציג מיתות וואס זיינען באשאפין גיווארין אויף דער וועלט · און פאר אלע סכנות אין אלע ערטער וואס מיר וועלין

הרבים מכל אויב ואורב ולסטים וחיות רעות בדרך: ומכל מיני פחד ורעד ורעש ומכל דבר רע בעולם הן גדול או קטן ומכל מיני משחית ומחבל ומה שלא אוכל לבקש רחמים ולהתפלל עליו יהי רצון לפניך ולפני כסא כבודך כאלו התפללתי על כל מיני רעות שלא יבואו עלי ועל כל בני ביתי ובני בריתי ועל כל מיני טובות שימהרו לבא עלינו ברחמיך הרבים ובישועתך הגדולה: יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך יי צורי וגואלי:

רבון כל העולמים זכיותם וצדקתם של שכני עפר השוכנים פה וכל המלאכים הממונים על נשמתם יזכוני ותעזור תפלתם שתתן לי חיים ארוכים עשר וכבוד ושלום ורוח והצלה והצלחה ברכה ישועה נחמה פרנסה וכלכלה חן וחסד ורחמים בעיניך ובעיני כל רואינו ושמח את כל עדתך וקהלך ובנה עירך ומחל וסלח וכפר על כל עונותי ותצילני מכל חרפה ובוז וכל קלות ובושת ופסול

---

זיין זיא ביא טאג אדער ביי נאכט · זיא אין הויז אדער אין פעלד · אין וואלד אדער אין טאל · אויף בערג אדער אין די טיף · און וואכט מיך באשירמען מיט דיין גרויס דער בארימקייט פון אלע פיינד און לויערער און גזלנים און בייזע חיות אויף דעם וועג און פון אלערליי פחד און ציטערנעס און שרעקענעס און פון אלע שלעכטע זאכין אין דער וועלט זיא גרויסע אדער קליינע און פון אלערלייא פאר דארבער און וואס איך קען ניט פאר דיר בעטין זאל זיין דער ווילין פאר דיר און פאר דיין כסא הכבוד גלייך וויא איך וואלט געבעטין אויף אלערלייא שלעכטיקייט זיא זאלין ניט קומען אויף מיר און גאר מיין הויז גזינד און אויף אלע מיינע ליב האבער · און גלייך וויא איך האב געבעטין אויף אלערלייא גוטס זיא זאלין אייליג צוא קומען אויף אונז מיט דיין גרויס דער בארימקייט און מיט דיין גרויס הילף · עס זאל זיין צו ווילין די רייד פון מיין מויל און דיא טראכטונג פון מיין הארץ פאר דיר גאט מיין באשעפר און מיין אויס לייזער:

רבון דער הער פון אלע וועלטין דיא זכיות און גירעכטיקייט פון אלע דיא וואס רוען אין דער ערד וואס זייא רוען דא און אלע מלאכים וואס זיינען גיזעצט גיווארין איבער זייערע נשמות · זאלין זיי מיך גירעכט מאכין און עס זאל מיר העלפין זייער גיבעט דאס דוא זאלסט מיר געבין לאנג לעבין · עושר און כבוד און פריד און דער ווייטערונג און באשירמונג און גליק ברכה און הילף · נחמה און פרנסה און שפייז · לייט זעליקייט און גינאד און דער בארימקייט אין דיינע אויגין אויך אין דיא אויגין פון אלע אונזערע זעהער · און דער פרייא דיין גאנצע איין זאמלונג · און בויא דיין שטאט

במשפחתי ומכל צוקה ועניות . ומכל חבוט הקבר . ומדינה של גיהנם ומחלים רעים . ואל תמיתני במיתה משונה רק אפטר מחלד ברחמים ולא ברוגז ותן לי בנים ובנות חיים וקימים לשמור מצותיך ועשי רצונך כל ימי חייהם עד עולם אמן סלה :

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שתרצני ותקבלני בתשובה שלמה לפניך ותשמע תפלתי ותעשה את בקשתי ויהיו זכיותי מכריעות על חובותי ותן בלבי אהבתך ויראתך וכוף את יצרי לעשות רצונך בלבב שלם והנה עניתי בדרכך כחי כדי לכבד את שמך הגדול ולסבב ולהשתטח על קברי הצדיקים הללו . יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שיעמוד לי זכות תורתם ומעשיהם הטובים להגן עלי ועל זרעי ועל זרע זרעי מן כל חלים רעים ותעמידני בין הוגי תורתך ושומרי מצותיך וחקיך ועוסקי תורתך ובין מביני סודך עד ביאת הגואל :

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שתקבל ברחמים וברצון את תפלתי שהתפללתי לפניך ושארצה להתפלל לפניך בכל עת למען שמך הגדול והמבורך והנכבד והנורא למען זכות כל הצדיקים השוכנים פה וכל הנפטרים על קדשת שמך הגדול

---

ירושלים . און פאר גיב אלע מיינע זינד . און זייא מיך מציל פון אלערלייא שאנד און פאר שעמונג און איין פסול אין מיין משפחה . און פון אלע איינגשאפט און ארעמקייט . און פון אלערלייא חבוט הקבר און פון דעם דין פון גיהנם און פון שלעכטע קראנקייט. און זאלסט מיך ניט טייטין מיט איין מיתה משונה נאר איך זאל זיך. אפ שיידין פון דער וועלט אויף דער עלטער מיט דער בארימקייט און ניט מיט צארין . און גיב מיר זין און טעכטער זייא זאלין לעבין און זאלין זיין באשטענדיג צוא היטין דיינע מצות און זאלין טאן דיין ווילין כל זמן זייא ווערין לעבין ביז אייביג אמן סלה :

יהי עס זאל זיין דער ווילין פאר דיר גאט אונזער גאט און דער גאט פון מיינע עלטערין דו זאלסט מיר באווילינגין און אן נעמען מיט אגאנצע תשובה פאר דיר און זאלסט צו הערין מיין תפלה . און זאלסט טאן מיין גיבעט . און מיינע זכיות זאלין איבער וועגין מיינע עבירות . און גיב אין מיין הארצין דיין ליבשאפט און דיין פארכט . און גייט מיין יצר הרע צו טאן דיין ווילין מיטין גאנצין הארצין . און איך האב גיפייניגט מיין כח אין דעם דאזיגין וועג כדי צו עהרין דיין גרויסין נאמען . און ארום צו רינגלען און צו פאר שפרייטין אויף די קברים פון דיא דאזיגע צדיקים :

יהי עס זאל זיין דער ווילין פון פאר דיר גאט מיין גאט און דער גאט פון מיינע עלטערין דאס עס זאל בייא שטיין דער זכות פון זייער תורה און זייערע גוטע מעשים צוא באשיצין אויף מיר און אויף מיינע קינדער און אויף מיינע אייניקלאך פון אלע שלעכטע קריינק . און זאלסט מיך שטעלין צווישין דיא וואס מיהען זיך אין דיין תורה און היטין

וְכֻלָּם יָנוּחוּ עַל מִשְׁכְּבָם בְּשָׁלוֹם וְתַצִּילֵם מִדִּינָהּ שֶׁל גֵּיהִנֹּם וּמֵחִבּוּט הַקֶּבֶר וּבִרְשׁוּת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְיִתְעַלֶּה אֵלֵךְ מִכֶּם כְּשֶׁאֲנִי בָּעוֹלָם הַזֶּה לְאֹרֶךְ יָמִים אֲנִי וְכָל בְּנֵי בֵיתִי וְכָל בֵּית יִשְׂרָאֵל וּבִפְטִירָתִי מִן הָעוֹלָם הַזֶּה אֶהְיֶה עִמָּכֶם וְעִם כָּל צַדִּיקֵי עוֹלָם בְּגַן עֵדֶן וְאַתָּה יְיָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אַל תְּשִׁיבֵנִי רֵיקָם מִלְּפָנֶיךָ אָמֵן. בָּרוּךְ הַמֵּשִׁיב נְפָשׁוֹת לְגוּפָן וּמַעֲמִידָן וּמַכְנִיסָן בְּגַן עֵדֶן וּמְזַכָּן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא. בָּרוּךְ הַנֶּאֱמָן בִּבְרִיתוֹ וְקַיָּם בְּמַאֲמָרוֹ:

רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים. הַאֲזִינָה לְקוֹל תַּחֲנוּנַי וְקַבֵּל תְּפִלָּתִי כְּרוֹב רַחֲמֶיךָ וַחֲסָדֶיךָ שֶׁיִּהְיוּ נִשְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים הַנִּקְבָּרִים פֹּה צְרוּרוֹת בִּצְרוֹר הַחַיִּים עִם שְׁאָר הַצַּדִּיקִים וְעִם נִשְׁמוֹתֵיהֶם שֶׁל אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב וְעִם נִשְׁמוֹת כָּל צַדִּיקֵי וַחֲסִידֵי עוֹלָם וְאִם יֵשׁ בֵּינֵיהֶם אֵיזֶה מֵהֶם שֶׁיֵּשׁ עָלָיו שׁוּם דִּין וַעֲדַיִן לֹא קִבֵּל דִּינוֹ הָקֵל מֵעָלָיו דִּינְךָ רַחֲמֵהוּ וְהַעֲלֵהוּ וְהַכְנִיסֵהוּ לְבֵין הַצַּדִּיקִים וּבְצֵל כְּנָפֶיךָ תַּסְתִּירֵהוּ

---

דיינע מצות און דיין גיזעץ · און לערנען דיין תורה און צווישען די וואס טראכטען טיף אין דיינע סודות ביז עס וועט קומען דער גואל צדק :

יהי עס זאל דער ווילין פון צו פאר דיר גאט מיין גאט און גאט פון מיינע עלטערן דו זאלסט פאר נעמען מיט דער בארימקייט מיין גיבעט וואס איך האב גיבעטין פאר דיר · און וואס איך וועל בעטין פאר דיר אלע צייט . פון וועגין דיין גרויסין און גיבענשטין נאמען · דעם גיעהרטין און דעם פארכטיגין . און פון וועגין דעם זכות פון אלע צדיקים וואס רוען דא . און אלע וואס זיינען אום גיקומען פון וועגין דיין היילינגן נאמען דעם גרויסין · אלע זאלין רוען אויף זייער גילעגער מיט פריד און זייא מציל זייא פון דעם גיהנם און פון חבוט הקבר · און מיט רשות פון גאט ברוך הוא זאל איך פון אייך אוועק גיין אויף לנגע יארין איך מיט נאר מיין הויז גיזינד און אלע ישראל און אז איך וועל אוועק פון דער דאזיגער וועלט . זאל איך זיין מיט אייך און מיט אלע צדיקים אין גן עדן · און דוא גאט ברוך הוא דער גאט פון דיא ישראל זאלסט מיך נים ווידער קערין ליידיג פון פאר דיר אמן · גילויבט איז דער וואס טוט ווידער קערין דיא נשמות אין דיא לייבער און טוט זייא מאכין אויף שטיין · און ברייננט זייא אין גן עדן און איז זייא מזכה צו דעם לעבין פון יענע וועלט · גילויבט איז דער וואס איז באגלייבט מיט זיין ויכערהייט און באשטענדיג מיט זיין צוא זאגין :

רבון הער פון אלע וועלטין · פאר נעם צו דעם קול פון מיין גיבעט און פאר נעם מיין גיבעט אזוא וויא דיינע פיל דער בארימקייט און דיין גינאד איז · דאס אלע נשמות פון דיא צדיקים וואס זיינען דא באגראבין זאלין זיין פאר בונדין אין דעם בונד פון לעבין

# תפלות על בית עלמין

להתענג מזיו כבודך ושאר הצדיקים העלם ממעלה למעלה לחסות בצלך וזכני בזכותם וצדקתם ומעשיהם הטובים שעשו בחייהם כי למען כבודך באתי הנה להשתטח על קברם ולהתפלל על נשמתם שתזכם לעמוד לתחית המתים עם שאר כל צדיקי וחסידי עולם והצילם מחבוט הקבר מדינה של גיהנם ומכל שאר דינים גזרות וגלגולים ושלח לנו הגאולה במהרה בימינו ומחל וסלח לי על כל עונותי וחטאי ופשעי ושמח את עדתך וקהלך ובנה עירך ותן לי בנים ובנות ההולכים במצותיך ותקבל כל התפלה שהתפללתי לפניך ברחמים וברצון ותמלא כל משאלות לבבי לטובה אמן׃

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שתענני על כל מה שבקשתי היום מלפניך כמו שענית לאברהם אבינו בהר המוריה וליצחק בנו כשנעקד על גבי המזבח וליעקב בבית אל וליוסף בבית האסורים ולאבותינו על ים סוף וליונה במעי הדגה ולאליהו בהר הכרמל ולכל החסידים והחסידות וישרים כן תענני

---

לעבין מיט די איבעריגע צדיקים · און מיט דיא נשמות פון אברהם יצחק ויעקב און מיט די נשמות פון אלע צדיקים און חסידים פון דער וועלט · און אויב עס איז פאר האנדין צווישין זייא אזעלכער וואס דארף נאך ליידין איין דין און האט אים נאך ניט גיליטין · זאלסטו פון אים גרינגער מאכין דעם דין · דער בארים זיך איבער אים · און ברייננ אים אויף און ברייננ אים אריין צווישין די צדיקים · און פאר בארג אים אין דעם שאטין פון דיין פליגיל · דאס ער זאל זיך זעניפטיגין פון דעם לויטערקייט פון דיין שכינה און דיא איבעריגע צדיקים ברייננ אויף פון איין מעלה צו דער אנדערער צוא באשיצין זייא אין דיין שאטין און מיר זאלין גיניסין זייער זכות און זייער גירעכטיקייט און זייערע מעשים טובים וואס זייא האבין גיטאן בייא זייער לעבין דען פון דיין כבוד וועגין בין איך אהער גיקומען צו פאר שפרייטין זיך אויף זייערע קברים און צוא בעטין אויף זייערע נשמות דאס דוא זאלסט זיי מקבל זיין אויף צוא שטיין צוא תחית המתים מיט אלע דיא איבעריגע צדיקים און חסידים פון דער וועלט · און זייא זיי מציל פון חבוט הקבר און פון דעם גיהנם און פון אלע איבעריגע דינים און גזירות און גלגולים · און שיק אונז די גאולה באלד אין אונזערע טעג · און פאר גיב מיר אויף אלע מיינע זינד און מיסטגרייפין · און דער פרייא דיין עדה און דיין איין זאמלונג · און בויא דיין שטאט און גיב מיר זין און טעכטער וואס זאלין גיין אין דיין גיבאט און אלע תפלות וואס איך האב גיבעטין פאר דיר זאלשטו פאר נעמן מיט דער בארימקייט און מיט ווילין · און זאלסט דער פילין אלע גיבעט פון מיין הארץ צו גוטין אמן׃

יהי עס זאל זיין דער ווילין פאר דיר גאט מיין גאט און דער גאט פון מיינע עלטערין דוא זאלסט מיר ענטפערין אויף אלעם וואס איך האב גיבעטין היינט פון פאר דיר אזו וויא דו האסט גיענטפערט צו אברהם אבינו אויף דעם בארג מוריה און צוא זיין זון יצחק בשעת ער איז גיווארין גיבונדין אויף דעם מזבח און צוא יעקב אין דיא שטאט

ותברכני ותעשה עמי לפנים משורת הדין ותהא תפלתי מקבלת לפניך כקטרת של אהרן הכהן שהשיב חרון אפך מעמך ישראל בהקטרתו וכתפלת משה עבדך שחלה פניך ובשרתו סלחתי כדברך כן תבשרני ותעביר ותסלח ותמחול לי על כל פשעי וחטאתי · כן יהיה דברי אשר יצא מפי לא ישוב אלי ריקם כי אם עשה את אשר חפצתי והצליח אשר שלחתיו והצל אותי ואת כל בני ביתי מהעניות ומכל מיני יסורין וחלים רעים וממיתה משונה ׃ ותעניקני מן החן והחסד שלפני כסא כבודך ואל תסתר פניך ממני ותן בלבי לקיים מצותיך ועדותיך ואשמור פקודיך ותן בלבי להבין עמקי וטעמי סוד תורתך כדי שאוכל להזהר בהם שלא לעבור עליהם בין מצוה קלה ובין מצוה חמורה והודיעני נא את דרכיך · למען אמצא חן בעיניך ובעיני כל רואי ולא אבוש ולא אכלם ולא אחפר לא בעולם הזה ולא בעולם הבא ואהיה ביום מיתתי כיום לדתי שלא ימצא בי שום חטא ועון ופשע וממך אוחיל ישע שתזכני ותפקדני לחיים טובים ולשלום ׃

---

בית אל . און צו יוסף אין דער תפיסה און צו אונזערע עלטערין בייא דעם ים סוף און צו יונה הנביא אין די נידערים פון דעם פיש · און צוא אליהו אויף דעם בארג כרמל . און צו אלע חסידים און חסידות און רעכט פארטיגע · אזוא אויך זאלסטו מיר ענטפערין · און זאלסט מיר בענטשין און זאלסט טאן מיט מיר מער איידער דער דין ברייננט מיט · און מיין גיבעט זאל ווערין אן גינומען פאר דיר אזו וויא די קטורת פון אהרן הכהן וואס ער האט ווידער גיקערט דיין גרים צארין פון דיין פאלק ישראל מיט זיינע קטורת · און אזו וויא דאס גיבעט פון משה רבינו דיין קנעכט וואס ער האט דיך גיבעטין · און דו האסט אים מבשר גיוועזן איך האב פאר געבין די זינד פון דיא ישראל אזוא וויא דוא האסט גירעט אזוא אויך זאלסטו מיר מבשר זיין · און זאלסט מאכין איבער פארין און פאר געבין אויף אלע מיינע זינד און מיסטנבייף · אויך שטייט גישריבין אזו וועלין זיין מיינע רייד וואס גייט ארויש פון מיין מויל קערט עש ניט ווידער ליידיג נייערט עש טוט וואס איך באגער און באגליקט דאס וואס איך האב אים גישיקט · און זיי מציל מיך מיט מיין נאר מיין הויז גיזינד פון ארומקייט און פון אלערלייא יסורים און בייזע קראנקהייט און פון מיתה משונה · און מאך מיך שפייזין פון דעם חן און גינאד וואס איז פאר דיין כסא הכבוד און פאר בארג ניט דיין שכינה פון מיר און גיב אין מיין הארץ צו האלטין דיינע מצות און דיין תורה און זאל היטין דיינע באפעלין און גיב אין מיין הארץ צו פאר שטיין דיא טיפע טעמים און סודות פון דיין תורה כדי איך זאל קענען היטין זיי · און איך זאל ניט עובר זיין אויף זיי סייא אויף אגרינגע מצוה אדער אהארבע מצוה · און מאך מיך וויסן דיינע וועגין · פון וועגין איך זאל קריגין חן אין דיינע אויגין · און אין די אויגין פון אלע וואס זעהען מיך ·

און

רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים אֲדוֹן כָּל הַנְּשָׁמוֹת זְכוּתָם וְצִדְקָתָם שֶׁעָשׂוּ
וְכָל הַמַּלְאָכִים הַמְמוּנִים עַל נִשְׁמָתָם יְבַקְשׁוּ וְיִתְפַּלְלוּ
לְפָנֶיךָ וְתַעֲזוֹר תְּפִלָּתָם וּזְכוּתָם שֶׁתִּתֵּן לָנוּ חַיִּים אֲרוּכִים שָׁלוֹם
עֹשֶׁר וְכָבוֹד וְרֶוַח הַצָּלָה וְהַצְלָחָה וְתִתֵּן לָנוּ זֶרַע כָּשֵׁר שֶׁלֹּא יְהֵא
בָהֶם שׁוּם פְּסוּל וְשֶׁמֶץ וְדוֹפִי וְיִהְיוּ חַיִּים וְקַיָּמִים לְאוֹרֶךְ יָמִים
וְיִהְיוּ עוֹסְקֵי תוֹרָתֶךָ וּמְבִינֵי סוֹדוֹתֶיךָ וְעוֹשֵׂי מִצְוֹתֶיךָ וְקַיֵּם לָנוּ מַה
שֶּׁהִבְטַחְתָּנוּ עַל יְדֵי יְשַׁעְיָהוּ חוֹזָךְ כָּאָמוּר וַאֲנִי זֹאת בְּרִיתִי אוֹתָם
אָמַר יְיָ רוּחִי אֲשֶׁר עָלֶיךָ וּדְבָרַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְּפִיךָ לֹא יָמוּשׁוּ
מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ אָמַר יְיָ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם ׃ וְתִתֵּן
לָנוּ חֶלְקֵנוּ עִם הַצַּדִּיקִים וְהַחֲסִידִים הַמִּתְעַדְּנִים מִטּוּבְךָ וְרַחֵם
עָלֵינוּ בִּישׁוּעָתֶךָ לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וּתְקַבֵּל בְּרַחֲמִים וּבְרָצוֹן אֶת
תְּפִלָּתֵנוּ כְּעוֹלוֹת וּשְׁלָמִים וְאַל יְעַכֵּב חֵטְא וְעָוֹן אֶת תְּפִלָּתֵנוּ וְתִבְנֶה
בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ לְמַעַן זְכוּת כָּל הַצַּדִּיקִים וְהַחֲסִידִים
הָאֵלּוּ הַשּׁוֹכְנִים פֹּה וּלְמַעַן זְכוּת כָּל צַדִּיקֵי וַחֲסִידֵי עוֹלָם וּלְמַעַן
בְּרִית אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב ׃

---

און איך זאל ניט ווערין פאר שעמט און גישענט ניט אויף עולם הזה און ניט אויף עולם הבא און איך זאל זיין אין דעם טאג פון מיין טויט אזו וויא דער טאג פון מיין גיבארין. דאס עם זאל ניט ווערין גיפונען אין מיר קיין עבירה פון בשוגג אדער במזיד · און פון דיר טוא איך האפין הילף דאס דו זאלסט מיך גירעכט מאכין און זאלסט מיך גידיינקען צוא חיים טובים ולשלום ׃

רבון דער הער פון אלע וועלטין דער הער פון אלע נשמות זייער זכות און צדקות וואס זייא האבין גיטאן און אלע מלאכים וואס זיינען גינעצט גיווארין איבער זייערע נשמות · זאלין זייא בעטין פון פאר דיר · און זייער זכות און גיבעט זאל העלפין דוא זאלסט אונז געבין לאנג לעבין און פריד עושר און כבוד דער ווייטערונג באשירמונג און גליק · און זאלסט אונז געבין פרומע קינדער עם זאל אין זיי ניט זיין קיין שום פסול און קיין פלעק און לעסטערונג און זייא זאלין לעבין און באשטענדיג זיין אויף לאנגע טעג · און זאלין לערנען דיין תורה און פאר שטיין דיינע סודות און טאן דיינע מצות · און לאז אן אונז מקוים ווערין וואס דוא האסט אונז צו גיזאגט דורך דיין נביא ישעיהו וואס ער האט גיזאגט און דאס איז מיין זיכערהייט מיט זיי האט גיזאגט גאט ברוך הוא · מיין רוח הקודש וואס איז אויף דיר · און מיינע רייד וואס איך האב גיטאן אין דיין מויל דיא וועלין זיך ניט אפ טאן פון דיין מויל און פון דיינע קינדער און קינדש קינדער פון איצונד ביז אייביג אזו זאגט גאט · און דו זאלסט אונז געבין אונזער חלק מיט דיא צדיקים און חסידים וואס זעניפטיגין זיך פון דיין גוטש · און דער באדים זיך איבער אונז מיט דיין הילף פון וועגן דיין גרויסין נאמען · און פר נעם מיט דער באדימקייט און מיט ווילין אונזער גיבעט אזו וויא אקרבן עולה און שלמים און קיין שום זינד זאל ניט אויף האלטין אונזער גיבעט · און זאלסט בויען דעם בית המקדש

אֱלֹהַי יָדַעְתִּי כִּי הַמִּתְחַנְּנִים לְפָנֶיךָ יָלִיצוּ עֲלֵיהֶם מַעֲשֵׂיהֶם הַטּוֹבִים אֲשֶׁר הִקְדִּימוּ אוֹ צִדְקוֹתֵיהֶם אֲשֶׁר הֵרִימוּ וַאֲנִי אֵין בִּי לֹא צֶדֶק וְלֹא יוֹשֶׁר · לֹא חֶסֶד וְלֹא כּוֹשֶׁר · לֹא תְחִנָּה וְלֹא מִדָּה טוֹבָה · לֹא עֲבוֹדָה וְלֹא תְשׁוּבָה ׃ לָכֵן בְּבַקָּשָׁה מִמְּךָ אַל תַּסְתֵּר פָּנֶיךָ מִמֶּנִּי וְלֹא כַחֲטָאֵינוּ תַּעֲשֶׂה לָנוּ וּמִלְּפָנֶיךָ אַל תַּשְׁלִיכֵנִי · וּבְעֵת מִן הָעוֹלָם תּוֹצִיאֵנִי לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא בְּשָׁלוֹם תְּבִיאֵנִי · וְעִם הַצַּדִּיקִים וְהַחֲסִידִים בְּכָבוֹד תּוֹשִׁיבֵנִי · וְעִם הַמְּנוּיִם בְּחֶלֶד חֶלְקָם בַּחַיִּים תְּמַנֵּנִי · וּמִתְּהוֹמוֹת הָאָרֶץ תָּשׁוּב תַּעֲלֵנִי · וְאוֹמַר אוֹדְךָ יְיָ כִּי אָנַפְתָּ בִּי יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְנַחֲמֵנִי · וּלְךָ יְיָ הַחֶסֶד עַל כָּל הַטּוֹבָה אֲשֶׁר גְּמַלְתָּנִי וַאֲשֶׁר עַד יוֹם מוֹתִי תִּגְמְלֵנִי · וּבְיִרְאָתְךָ הַטְּהוֹרָה תְּחַזְּקֵנִי · וּבְתוֹרָתְךָ הַתְּמִימָה תְּאַמְּצֵנִי ׃ יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי ׃

ג וָואס מֶען זָאל זָאגִין אוֹיף קְבָרִים פוּן צַדִּיקִים וְרַבָּנָן ׃

שָׁלוֹם עָלֶיךָ אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ · עָלֶיךָ הַשָּׁלוֹם מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם בְּשָׁלוֹם תָּנוּחַ עַל מִשְׁכָּבֶךָ ·

---

הַמִּקְדָּשׁ בַּאלְד אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג · פוּן וֶועגִין דֶעם זְכוּת פוּן דִיא דָאזִיגֶע אַלֶע צַדִּיקִים אוּן חֲסִידִים וָואס רוּעֶן דָא · אוּן פוּן וֶועגִין דֶעם זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִּיקִים אוּן חֲסִידִים פוּן דֶער וֶועלְט · אוּן פוּן וֶועגִין דֶעם זִיכֶערְהַייט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב ׃

אלהי מַיין גָאט אִיךְ ווייס דָאס דִיא וָואס בֶּעטִין פַאר דִיר קֶענִין זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס זֵיי הָאבִּין גִיטָאן פְרִיעֶר · אָדֶער זֵייעֶרֶע צְדָקוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין אָפּ גִישַׁייט אִין הָאבִּין גִינֶעבִּין פַאר זֵיי מַמְלִיץ זַיין · אוּן אִיךְ הָאבּ אִין מִיר גִיט קֵיין גִירֶעכְטִיקַייט אוּן רֶעכְט פַארְטִיקַייט · נִיט קֵיין גִינָאד אוּן אוֹיף רִיכְטִיקַייט · נִיט קֵיין גִיבֶּעט אוּן קֵיין גוּטֶע מִדָּה · נִיט קֵיין דִינְסְט אוּן נִיט קֵיין תְּשׁוּבָה · דְרוּם בֶּעט אִיךְ פוּן דִיר דוּ זָאלְסְט נִיט פַאר בָּארְגִין דַיין שְׁכִינָה פַאר מִיר · אוּן זָאלְסְט אוּנְז נִיט טָאן אַזוּ וִויא אוּנְזֶערֶע זִינְד · אוּן פוּן פַאר דִיר זָאלְסְטוּ מִיךְ נִיט אַוֶועק וַוארְפִין · אוּן אִין דֶער צַייט וָואס דוּא וֶועסְט מִיר הַייסִין פוּן דֶער וֶועלְט אוֹיס צִיהֶען · זָאלְסְטוּ מִיךְ בְּרֵיינְגֶען צוּם לֶעבִּין פוּן עוֹלָם הַבָּא מִיט פְרֵייד · אוּן מִיט דִי צַדִּיקִים אוּן חֲסִידִים זָאלְסְטוּ מִיךְ זֶעצִין מִיט כָּבוֹד · אוּן מִיט דִי וָואס זֵייעֶר חֵלֶק אִין לֶעבִּין וֶוערְט גִיצֵיילְט בַּיי זֵייעֶר עֶלְטֶער זָאלְסְטוּ מִיךְ מִיט זֵיי צֵיילִין · אוּן פוּן דִי אָפּ גְרוּנְדִין פוּן דֶר עֶרְד זָאלְסְטוּ מִיךְ ווידֶער אַרוֹיף בְּרֵיינְגֶען · אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען זָאגִין אִיךְ וֶועל דִיךְ לוֹיבִּין גָאט דָאס דוּא הָאסְט גִיצֶערְנְט אִיבֶּער מִיר דָאס דַיין צָארְין אִיז וָוארִין ווידֶער גִיקֶערְט אוּן הָאסְט מִיךְ גִיטְרַייסְט · אוּן צוּא דִיר גָאט אִיז דָאס גִינָאד אוֹיף אַלֶעם דֶעם גוּטְס וָואס דוּ הָאסְט מִיר גִיטָאן · אוּן אִין דַיינֶע רֵיינֶע פָארְכְט זָאלְסְטוּ מִיךְ שְׁטַארְקִין · אוּן אִין דֶער גַאנְצֶער תּוֹרָה זָאלְסְטוּ מִיךְ פֶעסְטִין עָס זָאל זַיין צוּא ווילִין דִיא רֵייד פוּן מַיין מוֹיל אוּן דָאס טְרַאכְטוּנְג פוּן מַיין הַארְץ צוּ פַאר דִיר גָאט מַיין בַּאשְׁטֶעפֶער אוּן מַיין אוֹיס לֵייזֶער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת ׃

שָׁלוֹם פְרִיד צוּ דִיר אוּנְזֶער הֶער ווייזֶער אוּן אוּנְזֶער לֶערְנֶער · אוֹיף דִיר זָאל זַיין דִי פְרִיד

וְאַף לֹא תִצְטַעֵר בְּצָרַת קְרוֹבֶיךָ. שְׁכוּנָתְךָ תִּהְיֶה בְּעַב הֶעָנָן. וּבְסֵתֶר עֶלְיוֹן בְּצֵל שַׁדַּי תִּתְלוֹנָן. אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ שֶׁזָּכִיתָ לָלֶכֶת אַחֲרֵי בוֹרְאֲךָ וּלְהָאִיר נֵרְךָ וְהוֹרֵיתָ לְיִשְׂרָאֵל חֻקִּים יְשָׁרִים וּמִשְׁפָּטִים טוֹבִים לְהַצְדִּיק אֶת בְּנֵי דוֹרְךָ וְטוֹב לָכֶם כִּי גָדוֹל שְׂכַרְכֶם מְאֹד וְהַמֶּלֶךְ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יָחִישׁ וִימַהֵר תְּחִיַּתְכֶם וַעֲמִידַתְכֶם עִם כָּל שְׁאָר צַדִּיקֵי וַחֲסִידֵי עוֹלָם וְלִזְכוּתְךָ לְעוֹלָם שֶׁכֻּלּוֹ טוֹב וְאָרוֹךְ: אֲשֶׁר בְּכָל דְּבָרָיו הוּא בָרוּךְ. וּלְהִתְעַנֵּג בְּתַעֲנוּגִים מִזִּיו שַׁדַּי וּבְהֵמוֹת בְּהַרְרֵי אָלֶף. וְלִוְיָתָן וְיַיִן חֶמֶר שֶׁמִּבְּרֵאשִׁית הַמְּבֻחָר בְּכָל טוּב לְקַבֵּל אֶלֶף וְכַאֲשֶׁר בִּמְלַאכְתְּךָ עָמַלְתָּ בָּעוֹלָם הַזֶּה לַעֲסוֹק בְּדִבְרֵי תוֹרָה. כְּנֶגֶד זֶה מֵחַיִל אֶל חַיִל תֵּלֵךְ וּמִישִׁיבָה לִישִׁיבָה מְקוֹם מַה נּוֹרָא. וְחִדּוּשֵׁי טַעֲמֵי הַתּוֹרָה תִּזְכֶּה לִשְׁמוֹעַ מִפִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְיִתְעַלֶּה. אֲשֶׁר הוּא לֶעָתִיד יִדְרוֹשׁ וִיגַלֶּה: וִיהִי רָצוֹן

---

פון איצונד ביז אייביג · מיט פריד זאלסטו רוען אויף דיין גילעגער · אויך זאלסטו קיין צער ניט ליידין פון וועגין די צרות פון דייגע פריינד · דיין רואונג זאל זיין אין דיא דיקע וואלקין · און אין דעם פאר בארגינם פון דעם אויבערשטין · אין דעם שאטין פון גאט זאלסטו איבער נעכטיגין · וואול און גוט איז דיר וואס דוא האסט זוכה גיוועזן צוא גיין נאך דיין באשעפער און צוא לייכטין דיין ליכט · און דו האסט גילערינט די ישראל רעכט פארטיגע גיזעץ · און נוטע משפטים צו מאכין גרעכט די לייט פון דיין דור · און עס איז אייך גוט דען אייער שכר איז זייער גרוים · און דער גרויסער און דר הייליגער קיניג ברוך הוא זאל איילין און זאל באלד אייך לעבדיג מאכין און זאלסט אויף שטיין מיט אלע איבעריגע צדיקים און חסידים פון דער וועלט · און זאל דיך מזכה זיין צו דער וועלט וואס איז אלע צייט גוט און זיא בלייבט לאנג · דאס אלץ וואס איז דרינען איז גיבענטשט · און צו זענעפטיגין דיך מיט די תענוגים וואס הייסט זיו שדי און דיא בהמה וואס זיא פאשעט זיך אייף טויזינט בערג דאס איז דער שור הבר און דער לויתן · און דעם וויין וואס איז באשאפין גיווארין אין אן הויב בשעת די וועלט איז באשאפין גיווארין וואס ער איז אויס דער ווילט מיט אלעם גוטין · און אזו וויא דו האסט זיך גימיהט אויף דער דאזיגער וועלט צוא לערנען תורה אזו אויך זאלסטו גיין פון איין חברותה צוא דער אנדערע און פון איין ישיבה צו דער אנדערע ביז דעם ארט וואס דער פארכטיגער איז און נייע טעמים פון דער תורה זאלסטו זוכה זיין צו הערין פון גאט ברוך הוא וואס ער וועט דרשנן און אנטפלעקין לעתיד לבא און עס זאל זיין ווילין פאר אונזער פאטער

לפני אבינו שבשמים שאזכה בזכותם ובזכות כל שאר הצדיקים והחסידים השוכבים פה. שיכפר לי האל הסלחן על כל חטאתי ועונותי ופשעי כי למען כבודך באתי הנה להלל לשם הגדול והנורא ולהשתטח על קברך לבקש ממך שתתפלל עלי שיצילני מן השוד ומן השבר ומן הבזה ומן הטלטול הקשה ומפחד ובהלה וממיתה משונה ומגונה ומן השעות הרעות וישלח ברכה והצלחה בכל מעשה ידי וירפא את תחלואי ויברך את לחמי ומימי ויסיר כל מחלה מקרבי ויצילני מן כל אויב ואורב ולסטים ויתן לי ולכל ישראל מתנה טובה ופרנסה טובה למען זכותכם וצדקתכם ויתן לי חלק טוב ושכר טוב כדי שאזכה לחיי העולם הבא ויבשרני בשורות טובות וישמיעני שמועות טובות ויתן לי אורך ימים ושנות חיים ושלום והשקט ובטח ואל יאסף עם חטאים

פון דעם הימיל דאס איך זאל זוכה זיין פון וועגין דיין זכות און פון וועגין דעם זכות פון אלע די איבעריגע צדיקים און חסידים וואס רוען דא · אז גאט ברוך הוא זאל מיר פאר געבין אויף אלע מיינע זינד פון אום געריין און אמיסטענע אדער מיסטגרייף דען וועגין דיין כבוד בין איך אהער גיקומען צו לויבן גאט ב"ה דר גרוישר און דר פארכטיגר · און צו פאר שפרייטין זיך אויף דיין קבר צו בעטין פון דיר דו זאלסט בעטין פאר מיר אז ער זאל מיך מציל זיין פון פאר וויסטונג און ברעכינגעס און רויבונג · און פאר שווערע פאר וואגלונג · און פאר פארכט און דער שרעקינגעס און פון מיתה משונה · און פון איין שענדליכין טויט און פאר די בייזע שעות · און ער זאל שיקן ברכה און הצלחה אין אלע די ווערקין פון מיינע הענט · און ער זאל היילן מיין קראנקייט · און זאל בענטשין מיין ברייט און מיין וואסער און זאל אפ טאן אלערלייא קראנקייט פון צווישין מיר · און זאל מיך מציל זיין פון אלערלייא פיינד און לויערס און גזלנים און זאל געבין צוא מיר און צוא אלע ישראל אגוטע מתנה און אגוטע פרנסה פון וועגין אייער זכות און אייערע צדקות און ער זאל מיר געבין איין גוטין חלק און איין גוטין לוין פון וועגין איך זאל זוכה זיין צו דעם לעבין פון דעם עולם הבא און זאל מיר גוטע בשורות מבשר זיין און זאל מיר לאזין הערין גוטע הערונג · און זאל מיר געבין לאנגע טעג און יארין פון לעבין און שטילקייט און זיכערהייט און זאל ניט איין טאן מיין נשמה מיט דיא זינדיגער און מיין לעבין ביי דיא גזלנים שולדיגע מענטשין · און זאל מיך ניט אוועק נעמען פון דר וועלט אין מיינע האלבע יארין און ער זאל דר פילין דיא צאל פון מיינע טעג אין איין גוטין עלטער און זאל מיר

נַפְשִׁי וְעִם אַנְשֵׁי דָמִים חַיָּי . וְאַל יַאַסְפֵנִי בַּחֲצִי יָמַי וִימַלֵּא מִסְפַּר יָמַי בְּשֵׂיבָה טוֹבָה וְיוֹסֵף לִי חָכְמָה וָדַעַת וּבִינָה וְחֵן וָחֶסֶד וְרַחֲמִים לְפָנָיו וְלִפְנֵי כִּסֵּא כְבוֹדוֹ וְלִפְנֵי כָּל הַבְּרִיּוֹת שֶׁרוֹאִין אֶת פָּנַי יְיַחֵד לְבָבִי לְאַהֲבָה אוֹתוֹ וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמוֹ וְיַטֶּה לְבָבִי לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ בְּלֵבָב שָׁלֵם וְיִשְׁמַע קוֹל תַּחֲנוּנַי וְאַל יְשִׁיבֵנִי רֵיקָם מִלְּפָנָיו :

און מען זאל דיא אויגין קעגין דעם הימל אויף הייבין און זאגין :

אָנָּא אֲדוֹן הָעוֹלָמִים . רַחֲמָן מָלֵא רַחֲמִים . אַף אִם אָמְנָם שָׁגִיתִי חָטָאתִי עָוִיתִי וּפָשַׁעְתִּי כָּזֹאת וְכָזֹאת עָשִׂיתִי . הֵן בְּעַצְמִי אוֹ בְגִלְגּוּלַי הֵרֵעוֹתִי אֶת מַעֲלָלַי הֵן אִם בְּגִלְגּוּל זֶה אוֹ בְגִלְגּוּל אַחֵר . בְּמַעֲשֶׂה אֲשֶׁר אֵין לוֹ שַׁחַר . אֲדֹנָי שְׁמָעָה אֲדֹנָי סְלָחָה אֲדֹנָי הַקְשִׁיבָה וַעֲשֵׂה אַל תְּאַחַר . וְלֹא תֵרָאֶה אוֹתִי נִדָּח וְהִתְעַלַּמְתָּ . עָזוֹב תַּעֲזֹב וְהָקֵם תָּקִים לִיצִיר אֲשֶׁר גָּלַמְתָּ . כִּי מִי אָנֹכִי כִּי הֲבִיאוֹתַנִי עַד הֲלוֹם . וְאֵין אֲנִי לְצָרְכְּךָ כְּלוּם . כִּי אִם בְּחַסְדְּךָ הַגָּדוֹל לְזַכּוֹתִי בְּרָאתַנִי . וּמֵאַיִן לְיֵשׁ הִמְצֵאתַנִי . וְאִם הֲרֵעוֹתִי אֶת מַעֲשַׂי וְקִפַּחְתִּי אֵל בְּאַפְּךָ

---

מערין קלוגהייט און וויסין שאפט און פאר שטאנד און לייטזעליקייט און גינאד . און דער בארימקייט פאר אים און פאר זיין כסא כבוד און פאר אלע לייט וואס זעהן מיין פנים . און איינציג מיין הארץ נאט ליב צו האבין און צו פארכטין זיך פאר אים און זאל נייגין מיין הארץ צו טאן זיין ווילין מיט דעם גאנצין הארץ און זאל הערין מיין גיבעט און זאל מיך ניט ווידער קערין ליידיג פון פאר אים :

דא הויבט מען אויף די אויגין צום הימיל און מען זאגט דאס :

אנא איך בעט דיך הער פון דיא וועלטין . דער בארעמיגער וואס איז פול מיט דער בארימקייט . חאטשע איך האב גיפעלשט איך האב גיזינדיגט און גיטאן און רעכט און גימיסטייט . און האב גיטאן נאך אזעלכע גלייכין סייא דורך מיר זעלבסט אדער אין יענע גלגולים . איך האב גיאיבילט מיינע ווערק סייא אין דעם דאזיגין גילגול אדער אין אנאנדער גלגול מיט אזעלכע מעשים וואס מען קאן זיי ניט פארשטין גאט העו צו גאט פאר גיב . גאט פאר נעם מיין גיבעט און טוא עס זאלסט ניט זאמען . און זאלסט מיך ניט זעהען אז איך זאל ווערין פאר שטויסין און זאלסט זיך פאר הוילין פון מיר . נאר העלף און ריכט אויף דאס באשעפענעס וואס דוא האסט גיפורעמט . דען וואס בין איך וואס דוא האסט מיך גיבראכט אזו ווייט און דו דארפסט מיך גאר ניט האבין פון דיינט וועגין נאר דוא האסט מיך בשאפין מיט דיין גרוים גינאד מיך מזכה זיין . און אוים גישט האסטו מיך גימאכט גיפינען אויף דער וועלט . און ווען איך האב גיטאן שלעכטע מעשים און האב מיך זעלבסט פאר דארבין זאלסטו מיך ניט שטראפין מיט דיין גרים צארין צו משפטין מיך מיט יסורים . ווארום אז דוא וועסט מיר יוא אש

תוכיחני ליסר במשפט אותי . ואם ככה את עשה לי הלא טוב לי
שלא נבראתי . ולעולם לא יצאתי . אך בהביטך לסוף דבר בקדמותו .
על כן הקדמת רחמיך לדינך ומדתך להאריך אפך לרעים ולטובים .
ולותר צבחר להתקים העולם בישובו . כי טוב יי לכל ורחמיו על
כל מעשיו . ישמח ישראל בעושיו . ואם מעשי גרמו להבדיל בין
קודש לקודש . אתה תבחר ותקרב ותחדש . השיבנו יי אליך
ונשובה . ונחטיבך בעולם חטיבה . ואם סכותה בענן לך מעבור
תפלה . גרש לץ ויצא מדון כותב שטנה ויללה . ותשמחנו בגילה
אחר גילה . ואם אין אתה עושה בגיני . למען זכות אבותינו
פדני וחנני . הושיעה ימינך ועני ויהיו לרצון אמרי פי . ולא
יחשב לי שמץ ודופי . ודברי המגמגם . ולשוני המלא פגם . יהיו
לרצון לפניך כאילו הייתי מליץ יושר . מרבה בשבחות וכתרים

---

טאן וואלט דאך פאר מיר בעסער געוועזן אז איך וואלט גאר ניט בשאפין געווארין · און וואלט ניט געוועזן ארויס גיגאנגען אויף דער וועלט · נייערט וויל דוא זעהסט בייא אן הייב פון דער זאך וואס דער סוף דער פון וועט זיין · דריבער האסטו גיפעדערט דיין רחמנות פאר דיין דין · און דיין מדה איז דאך אויף צו האלטין דיין צארין צו די בייזע און צו גוטע · און צוא פיסליך נאך צוא געבין כדי דיא וועלט זאל קענען האבין איין באשטאנד · דען ג.ט איז גוט צו אלע און זיין רחמנות איז אויף אלע באשעפינעס · די ישראל טוען זיך פרייען מיט זייער באשעפער · און ווען מיינע מעשים האבין גורם געוועזן צו מאכין אצווישין שייד צווישין איין הייליקייט און צווישין אנאנדער הייליקייט · זאלסטו דאס בעסטע אויס דער וויילין און זאלסט גינעהענן איין הייליקייט מיט דעם אנדערין און זאלסט ווידער באנייען מאך אונז ווידער קערין צו דיר גאט און דאן וועלין מיר ווידער קערין · און מיר וועלין דיר איין לויב געבין אין דער וועלט · און ווען דוא האסט פאר דיר צו גידעקט מיט וואלקין דאס אונזער גיבעט זאל ניט קענען דורך גיין צו דיר פאר טרייב דעם שפעטער דאס איז דער שטן און לאז ארויס גיין דער קריגער וואס ער שרייבט אויף מסירות און קלאג און מאך אונז פרייען מיט איין פרייד נאך דער אנדערער · און ווען דוא ווילסט עס ניט טאן פון מיינט וועגין לייז מיך אויס פון מיינע חטאים און לייט זעליג מיך פון וועגין דעם זכות פון אונזערע עלטערין · לאז דיין רעכטע האנט מיר העלפין און ענטפער מיר און זייא זאלין זיין מיינע רייד צוא ווילין · און עס זאל מיר ניט ווערין גירעכינט קיין שאנד פלעק און לעסטרונג · און מיינע שטאמעלדיגע רייד דאס מיינט מען וואס איך קען ניט רעכט ריידין און מיין צונג וואס ויא איז פול מיט שענדליכקייט · זאלין זיי זיין באווילינגט פאר דיר גלייך וויא איך וואלט גיוועזן איין רעכט פארטייגער פיר שפרעכער וואס מערט מיט לויב און קניפט קריינען צוא דיר · און גלייך וויא משה רבינו האט גיזונגען בייא דעם ים דיא שירה · פון אז ישיר און אזו וויא דוד המלך וואס ער האט גיזונגען מיט כלי זמר · און גלייך וויא איך וואלט טכוין גיוועזן אין דיא אויבערשטע סודות · און גלייך וויא איך וואלט גיזאגט שירה מיט

קשר . וכמשה בשירת אז ישיר . וכדוד יחשב לי לכלי שיר . וכאילו הייתי מכוין בסודות עליונים . ואומר שירה עם עירין וקדישין שרים ונוגנים . ודלוגי ולגלוגי יהיה עליך אהבה . כשבח ושירה ערבה . ואני חכמה שכנתי ערמה . לסבב את קברי הצדיקים בעלי נשמה . כדי שגם המתים יבקשו עלי רחמים . כי גם להם הוא לתועלת . והרבה פעמים נשמה מנשמה נאצלת. וכענף באילן דבוקה וכגדיל בשלשלת חבוקה . כאן המתים יורשים את החיים . להוסיף להם מאורים . ואתה אלוה סליחות . תהיינה אזניך קשובות ועיניך פקוחות . לשמוע אל תפלות עבדיך הנשמה והרוחות . ואל האדם המבונה מחושים וכחות . ומגיד שחות . מעבדה קשה ומקצר רוחות. ואל תשיבנו ריקם מלפניך. והאר אלינו את פניך . ויהיו לרצון הגיון פי ומלולי . לפניך יי צורי וגאלי:

דאס זאל מען זאגין ווען מען גייט ארום דיא קברים:

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שתברך את כל מעשי ידי עד בלי די ומידך המלאה תשביעני ומאוצרך הטוב תמלא את ביתי ותצליח דרכי ואורחותי ושמור רגלי ונתיבותי כי בידך מסורים כל החיים ויהיו מזונותי מסורים בידך ומתוקים ולא יהיו ביד בני אדם כי הם מרים וקשים כלענה בבושת פנים מכלימים

---

דיא הייליגע מלאכים וואס לויבין אונ זינגען . אונ מיין איבער הופין אונ מיין שטאמלען זאל ביי דיר אויך אזו ליב זיין אזו וויא זיסע לויב אונ געזאנג . אונ איך האב באטראכט מיט חכמה ארום צו רינגלען דיא קברים פון דיא צדיקים וואס האבין פרומע נשמות . פון וועגין דיא טויטע זאלין אויך פאר מיר בעטין דער בארימקייט דען פאר זייא איז דאס אויך איין הילף . אונ פיל מאל ווערט איין נשמה אפ געשייד פון דער אנדערע אונ איינע איז באהעפט אין דער אנדערע אזו וויא אצווייג אין אבוים . אונ אזו וויא איין שטריקיל איז באהעפט צו איין קייט . אונ דא איצונד ארבין די טויטע פון דיא לעבידיגע צו פאר מערין זייא ליכטיקייט אונ דוא גאט וואס דוא פאר געבסט דיא זינד לאזין דיינע אויערין פאר נעמען אונ דיינע אויערין זאלין זיין אפין צו הערין דאס געבעט פון דיינע קנעכט דיא נשמות און רוחות . אונ צו דעם מענטשין וואס ער איז געבוזיט פון חושים אונ קראפטין . אונ דער הער זיין געבעט אויס שווערין דינסט אונ אויס קורצין אטום . אונ דוא זאלסט מיך ניט ווידער קערין ליידיג פון פאר דיר אונ מאך לייכטין צו אונז דיין שכינה . אונ עס זאל זיין באוויליגט דאס שפרעכין פון מיין מויל אונ מיין ריידין צו פאר דיר גאט מיין באשעפער אונ מיין אויש לייזער פון אלע חטאים :

יהי עס זאל זיין דער ווילין פון מיין גאט אונ דער גאט פון מיינע עלטערין דוא זאלסט בענטשין אלע דיא ווערק פון מיינע הענט ביז עס זאל זיין גאנץ גינוג . אונ פון דיין פולער האנט זאלסטו מיך זאט מאכין אונ פון דיין גוטין אוצר זאלסטו דער פילין מיין

לכן ברחמיך הרבים תכין לי מזונותי מידך הטובה והמלאה ויהיו שלמים ותהא מלאכתי לברכה ולא לעניות לחיים ולא למות ותזכני שלא יתחלל שם שמים על ידי ואהיה מן המועילים והמשפיעים טוב לכל אדם תמיד ותדריכני בדרך ישרה לפניך ותנני לחן ולחסד ולרחמים ולרצון בעיניך ובעיני כל רואי כי אל חנון ורחום אתה ורב חסד לכל קוראיך באמת ואל תשיבני ריקם מלפניך בזכות הצדיקים מרנן ורבנן הנקברים פה ובכל העולם ובזכות תורתם הקדושה וחדושיה שנתחדשו על ידיהם ומעשיהם הטובים שעשו בעולם הזה כלם יהיו עלי מליצי יושר לפניך ולפני כסא כבודך לעשות את שאלתי ולמלאות את בקשתי אשר עבדך מתפלל לפניך לבלתי אשוב ריקם ואל ימנעני שום מקטרג מעתה ועד עולם אמן סלה :

ו׳ איין תפלה פאר די לייטין · די אלע טאג דאס בית החיים אום רינגלען אויף אלע זייטין:

שלום עליכם נשמות הטהורים . צדיקים חסידים ישרים . נשמת רוח חיים . אשר יצר וברא ונפח אלהים חיים . ושם אותם בגוף האדם מצות

---

הויז און זאלסט באגליקין מיין וועג און מיין שטעג און היט מיינע פיס און מיינע שטעגין ווארום אין דיין האנט זיינען איבער געאנטפערט אלע לעבעדיגע · און מיין שפייז זאל זיין איבער געאנטפערט אין דיין האנט און זאלין זיין זיס · און זאלין ניט זיין דורך די האנט פון אמענטשין ווארום זיי זיינען שוועער און ביטער אזו וויא ווערמוט זייא טוען פאר שעמען דעם פנים מיט שאנד דרום מיט דיין פיל דער בארימהערציקייט זאלסטו מיר אן ברייטן מיין שפייז פון דיין גוטער און פולער האנט און מיין ווערק זאל זיין צו בענטשונג און ניט צוא ארומקייט · צו לעבין און ניט צום טויט און דו זאלסט מיך מזכה זיין עס זאל ניט פאר שוועכט ווערין נאטס נאמען דורך מיר · און איך זאל זיין פון דיא וואס העלפין און גיבין פיל גוטש תמיד צו אלע מענטשין · און זאלסט מיך מאכין טרעטין מיט דעם רעכט פארטיגין וועג פאר דיר · און זאלסט מיך געבין צו חן וחסד און צוא דער בארימהערציקייט · און צו ווילין אין דיינע אויגין און אין די אויגין פון אלע וואס זעהען מיך אן · דען דוא ביסט אליטזעליגער און ערבארמיגער גאט · און טוסט פיל חסד צו דיא אלע וואס רופין דיך מיט אמת און זאלסט מיך ניט ווידער קערין ליידיג פון פאר דיר אין דעם זכות פון דיא צדיקים אונזערע לערנער און אונזערע הערין וואס זיא זיינען באגראבין דא און אויף גאר דער וועלט און אין דעם זכות פון זייער היילינגער תורה און זייער באנייאונג וואס זייא האבין באנייט אין דער תורה און זייערע מעשים טובים וואס זייא האבין גיטאן אויף דער דאזיגער וועלט זיי אלע זאלין זיין מליצי יושר פאר דיר און פאר דיין כסא כבוד דוא זאלסט טאן מיין גיבעט און צוא דער פילין מיין באגער וואס דיין קנעכט בעט פאר דיר דאס איך זאל ניט ווידער קערין ליידיג · און מיין שום מקטרג

זאל

אלהים לשמרה ולעבדה . מעת לעת ומפקידה לפקידה . הן אותם שמלאו ימיהם ושנותם ונאספו בשלום אל אבותם והן אותם שמתו קודם זמנם . ושנמסרו לדומה ממונם . הן אותם שבאו מן החדר . חדשים לבקרים פרי עץ הדר . והן אותם נשמות פרי קדש הלולים . והן אותם אשר מתלבשים ומאירים זה בזה על ידי מעשה הגברים . והן אותם שמלאו ימיהם וקבלו דינם . והן אותם שעדין לא נפרעו מעונם. גם לכלכם יתן יי רחמים ומנוחה . איש על מחנהו ואיש על דגלו להרויחה . במנוחת שלום ושלוה והשקט ובטח מנוחה שלמה . בתוך מלאכי מעלה שרפי קדש אדירי אימה . בסתר עליון בצל שדי יתלוננו תחת כנפי הכרובים . עם האבות החביבים. וממעלה למעלה תעלו . הזך והישר פעלו . ואשר אין לו כסף הזכיות . כדי לעלות במשכיות . ובמעלות הסולם אשר ראשו מגיע לשמי השמים העליונים . ולהנות מזיו יקר אדוני

---

זאל מיך ניט פאר מיידין פון איצונד ביז אייביג אמן סלה :

שלום פריד אויף אייך איר היילינע נשמות · צדיקים חסידים רעכט פארטיגע נשמות פון איין לעבעדיגין אטום · וואס דער לעבעדיגער גאט האט באשאפין און גיפורמט און גיבלאזין · און האט זייא גיטאן אין דעם לייב פון דעם מענטשין דאס ער זאל היטין און טאן דאס גיבאט פון גאט · אין אלע צייט און אין אלע גירעכינגעם · סייא די דאזיגע וואס האבין אויס גילעבט זייערע יארין און טעג · און זיינען גיקומן מיט פריד צו זייערע עלטרין · סייא די דאזיגע וואס זיינען גישטארבין פאר זייער צייט און זיינען וואָרין איבער גיענטפערט צו זייער ממונה דער מלאך דומה · און סייא די דאזיגע וואס זיינען גיקומען אויס איין חדר וואס ווערין אלע פריא נייא בשאפין אזו וויא איין פרוכט פון איין שיינעם בוים · סייא די נשמות וואס זיינען וואָרין אזו וויא איין היילינע ליבליכע פרוכט · און סייא דיא דאזיגע וואס זיינען וואָרין קלאר און לייכטין איינס מיט דעם אנדערין דורך זייערע שטארקע ווערקין און סייא דיא דאזיגע וואס האבין שוין דער פילט זייערע טעג און זיינען אויס גישטאנן זייער דין · און סייא די דאזיגע וואס זיינען נאך ניט באצאלט גיוואָרין פאר זייער זינד צו זיי אלע זאל גאט געבין דר בארימהקייט און רואה · איטליכער אויף זיין רואונג און איטליכער אויף זיין פ אין צוא דער ווייטערין · מיט איין ריא פון פריד און שטילקייט און זיכערליכין אגאנצע רוא · צווישין די מלאכים פון דעם הימל און דיא היילינע שרפים דיא שטארקע דיא פארכטיגע · אין דעם איבערשטין פאר

פארגינעם

האדונים . יעשה יי עמו חסד לחננו ממתנת ידו .
כאשר גלה לישרים סודו . באמרו וחנותי את אשר
אחון ורחמתי . משלי אעשה וקרן רוממתי . ואני
תפלתי לך יי עת רצון . יענני בקראי מקירות לבי
פנימי וחיצון . על כל הנשמות הטהורים . ועל כל
הנפשות הרוחות והאורים . מי שיש לו משלו . ומובן
פת בסלו . ישלם יי פעלו כפלי כפלים . להיות כמלאכי
אלהים עולים . ולענגו בתענוגים בידיעת סודות
עליונים . משמותיו הקדושים אשר כל העולמות
בונים . ואחרי שמעלין בקדש ולא מורידין . יזכהו
ביום עמדו לדין . ביום יי הגדול והנורא . ולעמוד
בתחיה לעולם הבא ועל ראשו תהיה השכינה שורה .
ואותן שעדין לא קבלו דינם המקום ברחמיו יכסה
על עונם . ויסיר מהם יגונם . ואת מלאכי פחד וסיוטא .
ויעלה לאותן שבתחתיות דיוטא . ויקל מעליהם דינם

---

בארגינעם אין דעם שאטין פון גאט זאלין זיי נעכטיגין אונטער די פליגיל פון דיא מלאכים וואס הייסין כרובים . מיט דיא געליבטע עלטערין . און פון איין מעלה צוא דער אנדערער מעלה זאלט איר אויף גיין צוא גאט וואס זיין ווערק איז לויטער און רעכט פארטיג . און דער וואס האט ניט קיין גילוסטיגע זכיות ארויף צוא גיין צוא דיא אויס גיפלאסטערטע קאמערין און אין די טרעפ פון דעם לייטער וואס זיין שפיץ גרייכט צו דיא אויבערשטע הימלען . און הנאה צו האבין פון דעם לויטערין כבוד פון דעם הער איבער אלע הערין . זאל גאט מיט אים טאן גינאד צוא שיינקען אים פון דיא גאב פון זיין האנט . אזו וויא ער האט זיין סוד אנטפלעקט צו דעם רעכט פארטיגן משה רבינו. דער מיט וואס ער האט אים גיזאגט און איך וועל לייטזעליגין צו דעם וואס איך וועל וועלין לייט זעליגין און איך וועל מיך דער בארימען איבער אזעלכין וואס ער האט אפילו ניט פאר דינט . פון מיינע וועל איך אים שיינקען און וועל דער הייבין זיין הערשאפט און איך בעט אז עס זאל זיין אבאוויליגע צייט דאס מיין תפלה זאל ארויף גיין צו גאט ער זאל מיר ענטפערין ווען איך רוף אים אן אויס דעם גרונט פון מיין הארץ פון אינווייניג און אויסווייניג אויף אלע דיא ריינע נשמות און אויף אלע לייבער און רוחות . דער וואס האט פון זיינע און האט זיך פאר דינט זיין שפייז מיט מעשים טובים זאל גאט בצאלין זיין ווערק פיל טאפיל . ער זאל זיין אזו וויא דיא מלאכים פון גאט וואס גייען אויף דעם הימל . און צוא ווענעפטיגין אים מיט תענוגים אין די ווישין שאפט פון דיא אויבערסטע סודות . פון זיינע הייליגע נעמען וואס זיי בויען אלע וועלטין

און

ומשפטיהם . למען זכות אבותיהם . ואותן הנדונים
באש ובמים . ירחם עליהם אלהים חיים . ויפסיק עשן
מקברם . ולא יאבד שברם . ואשר נדונים בבור
תחתיות ובכפור ובשלג . ובשטף תעלה ומי פלג .
ימחול לו אדוננו . על פשעו וזדונו . ויסיר ממנו דינו ויגונו .
ויעלהו לשמי מעונו . שבתו יתן ורפא ירפאנו . ובין
נגידים יושיבנו . בתוך אהלי אפדנו . ומעץ החיים ומעץ
הדעת טוב ורע יאכילנו . ודברים וסודות סתומים
וחתומים יודיענו . ובכל חדש ושבת ישלח שלש
כתות מלאכים . להיות מזומנים ללות נשמתם למקום
מעלתם ששים ושמחים . ואף אותם שדינם להורידם
בבית אלהים ושער השמים תחדם . והצילם וכפר
על חטאתם . ולפנים משורת הדין להט הכנם להיות

---

און ווייל די מדה פון גאט איז אז מען ברייננט אויף אין די הייליקייט און מען גידערט
שוין ניט אראפ . זאל ער אים מזכה זיין אין דעם טאג וואס ער וועט אים אויף שטעלין
צום דין אין דעם טאג פון גאט דעם גרויסין און דעם פארכטיגין און אויף צוא שטיין
לעבעדיג אויף עולם הבא . און אויף זייער קאפ זאל רוען די שכינה . און דיא דאזינגע
וואס האבין נאך ניט מקבל גיוועז זייער דין זאל גאט ב"ה מיט זיין רחמנות באדעקין
זייערע זינד און זאל אפ טאן זייער טרויערקייט פון זייא און אויך דיא פארכטיגע און
דיא שרעקליכע שדוחים און צוא דיא וואס זיינען אין דיא אונטערשטע קאמערין פון גיהינם
זאל ער ארויף ברייננען און זאל גרינגער מאכין פון זייא זייער דין און זייער משפט . פון
וועגין דעם זכות פון זייערע עלטערין . און דיא וואס ווערין גימישפט אין פייער און אין
וואסער . זאל דער לעבעדיגער גאט זיך דער בארימען איבער זיי . און זאל לאזין אויף
הערין דעם רויך פון זייער קבר . און זאל ניט מאכין פאר לירין זייער האפונג . און די
וואס ווערין גמשפט אין דעם הינטערשטין גרוב פון גיהנם און אין אייז און אין שנייא
און דעם פאר פרייצונג און אפ גיטיילט וואשער זאל אים זיין הער מוחל זיין אויף זיינע
זינד און מיסטייט און זאל פון אים אפ טאן זיין דין און זיין טרויערקייט און זאל אים
אויף ברייננען אין דעם הימיל פון זיין וואוננג ער זאל אים געבין אנוטין זיצונג און זאל
אים היילין פון זיינע זינד . און צווישין דיא הערין צווישין די גצעלטן פון זיין פאליש און
זאל אים מאכין עסין פון דעם עץ החיים און פון בוים וואס דורך אים איז דאס ווישין
שאפט פון גוטש און בייז און זאל אים מאכין ווישין אזעלכע זאכין און סודות וואס זיינען
פאר שלאסין און פאר חתמת . און אלע ראש חודש און שבת זאל ער שיקין דרייא כתות
מלאכים זייא זאלין זיין אן גיברייט צוא בלייטין זייערע נשמות צו זייערע הויכע מעלות
מיט לוסטיקייט און פריילך און אויך דיא וואס זייער זיפצין זאלסט זייא דער פרייען
און

בישועתם. שאותם הנשמות שהיו בגופות מחולקים.
המקום יריק עליהם טל של תחיה מארקים. על כל
גוף בפני עצמו. ויכנסנו לגופו ויקרא לו בשמו. ושמתו
מקרוב תעלה נשמתם בארחים ושבילים ידועים בלי
סכנה. אל הר האלהים אל המקום אשר הוא חונה.
ורוחו ונפשו ונשמתו. זה בזה תקשר. להודיענו
סודות עליונים בעיניו יכשר. ותנצלם מהטוטים
ומהצטער בעון חיים. אשר הם חוטאים ורעים. כפר
לעמך ישראל אלו החיים עדנה. ואשר פדית יי ויצאה
נפשו מנדנה. והנפש אשר בין החיים בעולם
משוטטת. ולהתפלל על החיים שפתותיהם דובבות.
תקבל ברחמים וברצון את תפלתה ותשע אל רחשה
ואל שועתה. והרוח אשר הוא בגן עדן התחתון
להתענג תעלנה מדי שבת בשבתו ומדי חדש בחדשו
לגן עדן העליון להתענג באפרסמונא דכיא ופנג.

---

אין דעם געטליכין הויז און דעם טייער פון דעם הימיל. און זייא מציל זיי און פאר גיב
אויף זייערע זינד און זאמיל זייא איין לפנים משורת הדין צו זיין אין זייער הילף. דאס
דיא נשמות וואס זיינען גיוועזן צו טיילט אין פיל לייבער זאל גאט איבער זייא גיסין פון
דיא הימלען דעם טויא וואס דורך דעם זאלין זייא ווערין לעבעדיג. ער זאל גיסין אויף
איטליכין לייב בזונדער. און זאל דיא נשמה אריין ברייגגען אין זיין גוף אריין און זאל
ווערין גירופין מיט זיין נאמען. און דיא וואס זיינען נים לאנג גישטארבין. זאל אויף
גיין זייערע נשמות אין די באקענטע שטעגין און וועגין אן סכנה צוא דעם געטליכין
בארג צוא דעם ארט וואו ער רועט. און זיין לייב מיט זיין רוח מיט זיין נשמה זאלין צוא
אנאנד גיקניפט ווערין. צוא מאכין ווישין אים דיא אויבערשטע סודות דיא וואס וועלין
וואול גיפעלין אין זיינע אויגין. און זאלסט זייא מציל זיין פון אויף גיגראבין צוא ווערין
און פון צער צוא ליידין פון וועגין דיא זינד פון דיא לעבעדיגע וואס זייא זייגען שלעכט
און זינדיג. פאר גיב צו דיין פאלק ישראל וואס זייא לעבין נאך. און דיא וואס דוא גאט
האסט אוים גילייזט און זייער נשמה איז ארוים גיגאנגען פון איר פוטער פאס דאס מיינט
מען פון זייערע גופים. און דיא נשמה וואס זיא שוועבט ארום צווישין דיא לעבעדיגע
און אירע לעפצין ריידין צוא בעטין אויף דיא לעבעדיגע. זאלסטו איר גיבעט אן נעמען
מיט דער בארימהערציקייט און מיט ווילין. זאלסטו זיך קערין צוא איר שטילע גיבעט און צו
איר גישרייא. און דיא נשמה וואס איז אין דעם אונטערשטין גן עדן צוא זענגפטינגן זיך
זאלסטו זיא אויף ברייגגען אלע שבת און אלע ראש חודש צוא דעם אויבערשטין גן עדן

ונפש כי תחטא על שהנשמה מתאחרת לעלות
למקומה. והנפש צריכה להיות משוטט בארץ ומתהלך
שמה. והרוח עומד על פתח גן עדן ואין מניחים אותה
לכנוס. תרחם עליה. והיוצא אל יצא והנכנס יכנס.
וחבוט הקבר ודין התולעים. הקל והסר מאלו בהם
מנוגעים. ובמוצאי שבתות וראשי חדשים וימים
טובים. כשהנשמות עומדות על הקברים לשבח
להשם בדברים ערבים. תהיינה עיניך פקוחות ואזניך
קשובות. לרחם עלינו בישועות קרובות. אתם נשמות
הקדושות. ידינו פשוטות וכפינו פרושות. כי ידענו
גם ידענו שכאשר העולם צריכין לרחמים. אשר החיים
הם בצער שרוים. ומתפללים את תפלותיהם על קברי
המתים. אז עמודי עולם ורהיטי ברותים. ושאר ישני
אדמת עפר. מדלגים על ההרים ומקפצים על הגבעות
כעופר. ומודיעים לישני חברון. חבצלת השרון. והם
הולכים לגן עדן שבארץ ומתיעצים עם נשמות

---

דארט זיך צו זענפטיגן מיט דעם ריינעם באלסום און שמעקנדיגן איל און ווען איינער
האט גיטאן זינדיגן ביז דיא נשמה קען אזו גיך ניט אויף גיין צוא איר ארט · און דער נפש
מוז ארום שוועבין אין דער וועלט · און די נשמה שטייט אויף דעם טיר פון גן עדן מען
מען לאזט זיא ניט אריין גיין. זאלסטו זיך דער בארימען אויף איר · און דער וואס וויל
ארויס גיין דעם זאלסטו ניט ארויס לאזין · און דער וואס וויל אריין גיין דעם זאלסטוא
לאזין אריין גיין · פאר גרינגער און טוא אפ דיא יסורים פון דיא וואס זיינען מיט זייא
גיפלאגט · און אין מוצאי שבתות און ראשי חדשים און ימים טובים אז דיא נשמות
שטייען אויף דיא קברים צוא לויבין גאט מיט זיסע רייד זאלין דיינע אויגין זיין אפין און
דיינע אויערין זאלין פאר נעמען דיא לויב צוא דער בארימען זיך איבער אונז מיט נאהינטע
העלפונג · און איר היילינע נשמות אונזערע הענט זיינען אויס גישטרעקט און אונזערע
הענט זיינען פאר שפרייט · דען מיר נוייסין גיוויש אז בשעת דיא וועלט דארף האבין
דער בארימקייט ווען דיא לעבעדיגע רוען אין צער · און בעטין זייער גיבעט אויף דיא
קברים פון דיא מתים · דענמאלט די צדיקים וואס זייא זיינען גיגליכין צו די זיילין פון דער
וועלט און וויא דיא באלקינס פון דיא בוקשין בוימער · און נאך דיא איבעריגע וואס
שלאפין אין דער ערד · דיא אלע שפרינגען אויף דיא בערג און אויף דיא הייך אזו וויא
איין יונגער הירש און זיינען מודיע צוא דיא אבות פון דיא ישראל וואס זיינען גיגליכין צו

אין

הצדיקים . והם גוזרים גזרה ומקים את דבריהם האל
אשר במאמרו ברא שחקים . ומרחם על העולם להגן
עליהם . להרבות ימיהם וימי בניהם . ואותן נפשות
הצדיקים נמצאות בין החיים להגן עליהם . להיות
העולם מתקים . ואף גם כשהחיים הולכים על קברי
הצדיקים ובוכים עליהם . אותם הראוים להודיע להם .
לדבק נפש בנפש . בכן מתעוררין נפשות הצדיקים
זכות לחפש . ומתכנשין והולכין ושטין לישני חברון .
ומתפללין ומבטלין כל אף וחרון : אתה יי עלת כל
העלות . תקבל ברחמים וברצון את כל התפלות .
ועשה חסד לצריכי חסד ורחמים . והנדונים בגחלי
רתמים ובמים הזידונים ובשאר דינים . הקל את עלם.
ועשה צדקה עם כלם . ואף מי שלא נשאר לו ענף
או שורש להבריכהו . ולא מטע זרע אשר יצמיחהו .
ולא נין ולא נכד להעלהו . יהי חסדך יי עליהו . ואל

---

איין רויז וואס זיא וואקסט אויף איין גלייכין פלאץ איז זיא דאך זייער שיין . אונ זייא
גייען אין דעם גן עדן התחתון אריין אונ בארעטין זיך מיט דיא נשמות פון דיא צדיקים
אונ זייגען גוזר גוטע גזירות . אונ גאט וואס מיט זיין זאג האט בשאפין די הימלען איז זייא
מקיים . אונ דער בארימט זיך איבער דער וועלט אויף זייא צוא באשיצין . צו מערין זייערע
טעג מיט זייערע יארין אונ טעג פון זייערע קינדער . אונ דיא נשמות פון דיא צדיקים
ווערין גיפונען צווישין דיא לעבעדיגע צוא באשיצין אויף זייא דאס די וועלט זאל אקיום
האבין . אויך אז די לעבעדיגע גייען אויף דיא קברים פון דיא צדיקים אונ וויינען איבער
זיי דיא דאזיגע צדיקים וואס זייגען ווערט זייא מודיע צוא זיין . ווערט באהעפט זייערע
ווילין בייא אנאנד דורך דעם דער וועקין זיך דיא נשמות פון דיא צדיקים צוא זוכין איין
זכות אונ זאמלען זיך צוא אנאנד אונ גייען אונ שוועבין צוא די אבות . אונ זייא בעטין אונ
זייגען מבטל אלערלייא גרים צארין . דוא גאט ב״ה וואס דוא ביסט דער ווערקער פון
אלע ווערקין . פאר נעם מיט רחמנות אונ מיט ווילין דיא אלע גיבעט . אונ טוא גינאד
צוא דיא דאזיגע וואס דארפין גינאד אונ דער בארימקייט . אונ דיא וואס ווערין גימישפט
מיט הייסע קוילין אונ מיט שטארקע וואשערין אונ מיט אנדערע יסורים . מאך גרינגער
זייער יאך . אונ טוא מיט זייא אלע גירעכטיקייט . אויך פון דעם וואס איז ניט איבער
גיבליבין קיין צווייג אדער אווארציל אים צו מאכין באשטיין . אונ קיין גיפלאנצטין זאמען
אים צוא מאכין שפראצין . אונ ניט קיין ען אונ קיין איניקיל אים ארויף צו ברינגען אין
דיא העלפין . גאט ב״ה זאל זיין דיין חסד אויף אים . אונ זאלסט אים ניט שטראפין מיט
דיין

באפך תוכיחהו . כי אם בכל מיני רחמים לצדקהו . הלא ידעת יצרהו . כי בן אדם היה הוא : ואף שמים לא זכו בעיניך ובמלאכיך תשים תהלה . אף כי איש שותה כמים עולה : אתה יי הודעתנו מדת טובך ורחמיך . על ידי נאמן ביתך . כאמור יי במדת רחמים קודם שיחטא האדם . ויי הוא שמך לרחם על האדם אחר שיחטא לבלתי שלם כגמול ידם . אל תקיף וחזק רוכב במרכבת אש כמראה הבזק . רחום ומקדים רחמים לרוגז וכל מיני רחמים עליו יגן . חנון לחון במתנת חנם . אף למי שיש להם לתלות במעשיהם הטובים את ענינם . ארך אפים הן לצדיקים והן לרשעים . ולחוטאים ולפושעים . ורב חסד מטה כלפי חסד . למען לא יהיו בריותיו נפסד : ואמת הוא בתכלית האמתות . בדיניו בכל השלש כתות . רשעים ובינונים וצדיקים . כלם מצדיקים משפטיו ודיניו

---

דיין צארין . נייערט מיט אלערלייא דער בארימקייט איז גירעכט צוא מאכין דען דו ווייסט דאך זיינע נידאנקען . ווארום ער איז דאך נאר א מענטש גיוועזן . און אין דיינע אויגן זיינען דיא הימלען ניט ריין . אין דיינע מלאכים טושטו מאכין איין שפעטונג מכל שכן א מענטש וואס ער טרינקט אום רעכטיקייט גלייך וויא וואסער . דוא גאט האסט דאך אונז גימאכט וויסין דיין גוטע מדה און דיין דער בארימקייט דורך משה רבינו דער ווארהאפטיגער פון דיין הויז . אזו וויא עס שטייט גישריבין אין די דרייצעהן מדות ה' גאט איז מיט מדת הרחמים איי דער מענטש זינדיגט . ה' און גאט איז דיין נאמען צו דער בארימען זיך אויף דעם מענטשין אפילו נאך דעם אז ער זינדיגט דאס ער זאל אים ניט בצאלין גלייך וויא ער האט גיטאן אל ער איז א שטארקער גאט ער רייט אין פייערדיגע רייט וועגין גלייך וויא דאס גישטאלט פון דיא פונקין רחום ער איז דער בארעמדיג און פעדערט דער בארימקייט פאר דעם צארין . און אלערלייא דער בארימקייט טוט גיין פאר אים וחנון און ער איז לייט זעליג דאס ער גיט אום זיסט מתנות . חאטשע צוא אנעלכע וואס קענען אן הייגען אין זייערע גוטע מעשים שיינקט ער זיי אויך אום זיסט ארך אפים ער האלט אויף דעם צארין סייא צו דיא צדיקים סייא צו די רשעים ורב חסד און טוט פיל נינאר דאס ער נייגט זיך צו גינאד כדי זיינע בשעפינעם זאלין ניט פר לארין ווערין ואמת ער איז ווארהאפטיג מיט אלערלייא גרונטליכע ווארהאפטיקייט אין זיינע גירעכט מיט אלע דרייא כתות דאס זיינען רשעים . מיטעל מעסיגע . און צדיקים . דיא אלע דרייא כתות מאכין גירעכט זיינע משפטים און זיינע גיזעצטע דינים . נצר

הַחֻקִּים: נוֹצֵר חֶסֶד לָאֲלָפִים. אֵין שִׁכְחָה לִפְנֵי כִסֵּא כְבוֹדֶךָ. וְכָל הַמַּעֲשִׂים לְפָנָיו גְלוּיִם. נוֹשֵׂא עָוֹן וָפֶשַׁע וְחַטָּאָה. לָדוּן לְכַף זְכוּת וְלֹא לְרָעָה. וְנַקֵּה לַאֲשֶׁר שָׁב בִּתְשׁוּבָה. לֹא יְנַקֶּה לַאֲשֶׁר אוֹחֵז בִּמְשׁוּבָה: פּוֹקֵד עֲוֹן אָבוֹת עַל בָּנִים. אִם לְמַעֲשֵׂיהֶם שֶׁאֵינָם הֲגוּנִים פּוֹנִים. עַל שִׁלֵּשִׁים וְעַל רִבֵּעִים. לֹא כְמִדַּת הַטּוֹבִים שֶׁהִיא לָאֲלָפִים דּוֹר. דָּרָה עִמָּהֶם בַּמָּדוֹר: רַחֵם נָא קְהַל עֲדַת יְשֻׁרוּן. הַחַיִּים וַאֲשֶׁר מֵהֶם נֶעְדָּרוּן. כָּאָמוּר וְיָדַעְתָּ כִּי יְיָ אֱלֹהֶיךָ הוּא הָאֱלֹהִים הָאֵל הַנֶּאֱמָן שׁוֹמֵר הַבְּרִית וְהַחֶסֶד לְאוֹהֲבָיו וּלְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו. וְאַתָּה יְיָ תִּמְחוֹל וְתִסְלַח אֶת עֲוֹנָם וְהוֹשִׁיעֵנוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ: וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן וְלֹא יַשְׁחִית וְהִרְבָּה לְהָשִׁיב אַפּוֹ וְלֹא יָעִיר כָּל חֲמָתוֹ. בְּהוֹצִיאוֹ דִין אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ: יְיָ הוֹשִׁיעָה

הַמֶּלֶךְ יַעֲנֵנוּ בְיוֹם קָרְאֵנוּ:

---

חסד ער טוט גינאד ביז צווייא טויזנט גיבירד עס איז ניט פר האנדרן קיין פארגעסונקייט פאר דיין כסא כבוד · און אלע מעשים זיינען פאר אים אן גיצייכנט נושא עון ופשע וחטאה ער פארטראגט אום רעכטיקייט מיסטייט און זינד דאס ער לייגט אוים אלץ צוא גוטין און ניט צוא שלעכטין ונקה און ער לאזט לידיג דעם וואס טוט תשובה לא ינקה און לאזט דעם ניט לידיג וואס טוט ניט קיין תשובה און האלט זיך אין זיין ווילדיקייט פוקד עון אבות על בנים ער גידיינקט דיא זינד פון דיא פאטערס אויף די קינדער אויב דיא קינדער טוען אויך אזעלכע מעשים ווי זייער פאטער על שלשים ועל רבעים ביז דאס דריטע און דאס פערטע גיבירד ניט אזו וויא דיא מדה פון גוטס דען דאס גוטש גידיינקט ער ביז צווייא טויזנט דורות · דער בארעם זיך איבער דעם איין זאמלונג פון דיא ישראל איבער די לבעדיגע און איבער דיא וואס ווערט פון זייא גישטארבן · אזו וויא עס שטייט גישריבן און דוא זאלסט וויסן אז גאט דיין גאט ער איז דער רעכטער גאט · ער איז איין ווארהאפטיגער ער היט דיא זיכערהייט און דעם גינאד צו זיינע ליב האבער און צו די וואס היטין זיינע מצות · און דוא גאט זאלסט מוחל זיין און פאר געבין זייערע זינד און העלף אונז פון וועגין דיין נאמען · און ער איז איין דער בארעמיגער גאט ער זאל פאר געבין דיא זינד און זאל ניט פאר דארבין און ער מערט ווידער צוא קערין זיין צארין און אלע פאר דארבער · און ער זאל ניט דער וועקין גאר זיין גרים צארין בשעת אז ער טוט אוים ציהען דעם ווארהאפטיגין דין צוא זיין אמת · גאט העלף דער קיניג זאל אונז ענטפערין אין דעם טאג וואס מיר רופין אים אן:

שלום פריד אויף דיר און מיט פריד זאלסטו רוען דוא נפש און נשמה און רוח · און דיין

ח וואס איין באארנטער באשווערטר מענטש זאל זאגן אויף זיין פריינדש קבר :

שלום עליך ובשלום תנוח הנפש והנשמה והרוח וששעשועיך ותענוגיך בגן עדן וידעת כי שלום אהלך ונשמתך תהיה צרורה בצרור החיים את יי אלהיך ואצל אבותיך תהיה בשלום ובכבוד ובשמחה והיה לך ולבניך למשחה ולשם ולתפארת ולתהלה . ולא תצטער בצרת בניך עד עולם סלה : והנה אנכי המר העלוב והנמהר אשר גדלו וגבהו מחשבותי ודאגותי מהר ההר מענה ומדכא בכל מיני יסורים ודאגות . עד הראשונה פקודה השניה אצה וממהרת לבא מאין הפוגות : ואף שבודאי לא עבד קודשא בריך הוא דינא בלא דינא . על דא ודאי קא בכינא : על כי נלכדתי במצודת היצר וחרמיו . ודרכתי בפעמיו : ועל מתרבא דביש גדא . עד שהייני כפרת בוזא וכדא : ונפשי כעפר לכל . וביתי ריקם מכל : ובעיני גירא ושטנא ואנחה ואנינה וכאילו כל מיני

---

דער מייאונג און דיינע תענוגים זאל זיין אין גן עדן . און דוא זאלסט וויסען אז דיין וואונונג וועט פריד זיין . און דיין נשמה זאל פאר בונדין זיין אין בונד פון לעבין מיט דיין גאט . און בייא דיינע עלטערין זאלסטו זיין מיט פריד און מיט כבוד און מיט שמחה און דאס זאל זיין צוא דיר און צוא דיינע קינדער צוא איין הערשאפט . און צו איין שם און צוא איין שיינקייט און צוא אלויב . און זאלסט ניט האבין קיין צער פון וועגין דיא צרות פון דיינע קינדער ביז איביג און איך דער פאר ביטערטער און דער פאר שעמטער און דער באזארגטער . וואס מיינע גידאנקען מיט מיינע זארג זיינען העכער פון דעם העכסטין בארג . איך בין גיפייניגט און צו שטויסין מיט אלערלייא יסורים און זארג בשעת איך גידיינק נאך אין דר ערשטער צרה איילט שוין גישווינד דיא אנדערע צרה און קומט אן איין אויף הערונג . און חאטשע גאט ב״ה שטראפט דאך בוודאי ניט אום זיסט אן איין דין . דרויף טוא איך גיוויש ווייגען . וואס איך בין באצוואונגען גיווארין אין דער נעץ פון דעם יצר הרע . און האב ניטראטין אין זיינע טריט און דרויף טוא איך אויך ווייגען וואס מיין ביין מזל האט זיך אזו גימערט ביז איך בין אונטער טעניג צוא גרוים און קליין . און מיין לייב איז צוא איטליכין וויא ערד . און מיין הויז איז ליידיג פון אלעמען . און די פיילין פון דעם שטן שטייען פאר מיינע אויגין . און אויך זיפצין און קלאגין . און גליך וויא אלערלייא גיהנם וואלטין איבער מיר הערשין . און די מירין פון דר ווייטערונג און בשירטונג ווילין מיך ניט אריין לאזין . מיינע זיפצין זיינען ווייער פיל

גיהנם בי שולטין. ודלתי רוח והצלה אין אותי קולטין:
רבות מאד אנחותי ולבי דוי. מכל אשר הסבוני נושאי
כלי חובה: נהפך לבי בקרבי כי מרו מריתי. ששו
כל אויבי שומעי רעתי: צפו מים על ראשי אמרתי
נגזרתי. תושיה נדחה ממני ואין בי עזרתי: בסכנת
נפשי אביא לחמי. ומכותלי ביתי נכר שאני בפחמי:
צפד עורי על עצמותי יבש היה כעצות. חשך משחור
תארי לא נכר בחוצות: שבת משוש חגי שבתי
וחדשי. זכור תזכור ותשוח עלי נפשי: יסור יסרני
יה ביסורין שיש בהן בטול תורה ותפלה. כל אברי
בקרבי סלה. על אלה אני בוכיה ועיני יורדה מים. ונמס
כל לב ותלכנה מים כל ברכים: ואשא עיני אל ההרים
מאין יבא עזרי. אחרי כי שקילא טיבותי ושדיא
אחיזרי: ותמיד אני מתאנח בשברון כל גופי. איך
יחשב לי לשמץ ודופי: כי אולתי תסכף דרכי. ואיך

---

און מיין הארץ איז וויטאג פון דיא אלע וואס האבין מיך ארום גירינגלט טראגין פאר מיר מיינע זינד · מיין הארץ איז פאר קערט געווארין אין מיר דען איך בין גיווארין אונגעהארזאם · מיינע פיינט וואס הערין מיין בייז טוען זיך פרייען · זייא האבין גימאכט שווימען וואסער אויף מיין קאפ איך האב גיטרכט איך בין גיווארין פאר שניטין · דיא עצה איז פאר שטויסין גיווארין פון מיר און עס איז ניט פאר האנדין אין מיר קיין הילף · מיט סכנת נפשות מוז איך ברייננען מיין ברויט · און פון דיא ווענט פון מיין הויז ווערט דר קאנט אז איך בין אזו שווארץ וויא אקויל · עס איז וואָרין איין גישרומפען מיין הויט אויף מיינע ביינער און זיא איז וואָרין פאר דארט וויא העלצער · מיין גישטאלט איז וואָרין פינסטער פון איין שווארצע קויל · מען דר קענט מיך ניט אויף דער גאס · עס איז וואָרין פאר שטערט די פרייד פון מיין יום טוב און שבת און ראש חודש · איך טוא דאס גידיינקען ווערט מיין לייב אויף מיר איין גיבויגין · גאט האט מיך גיטאן שטראפין מיט אזעלכע יסורים וואס איז מבטל פון דר תורה און תפלה · אלע מיינע גלידער זיינען אין מיר צו טראטין · אויף דעם דאזיגין טוא איך וויינען און מיינע אויגין רינען וואסער · און עס איז צוא גאנגען דאס גאנצע הארץ און דיא וואסער גייען אויף אלע מיינע קניען · און איך הייב אויף מיינע אויגין צו דיא הימלען וואו ארום ועט קומען מיין הילף · ווייל מיין גוטס איז פון מיר אוועק גינומען גיווארין און איז וואָרין גיווארפין אויף דער גאס · און תמיד טוא איך זיפצין מיט צוא בראכענעם גוף · אבער דאס ווערט מיר גירעכינט צוא איין שאנד און לעסטערקייט · דען איך בין וואָרין פאר נארישט דאס האט פאר

על יי יזעף לבי ועורקי : ושמעתי אומרים ורעיוני נתמלאו נבלים . ולא בנעימים נפלו לי חבלים . באמרם אשר חטא מן הקדש לעבור חקו . ישלם השם לעשה רעה לרעתו וכדרכו : ובגלל הדבר הזה . אני מענה מדכא ונבזה : וזאת אשיב אל לבי . ורוח תנחומין לא נשאר בקרבי : כי אין דן דיני למזור . ואפס עצור ועזוב ועזור : אך כי טוב יי לכל במדתו האהובה . לאמר הנפש החוטאת תעשה תשובה : על כן שמתי נפשי בכפי . בגפי אבא ואצא בגפי : עזר לי להמציא בנגדי . את פני גואלי ופודי : ואומרה לנפשי אלכה לי שדה בוכים . אולי יאהבני אישי כשושנה בין החוחים : ואלך אחר אשר אמצא חן בעיניו . להמליץ בעדי אל אדוניו . להסיר מעלי משפטיו ודיניו . אם על המלך טוב וכשר הדבר לפניו . באתי הנה אל בית מנוחתך ולמקום קבורתך להשתטח על קברך: לבקש ממך להתפלל בעדי אל אלהיך וצורך אך:

---

קרימט מיין וועג . און וויא זאל מיין לייב מיט דיא אדערין צארינגען אויף גאט . און איך האב גיהערט זאגין און מיינע גידאנקען זיינען פול מיט טראכטונג . דאס מיין טייל איז מיר ניט גיפאלין מיט זיסקייט . דרום זאגין זיי אז דער וואס זינדיגט קענין גאט איבער צוא גיין זיין גיזעץ . דעם בצאלט גאט אזו וויא זיין בייז וואס ער האט גיטאן . און דורך דער דאזיגער זאך בין איך גיפלאגט און צוא שטויסין און דאס נעם איך מיר צום הארצין און קיין שום טרייסטונג איז ביא מיר ניט גיבליבין ווייל קיינער טוט ניט משפטן מיין משפט איך זאל דער פון גיהיילינט ווערין און עס איז ניט פאר האנדין קיין שטארקער ער זאל מיר העלפין און אויף האלטין מיין גריכט גייערט ווייל גאט איז גוט צוא אלע מיט זיין גיליבטער מדה צוא זאגין דאס לייב וואס זינדיגט זאל טאן תשובה . דרום האב איך מיך דר וועקט צוא בעטין . איך בין אליין גיקומען און וועל אליין אוועק גיין . איך זאל מיר קריגין איין העלפער ער זאל פאר מיר בעטין צוא מיין אויס לייזער . און איך דאכט ביי זיך זעלבערט איך וועל גיין אויף דיא פעלדער וואס מען פלעגט צוא וויינען . טאמער וועט מיין גאט מיך ליב האבין אזו וויא דיא רויז וואס וואקסט צווישין דערנער . און איך וועל גיין נאך אזעלכין וואס איך זאל גיפינען חן אין זיינע אויגין ער זאל אמליץ זיין פאר מיר צו זיין העד ער זאל פון מיר אפ טאן זיינע משפטים און זיין דין טאמער וועט דאס דעם קיניג וואול גיפעלין . און דיא זאך וועט גיפעלין אין זיינע אויגין און איך בין גיקומען אהער צוא דיין רוהע הויז . און צוא דעם ארט וואו דיא ביסט באגראבין .

עצמי ובשרי אתה ומבשרך אל תתעלם וזה חסדך
אשר תעשה עמדי לחנן בעדי אל יי אל עולם: וקומי
רוני בלילה לראש אשמרות. נוכח פני יי קורא מראש
הדורות שאי אליו כפיך על נפש קרובך ואהובך:
יסלח יי לעוני והרבה להשיב אפו ולא יעיר כל חמתו.
יסיר מעלי שבטו ואל תבעתני אימתו. ראה עמידתי
דל ורק מכל בעירום ובחוסר כל. ברעב ובצמא כזאב
יטרוף וכדוב שכול. אשר לא מצא לרעבו לאכול.
רבו מאד צרותי ודאגותי עד אשר מעיני תדד שנתי
נטמטם לבי לא אוכל לבכות. כי מלאתי בהלות
רבות יגון ואנחות. מסרעף וקרב טוחות. עד אשר
נתמסמסו ונתמזמזו בי כל הכחות. על כן קומי נא
עמדי נא התעוררי נא ולישועתה לי לכה נא עם סיעת
מרחמיך. מי ומי ההולכים עמך. וחלו נא פני אל
רחום וחנון. בעד נפשי האנון. יעש נא עמדי חסד

---

צוא פאר שפרייטין זיך אויף דיין קבר צוא בעטין פון דיר דוא זאלסט מתפלל זיין פאר מיר צוא דיין גאט אונ צו דיין בשעפער. דען דוא בישט דאך מיין בלוט אונ פלייש. אונ פון דיין פריינד זאלסטו זיך ניט פאר הוילין. אונ דאס איז דיין גינאד וואס דוא זאלסט מיט מיר טאן צוא באשיצין פאר מיר צוא דעם איבינין גאט. אונ שטייא אויף אונ זיי מתפלל ביא נאכט אין דעם ערשטין טייל פון דר נאכט צוא גאט ב"ה וואס ער האט אלע גיבירט אים גירופין צוא אן הייב בשעת ער האט באשאפין דיא וועלט. הייב אויף צוא אים דיינע הענט אויף דעם לייב פון דיין קרוב אונ דיין ליב האבער דאס גאט זאל פאר געבן צוא מיינע זינד אין זאל מערין ווידער קערין זיין צארין. אונ זאל ניט דער וועקין גאר זיין גרים צארין. ער זאל פון מיר אפ טאן זיין רוט אונ זיין פארכט זאל מיך ניט פאר דארבין. זעה מיין שטיין איז ארום אונ לידיג פון ארים אונ נאקיט אונ אלץ גייט מיר אפ. אין הונגער אונ דארשט אזו וויא איין וואלף פאר צוקט אונ וויא איין בער צוא רייסט פאר הונגער אונ פאר וואַרפט ווייל ער קריגט ניט עפעס צוא עסין. מיינע צרות אונ דאגות זיינען זייער פיל ביז דער שלאף ווערט פאר וואגילט פון מיינע אויגין. מיין הארץ איז ווארין פאר שטאפט איך קען ניט וויינען. דען איך בין פול מיט דער שרעקינעס אונ טרויערקייט מיט זיפצין. פון וועגין דיא פיל שווערע גידאנקען ביז אלע מיינע קראפטין זיינען אין מיר צוא גאנגען. דרום אזו בעט איך דיך שטייא אויף אונ דער וועק דיך אונ גייא צוא מיין הילף מיט דיא טייל פון דיינע ליב האבער וועלכע דו פאר שטייסט זיי זאלין מיט דיר גיין. אונ בעט פאר דעם גאט וואס ער איז ארחום וחנון. אונ בעט פאר מיין

פריינדע

וְיוֹשִׁיעֵנִי מִצָּרוֹתַי. לְמַעַן אוּכַל לִשְׁמוֹר מִשְׁמַרְתִּי מִצְוֹתַי חֻקּוֹתַי וְתוֹרוֹתַי. וְיָסִיר מֵעָלַי דַּאֲגוֹתַי. וִימַלֵּא בְּמִדָּה טוֹבָה מִשְׁאֲלוֹתַי. אֲשֶׁר אֲנִי מְבַקֵּשׁ וּמִתְחַנֵּן לְפָנָיו. יָאֵר יְיָ אֵלַי אֶת פָּנָיו. וְאֶת חַטֹּאתַי וְשִׁגְגַת הָאִוֶּלֶת. תְּהֵא אֲרִיכוּת יָמִים מְבַטֶּלֶת. אוּלַי אוּכַל לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה. וּלְתַקֵּן הַחִסָּרוֹן וְהַפְּגִימָה: עַד אֲשֶׁר אֵצֵא יְדֵי חוֹבָתִי. וְאָבוֹא בְּכָבוֹד וּבְשָׁלוֹם אֶל מְנוּחָתִי. וִיהְיֶה נַחַת לְרוּחִי לְנַפְשִׁי וּלְנִשְׁמָתִי מִן הָעוֹלָם הַזֶּה בְּצֵאתִי. וְיָקִים לָנָא מִן שְׁמַיָּא רַחֲמֵי וְחַיֵּי אֲרִיכֵי וּמְנוּחָה עַד זִבּוּלָא בַּתְרַיְתָא וּשְׁלָמָא בְּקַדְמַיְתָא וּבְבַתְרַיְתָא אָמֵן:

ו אבקשה פאר א זון צוא זאגן אויף זיין פאטערש קבר:

שָׁלוֹם עָלֶיךָ אֲדוֹנִי אָבִי וּמוֹרִי: הוֹדִי זִיוִי וַהֲדָרִי. עָלַי מֻטָּל לְכַבֵּד אוֹתְךָ בְּחַיֶּיךָ וּבְמוֹתְךָ. כִּי אֲנִי בָּשָׂר מִבְּשָׂרְךָ וְעֶצֶם מֵעֲצָמֶךָ וּמֵאֵבָרֶךָ וְדָמֶךָ. אַחֲרֵי הֱיוֹתְךָ מִשְׁתַּתֵּף בִּבְרִיאָתִי. לָעוֹלָם הַזֶּה בְּצֵאתִי. אֲשֶׁר לְטוֹבָה הָיְתָה הַכַּוָּנָה. כַּאֲשֶׁר עַל נִשְׁמָתִי עוֹר וּבָשָׂר וְגִידִים

---

טרויערינגע נשמה. ער זאל מיט מיר טאן חסד און זאל מיר העלפן פון מיינע צרות. פון וועגן איך זאל קענען היטן מיינע מצות און מיין געזעץ און מיין תורה און זאל אפ טאן פון מיר מיין זארג. און מיט אגוטע מדה זאל ער דער פילן מיין געבעט. וואס איך בעט פאר אים. און גאט זאל מיר מאכן לייכטן זיין שכינה. און מיינע זינד די נארישע און אום גערינגע זינד. זאל עס מבטל זיין דיא לאנגע טעג דאס מיינט מען ער זאל מיך דער צוא לאזן לאנג לעבן. טאמער וועל איך קענען גאנץ ארעכטע תשובה צו טאן ריכטן דעם חסרון און דעם פגם ביז איך וועל קענען לויז קומען פון מיין שולד. און איך וועל קומען מיט כבוד און מיט שלום צוא מיין רוא. און עס זאל זיין איין נחת רוח פאר מיין לייב און מיין נשמה בשעה איך וועל אוועק גיין פון דער וועלט. און עס זאל אונז פון דעם הימל אויף גילייגט ווערין דער בארימקייט און לאנג לעבין און רוא ביז דיא לעצטע לאפיטע ערד וואס מען שיט אויף דעם קבר און עס זאל זיין פריד צום ערשטן און צום הינטערשטין אמן:

שלום פריד צוא דיר מיין הער פאטער און מיין לערנער. מיין צירהאט און לויטערקייט און מיין שיינקייט איך בין שולדיג דיר כבוד אן טאן בייא דיין לעבין. און נאך דיין טויט ווייל איך בין פלייש פון דיין פלייש און ביין פון דיין ביין. און בין פון דיינע גלידער און דיין בלוט ווייל דוא האסט גיהאט איין חלק אין מיין בשאפינקייט בשעה

בנה . יי חפץ למען צדקו . להביאני על פני תבל
ארקו . אולי אבנה אנכי ממנה . להמשיך הגוף אחר
הנשמה להיות כל כמינה . ולזכותי לרב טוב הצפון .
אשר שם חלקת מחוקק ספון . אך מסבות מטרד
בת מי זהב . ושאר דברים אשר מסבות מתהפך
וגלגלא דיומא הוא דהדר ואת והב אין אני יכול לעמוד
בהאורב היושב בהחדר . ובנה עלי ויקף מצודים
גדולים גדר מזה ומזה גדר . ולא יכולתי לעמוד בו
וגרדי נתן ריחו עד שהמלך במסבו . והרעותי את
מעשי וקפחתי את פרנסתי . וכזאת וכזאת עשיתי .
ועתה אחרי כל הבא ודאי לנו הסבה אך לא במרד
ובמעל פעלתי פועל והסבות ידועות ממעשי
הגרועות . והנה אחרי שובי נחמתי . ומעשי ללבי
שמתי . ואחרי הודעי ספקתי על ירך באמור לנפשי
לקוב אויבי קראתיך והנה ברכת ברך . ועתה אדוני

---

איך בין ארוים גינאנגען אויף דער וועלט וואס די כוונה איז גיוועזן צו גוטין דאס איבער
זיין נשמה איז גיבויט גיווארין הויט און פלייש און אדעריז דען גאט האט בגערט פון
וועגין זיין גירעכטיקייט מיך צוא ברייגגען אויף דער וועלט . פילייכט וועל איך דורך דעם
פאר בעסערט ווערין נאך צוא ציהען דעם גוף נאך דער נשמה צוא איר גלייך זיין . און
מיך מזכה צוא זיין צוא דעם פיל פאר בארגינע גוטס . אזו איין טייל וואס משה רבינו איז
ראוט באהאלטין גייערט פון וועגין די טרדות איבער דעם געלט . און אנדירע זאכין
וואס דורך זייא ווערט דער מענטש פאר קערט . און דער גלגל פון דעם טאג ווערט
פאר קערט איבער דיא וועלטליכע גאב אזו קען איך ניט באשטיין קעגין דעם לויער דער
יצר הרע וואס ער זיצט אין דעם קאמער פון מיין הארץ . און בויט איבער מיר און
רינגילט מיך ארום מיט גרויסע פעסטונג און פאר צאמט מיך פון אלע זייטין און דרום
קען איך ניט בשטיין קעגין אים . און בשעת איך בין נאך אין בעסט האט מיין בינטיל
בשמים פאר לאזין זיין גישמאק און האב פאר ענדערט מיינע ווערקין . און דורך דעם
איז ווארין אפ גיהאקט מיין פרנסה ווייל איך האב פיל אזעלכע זאכין גיטאן . און איצונד
ווייל דאס אלץ איז גישעהען איז דאס גיווים אז מיר זיינען דיא סבה דער פון אבער איך
האב עס ניט גיטאן מיט ווידער שפעניקייט און מיט פעקשונג דען די סבות וואס איך בין
גיקומען צוא מיינע שלעכטע מעשים דאס ווייסט מען דאך . און איצונד האב איך מיך
ווידער גראכט און האב מיר גינומען צוא מיין הארץ מיינע שלעכטע ווערקין . און נאך
דעם אז איך האב זייא דער קענט האב איך מיך גישלאגין אויף דער זייט און האב

מתורה

אָבִי וּמוֹרִי מְלַפְּנִי וּמְעַבְּדֵנִי וְהוֹרִי. לֹא לְנַפְשִׁי לְבַד הֲרֵעוֹתִי. אַךְ גַּם נֶגְדְּךָ פָּשַׁעְתִּי. עֵקֶב אֲשֶׁר הָיָה לִי לִזְכוּתְךָ. לְמַעֲלָה רָמָה לְהַעֲלוֹתְךָ. זֹאת לֹא זֹאת הַשְּׁפָלָה הִגְבַּהְתִּי וְהַגְּבוֹהָה הִשְׁפַּלְתִּי. וְעָלַי נֶאֱמַר פָּשְׁעוּ בִי בָּנִים גִּדַּלְתִּי וְרוֹמַמְתִּי. אַךְ אָמְנָם כֵּן עֲדַיִן רַחֲמֵי הָאָב עַל הַבֵּן. וַאֲנִי וְאַתָּה נְבַקֵּשׁ רַחֲמִים מֵרָם עַל רָמִים וְזַךְ וְיָשָׁר פָּעֳלוֹ. וּבְהֵיכָלוֹ כָּבוֹד אוֹמֵר כֻּלּוֹ. שׁוֹכֵן אֶת דַּכָּא וּשְׁפַל רוּחַ. לְהַחֲיוֹת לֵב נִדְכָּאִים וְהוֹלֵךְ שְׁחוֹחַ. יְחָנֶנִּי וַיֹּאמֶר פְּדָעֵהוּ מֵרֶדֶת שַׁחַת. וְלֹא יֶחְסַר לַחְמוֹ וְלֹא יָמוּת לַשַּׁחַת. כִּי רַבּוֹת מְאֹד אַנְחוֹתַי מִסִּבּוֹת הַמּוֹנְעוֹת. וְעַל זֶה דָוֶה לִבִּי וְכָל אֵבָרַי מְטַפְּחוֹת וּמְעַנּוֹת. אַךְ לִישׁוּעַת יְיָ קִוִּיתִי. כִּי נָפַלְתִּי קַמְתִּי. יִשְׁמַע אֵל וְיַעֲנֶה וַיֹּאמַר סָלַחְתִּי. וְנַפְשִׁי אֲשֶׁר גְּנוּחֵי גֹנַח וִילוּלֵי יְלֵיל יִקַּח לְכַפָּרַת חַטֹּאתַי כְּהַקְרָבַת פָּרִים וְאֵילִים בַּחֲצוֹצְרוֹת וְקוֹל חָלִיל. וְהִנֵּה הֲרִימוֹתִי אֶל יְיָ

---

מְתַוַדֶה גִיוֶועֶן און זָאג צוא מֵיין זֵייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ גִירוּפִין צוּא פְרוּבִין מֵיין פֵיינְד דֶעם יֵצֶר הָרָע. און דוּ הָאסְט אִים נָאךְ גִיבֶּענְטְשְׁט דָאס דוּא הָאסְט אִים אַלֶיץ נָאךְ גִיגֶעבִּין. און אִיצוּנְד מֵיין הֶער פָאטֶער מֵיין לֶערִין מֵייסְטֶער מֵיין לֶערְנֶער און מֵיין וֶוערְקֶער נִיט צוּא מִיר אַלֵיין הָאבּ אִיךְ שְׁלֶעכְט גִיטָאן נָאר אַנְטְקֶעגִין דִיר הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גִיזִינְדִיגְט. דֶען אַן שְׁטָאט וָואס אִיךְ וָואלְט דִיךְ גִיקֶענְט מְזַכֶּה זֵיין אוֹיף צוּא בְּרֵיינְגֶען דִיךְ צוּא אַיין הוֹיכֶע מַעֲלָה און אִיךְ הָאבּ דָאס נִיט גִיטָאן נָאךְ מֶער אִיךְ הָאבּ דָאס נִידְרִיגֶע הוֹיךְ גִימַאכְט און דָאס הוֹיכֶע נִידֶערִיג גִימַאכְט אִין אוֹיף מִיר אִיז וָוארִין גִיזָאגְט דֶער פָּסוּק אִיךְ הָאבּ קִינְדֶער דֶער צוֹיגִין און הוֹיךְ גִימַאכְט און זֵייא הָאבִּין אִין מִיר ווִידֶער גִישְׁפֶּענִיגְט. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין אִיז נָאךְ דָאס רַחֲמָנוּת פוּן אַיין פָאטֶער אוֹיף דֶעם זוּן. אַזוֹ וֶועלִין מִיר בְּנָאנְד בֶּעטִין דֶער בַּארִימְהַקֵייט פוּן גָאט וָואס עֶר אִיז הוֹיךְ אִיבֶּער אַלֶע הוֹיכֶע און זֵיין וֶוערְק אִיז לוֹיטֶער און רֶעכְט פַארְטִיג. און אִין זֵיין פָּאלִישׁ גִיבִּין אִים אַלֶע כָּבוֹד. עֶר רוּט בֵּייא דִי פַאר שְׁטוּיסֶענֶע און בֵּייא דִיא וָואס זֵיינֶען נִידֶערִיג פוּן גִימִיט צוּ דֶער נֶערִין דָאס הַאַרְץ פוּן דִיא פַאר שְׁטוּיסֶענֶע און דִיא וָואס גֵייעֶן אַיין גִיבּוּיגִין. דֶער גָאט זָאל זִיךְ אִיבֶּער מִיר דֶער בַּארִימֶען און זָאל זָאגִין לֵייז אִים אוֹיס פוּן צוּ נִידֶערִין אִין דֶער גְרוּבּ. און זֵיין שְׁפֵּייז זָאל נִיט גִימִינֶערְט וֶוערִין און זָאל נִיט שְׁטַארְבִּין צוּא דֶער גְרוּבּ וֶוען מֵיינֶע זִיפְצִין זֵיינֶען זֵייעֶר פִיל פוּן וֶועגִין דִיא זַאכִין וָואס פַאר מֵיידִין מִיךְ גוּטְשׁ צוּא טָאן. און דְרִיבֶּער אִיז מֵיין הַאַרְץ וֵוייטָאג און אַלֶע מֵיינֶע גְלִידֶער שְׁלָאגִין זִיךְ און קְלָאגִין נֵייעֶרְט אִיךְ הָאף צוּ גָאטֶס הִילְף. דֶען וֶוען אִיךְ בִּין שׁוֹין גִיפַאלִין וֶועל אִיךְ ווִידֶער אוֹיף שְׁטֵיין

יָדַי . וְגַם אַתָּה חָלִילָה לְּךָ מֵחֲדוֹל מֵלְהִתְפַּלֵּל בַּעֲדִי .
כַּאֲשֶׁר עַד כָּאן רַחֲמֵי הָאָב עַל הַבֵּן . וְרַחֲמֵי דְאַבָּא
אַבְרָא דְאִית לֵיהּ לְהָבִין אוֹתוֹ לְסַעֲדוֹ בְּמִשְׁעַנְתּוֹ כְּמוֹ
בְּכַלְבֵן . מִמִּשְׁכָּבְךָ עִמְדִי נָא . וְאַהֲבָה הַיְשָׁנָה עוֹרְרָה
נָא . וְגַם עוֹרֵר אֶת מַלְאָךְ מַזָּלִי . לְהִתְפַּלֵּל בִּגְלָלִי .
וִימַהֵר לַעֲשׂוֹת אוֹתוֹ קַמָּא קַמָּא דְמָטוֹ יְבַקֵּשׁ עָלַי
רַחֲמִים מֵהָאֵל הַנֶּאֱמָן בִּבְרִיתוֹ . וְאִמְרִי נָא אֵל רַחוּם
וְחַנּוּן אֶרֶךְ אַפַּיִם . נוֹצֵר חֶסֶד לָאֲלָפִים . רִבּוֹן כָּל
הַבְּרִיּוֹת . הַמַּבִּיט מֵרֵאשִׁית אַחֲרִיּוֹת . וְהוּא אָמַר וַיְהִי
תּוֹצֵא הָאָרֶץ נֶפֶשׁ חַיָּה לְמִינָהּ . וְאָדָם אֲשֶׁר בַּחוּץ חָכְמָתוֹ
תָּרֹנָּה . לְהוֹלִיד בִּדְמוּתוֹ בְּצַלְמוֹ זֶה מִזֶּה מְכוּנָה . פְּרִי
עֵץ חַיִּים בְּשֻׁתָּפוּת אִישׁ וְאִשָּׁה עִם הַשְּׁכִינָה . וְכָל
הַמַּנִּיחַ בֵּן נִקְרֵאת גְוִיעָתוֹ שְׁכִיבָה וְלֹא מִיתָה . אַחַת
מִמִּצְוֹת יְיָ אֱלֹהָיו בַּעֲשׂוֹתָהּ . וְהִנֵּה נָא מָצָא עַבְדְּךָ חֵן
בְּעֵינֶיךָ וַתַּגְדֵּל חַסְדְּךָ אֲשֶׁר עָשִׂיתָ עִמָּדִי לְהַחֲיוֹת אֶת

---

גאט זאל הערין און זאל מיר ענטפערין און זאגין איך האב דיר פאר געבין . און מיין
זייל וואס זיא קרעכצעט און קלאגט דאס זאל ער נעמען פאר איין כפרה אויף מיינע
זינד גלייך וויא איך וואלט מקריב גיוועזן קרבנות פון בהמות און ווידער . מיט טרומייטן
און פייפקען און נון איך האב אויף גיהייבין מיינע הענט צו גאט און האב אים געבעטין .
דיא רחמנות פון איין פאטער איבער זיין זון . און דיא רחמנות וואס איין פאטער גיהער
צו האבין איבער זיין זון איז אים אונטער צו לעהנען און צוא העלפין אים אין אלעם וואס
מעגליך איז . דרום שטייא אויף פון דיין גילעגער און דער וועק דאס אלטע ליבשאפט .
און דער וועק אויך דעם מלאך פון מיין מזל ער זאל בעטין פאר מיר . און זאל אײלין
צו טאן וואס צום פריערשטין ער זאל פאר מיר בעטין רחמנות פון דעם גאט וואס ער
איז ווארהאפטיג מיט זיין זיכערהייט . און זאג איך בעט דיך גאט דער דא איז דער
בארמיג און לייט זעליג ער האלט לאנג אויף זיין צארין . ער היט גינאד צוא צוויי טויזנט
דורות . דער הער פון אלע באשעפענס וואס ער לוגט פון דעם אן פאנג זאך ביז דעם
עק דער פון . און האט גיזאגט דיא וועלט זאל זיין און דיא ערד זאל ארויס ציהען
אלערלייא לעבדיגע לייבער . און אויך דער מענטש זאל בשאפין ווערין וואס אלע וועלין
וויסין און זעהען זיין חכמה . און ער זאל גיווינען קינדער אין גישטאלט און זיין
פורעם איינס פון דעם אנדערין זאל ווערין גיבויט דורך באהעפטונג פון מאן מיט זיין
פרויא מיט דער שכינה דאס דיא שכינה זאל אויף זייא רוען . און איטליכער וואס לאזט
איין זון וואס האלט דיא מצות פון גאט . אזו ווערט זיין טויט גירעכינט וויא ער וואלט

נער

נפשי ולשום לי שארית בארץ להיות לי לפליטה
גדולה מיד מקטריגי ובעל משפטי לצאת לחפשי .
ואנכי לא אוכל להמלט פן תדבקני הרעה ומתי
מותא תנינא . בראותי רעות מולדתי אשר הוא
מדכא ומעונה . ואיני יכול לבוא להשיג תכלית הכונה
אשר יסודו עליו נבנה . לשמור את דרך עץ החיים .
על כי המלאכה היתה דים . מסבות המונעות
ומטרידות . והיום רד מאד עשר ירידות . והנה אתם
מהתם ואנן מהכא . נקרא לשוכן את דכא . יסיר
ממני המונע . ידיחנו אל ארץ ציה ושממה ונוע ינוע
למען אוכל לעבדו בלבב שלם . מעתה ועד עולם .
ולמען אשר אצוה את בני ואת ביתי אחרי לדורותם .
ושמרו דרך יי צדקה ומשפט לעשותם . ויאר יי ויהל
כוכבי בשמים . ואל יעלני בחצי ימי . ואהיה ממתים
ידך מחלד . ועד זבולא בתריתא להוי לי שלמא על

---

גאר לינין און ניט גישטארבין . און נון האט דיין קנעכט גיפונען חן אין דיינע אויגין און האסט מיר איין גרויסין חסד גיטאן דאס דוא האסט מיך גימאכט לעבין . און האסט מיר גיטאן איין איבער בלייבונג אויף דער ערד עס זאל מיר זיין צוא איין גרוים בשירמונג פון מיין מקטרג און מיין קריגש מאן איך זאל קענען פון אים פרייא גיין . און איך קען ניט אנטרונען ווערין נייל טאמער וועט מיך בהעפטין דאס בייז דאס איך זאל מוזין צום אנדערין מאל שטארבין . אז איך זעה דעם שלעכטין שטאנד פון מיין גיבארינקייט וואס איז צוא שטויסין און גיפיינגט . און איך קען ניט קומען און גרייכין צו דר רעכטער כוונה וואס דרויף איז גיבויט דער רעכטער יסוד . צוא היטין דעם וועג פון לעבין . איבר דיא זאכין וואס פאר מידין און מאכין מיך מרוד פון גאט צו דינען און דיא צייט איז שוין זייער נייט פאר לאפין . און איצונד זאגט איר פון דארטין און מיר פון דאנען מיט אנאנדער רופין צוא גאט וואס ער רועט מיט דעם פאר שטויסינעם . דאס ער זאל אפ טאן פון מיר דעם יצר הרע וואס ער פאר מייט מיך פון גאטס דינסט און זאל אים פאר שטויסין און פאר וואגלען צוא איין וויסטע לאנד פון וועגין איך זאל קענען דינען גאט מיט דעם גאנצין הארצין פון איצונד ביז אייביג . און פון וועגין איך זאל גיביטין צוא מיינע קינדער און מיין הויז גיזינד וואס וועלין זיין נאך מיר . דאס זייא זאלין היטין דעם וועג פון גאט און טאן גירעכטיקייט און גירעכט . און גאט זאל דער לייכטין מיין שטערין אין הימיל . און זאל מיך ניט אוועק נעמען אין דיא העלפט פון מיינע טעג . און זאל זיין פון דיא וואס שטארבין אויף דער עלטער פון דיין האנט . און ביז דיא הינטערשטע לאפיטש

פני חדד . ויבקע כשחר אורי . וארוכתי מהרה תצמיח . ויצילני וימלטני ויפלטני מכל צרה וצוקה ועון ואשמה . ומכל העומדים עלי להזיקני . ומבני אדם הרעים ומעלילות . ומכל שעות רעות המתרגשות לבא בעולם ובגלילות . ויפתח לבי בתורתו . וישם בלבי אהבתו ויראתו . ויתנני לחן ולחסד ולרחמים בעיניו ובעיני כל רואי . ויחזק ויאמץ ידי לעבוד עבודתו ולעסוק בתורתו . ויזמין פרנסתי ופרנסת אנשי ביתי ברוח ובמלוי ובשפע לכל הנאמנים בבריתו . ותהא תורתי אמנותי . ויתן לי לב טוב וחלק טוב וחבר טוב ונפש שפלה ורוח נמוכה . ואל יתחלל בי שמו . ואל יעשוני שיחה בפי הבריות . ואל תהי אחריתי להכרית ותקותי למפח נפש . ואל יצריכני לידי מתנת בשר ודם שמתנתם מעוטה וחרפתם מרבה . כי אם לידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה . ויתן חלקי בתורתו עם עושי רצונו

---

ערד זאל מיר זיין פריד אויף דער וועלט . און מיין ליכט זאל שיינען אזו וויא דר מארגין שטערין און מיין היילונג זאל גיך שפראצין . און זאל מיך בשירמען און אנטרינען פאר אלע לייד און אנגשט און זינד און שולד און פון אלע וואס שטייען אויף אנטקעגין מיר שאדין צוא טאן . און פון אלע שלעכטע מענטשין און פון בלבולים . און פון אלע בייזע שעות וואס שטורמען צוא קומען אויף דער וועלט . און זאל עפינען מיין הארץ אין זיין תורה און זיין פארכט . און זאל מיך געבין צוא חן און חסד אין זיינע אויגין און אין דיא אויגין פון אלע וואס זעהען מיך . און זאל שטארקין און פעסטין מיין האנט צוא דינען אים און צוא לערנען זיין תורה . און זאל אן גרייטין מיין שפייז און דיא שפייז פון מיין הויז לייט און צוא אלע וואס זיינען גיטרייא אין זיין זיכערהייט מיט דער ווייטערונג און דער פילונג און מיט פליסונג . און מיין תורה זאל זיין מיין ווערק און גיב מיר איין גוט הארץ און אגוטע מייל און איין גוטין חבר איין נידעריג און אונטער טעניג גימיט און זיין נאמען זאל דורך מיר נית פאר שוועכט ווערין . און ער זאל מיך מאן דאס דיא לייט זאלין פון מיר נית ריידין און מיין לעצט זאל נית זיין צו פאר שניידין . און מיין האפענונג זאל נית זיין טו ויערקייט און זאל מיך נית מאכין בדארפין צוא דעם גאב פון מענטשין וואָרום זייער גאב איז ווייניג און זייערע שאנד איז פיל נייערט צוא זיין פולע האנט די אפענע דיא הייליגע און די הרייטע . און ער זאל געבין מיין חלק אין זיין תורה

בלבב שלם. ויזכני לראות ולגדל בנים ובני בנים העוסקים בתורה ובמצות. ויהיו ממלאים ומזורזים בתורה בעושר ובכבוד בלי שום מחסור. ויזכני לראות בנין ביתו והיכלו ומקדשו ועירו בהודו ותפארתו במהרה בימינו. ויושיעני ברחמיו וחסדיו המרבים. מכל צרה וצוקה. וגם אתה אדוני מורי ואבי. אשר אתה מורשי לבבי. ימלא יי כל משאלותיך ותאותך להעלות נשמתך כחפצך. ותנוח ותעמוד לגורלך לקץ הימין. וחיתה נפשי בגללך. ויבנה על משפטו ארמון:

הייב אויף דיינע אויגין און דיינע הענט צוא גאט אין הימל און זאג:

רבון כל העולמים יהי רצון מלפניך יי אלהי הצבאות יושב הכרובים האל המפואר המפורש בשבעים ושתים שמות הקדושים המפורשים בנקיות ובטהרה שיהיו פתוחים לפני תמיד שערי תורה והחן והחסד והרחמים ושלום והחכמה והמדע והתבונה וטהרה ונקיות ופרישות ורוח והצלה בכל מעשי ידי.

---

מיט דיא וואס טוען זיין ווילין מיט אגאנץ הארץ. און ער זאל מיך מזכה זיין צוא זעהען און מגדל צוא זיין קינדער און קינדש קינדער וואס לערנען תורה און זאלין עוסק זיין אין מצות. און זאלין זיין דער פילט און גיפרישט אין דער תורה אין עושר און כבוד און עס זאל זיי קיין שום זאך ניט אפ גיין. און ער זאל מיך מזכה זיין צוא זעהען וויא זיין בית המקדש און זיין היכל און זיין שטאט ירושלים וועט גיבויט ווערין מיט זיין שיינקייט און הערליכקייט באלד אין אונזערע טעג. און זאל מיר העלפין מיט זיין דר בארימקייט און זיינע פיל גינאד פון אלע לייד און באצווינגענים. און אויך דוא מיין הער פאטער מיין לערין מייסטער און מיין פאטער וואס דוא ביסט דאס בעסטע פון מיין הארץ. גאט זאל דער פילין אלע דיינע גיבעט און דיין גילוסטיקייט ארויף צוא ברייגגען דיין נשמה אזו וויא דיין באגער איז. און זאלסט רוען און ווידער אויף שטיין צוא דיין גורל אז דאס רעכטער קץ וועט זיין. און מיין זייל זאל לעבין אין דיין זכות און דאס בית המקדש זאל גיבויט ווערין אויף זיין רעכטין שטאנד:

רבון הער איבער אלע וועלטין עס זאל זיין דער ווילין פון דיר גאט איבער די היר שארין דער דא זיצט איבער דיא כרובים. דער באשיינטער גאט וואס ער ווערט בשיינט מיט צוויא און זיבעציג שמות דיא היילינגע און ווערין באשיינט מיט ריינקייט. דאס פאר מיר זאל אלע צייט אפין זיין די טויערין פון תורה און חן און חסד און דר בארימקייט און פריד און חכמה און וויסין שאפט און פאר שטאנדיקייט. און ריינקייט און זויבערקייט און פרומקייט. און דער ווייטערונג און באשירמונג אין אלע דיא ווערקן פון מיינע

השגט

יִתְּנֵנִי בְּרָכָה בְּקֶרֶב הָאָרֶץ · וְתַצְלִיחַ אוֹתִי בְּכָל עִנְיָנַי וּמַעֲשַׂי וַעֲסָקַי וּתְהִיֶה הַשְׁגָּחָתְךָ עָלַי תָּמִיד לְטוֹבָה וּלְעֵזֶר וְלִסְמוֹךְ וּלְהוֹעִיל וּלְאוֹרָה כַּשֶּׁמֶשׁ בִּתְקוּפַת תַּמּוּז וְכַלְּבָנָה בְּטָהֳרָתָהּ בַּחֲצִי הַחֹדֶשׁ בְּכָל מָקוֹם שֶׁאֵלֵךְ וְאָבוֹא וְאֵצֵא וְאֶכָּנֵס וְדִבְרֵי יִהְיוּ רְצוּיִם לְפָנֶיךָ וּמְקֻבָּלִים בְּעֵינֵי הַבְּרִיּוֹת · וְיִהְיוּ מְתוּקִים כִּדְבַשׁ וְנֹפֶת צוּפִים גַּם בְּעֵינֵי כָּל הָאָדָם מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה וָעֶד :

רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים סְלַח לִי לְכָל חַטֹּאתַי וּמְחוֹל לִי עַל כָּל פְּשָׁעַי וְכַפֵּר לִי עַל כָּל עֲוֹנוֹתַי רְפָאֵנִי יְיָ וְאֵרָפֵא הוֹשִׁיעֵנִי וְאִוָּשֵׁעָה כִּי תְהִלָּתִי אָתָּה וְהָאֵר עֵינַי בְּמִצְוֹתֶיךָ וְהַצִּילֵנִי מֵחֶרֶב וּמֵחֳלָיִם רָעִים וּמֵעֵצוֹת רָעוֹת וּמֵעַזֵּי פָנִים וּמֵעַזּוּת פָּנִים מֵאָדָם רָע וּמֵחָבֵר רָע וּמִשָּׂטָן הַמַּשְׁחִית וּמִשָּׁכֵן רָע וּמִפֶּגַע רָע וּמִמִּקְרֶה רָע וּמִכָּל שָׁעוֹת רָעוֹת הַמִּתְרַגְּשׁוֹת לָבֹא בָּעוֹלָם וּמֵהִרְהוּרִים רָעִים וַעֲשֵׂה עִמִּי חֵן וָחֶסֶד וַאֲבָרְכָה אֶת שִׁמְךָ לְעוֹלָם וָעֶד וְאוֹדְךָ כָּל יְמֵי חַיַּי וּבְשָׁלוֹם תְּמַלֵּא מִסְפַּר יָמַי וּבְחַיִּים טוֹבִים וּבְשָׁעָה טוֹבָה וּבְמִיתָה טוֹבָה · וְיִהְיֶה יוֹם מִיתָתִי כְּיוֹם לֵדָתִי שֶׁלֹּא יִמָּצֵא בִי שׁוּם חֵטְא וְעָוֹן וְאַשְׁמָה וָרֶשַׁע וְאִם הִמָּצֵא יִמָּצֵא בְּיָדַי שׁוּם דְּבַר פֶּשַׁע תִּהְיֶה מִיתָתִי

---

הענט · און גיב מיך איין בענטשונג צווישן לאנד · און זאלסט מיר באגליקין אין אלע מיינע זאכין און מיינע ווערקין און גישעפטין און זאלסט אויף מיר אכטונג געבין אלע צייט צו גוטין און צו העלפין און אונטער צוא לעהנען און צו לייכטין וויא די זון אין תקופת תמוז און וויא די לבנה אין ריינקייט אין מיטין חודש אין אלע ערטער וואס איך וועל גיין און קומען און אויס גיין און איין גיין · און מיינע רייד זאלין פאר דיר זיין באוויליגט · און אן גינומען אין די אויגין פון לייט · און זיי זאלין זיין אזו וויא האניק און זיסע טראפין אין דיא אויגין פון אלע מענטשין פון איצונד ביז אייביג אמן סלה ועד :

רבון העראיבער אלע וועלטין פאר גיב צוא אלע מיינע זינד און זייא מיר מוחל אויף אלע מיינע מיסטייט · און פאר גיב אויף אלע מיינע פאר קריקקייט · הייל מיך גאט וועל איך זיין גיהיילט · העלף מיר וועל איך זיין גיהאלפין וייל דוא ביסט מיין לויב · און דער לייכט מיינע אויגין אין דיינע מצות · און באשירעם מיך פון שווערד און פון בייזע קראנקהייט און פון בייזע עצות און פאר איין עזות פנים · פאר איין בייזין מענטשין און פאר איין בייזין חבר · און פאר דעם שטן דער פאר דארבער · און פאר איין בייזין שכן און פאר בייזע בגעגעניש · און פאר בייזע טרעפונג און פאר אלע בייזע שעות וואס שטורמען צוא קומען אויף דער וועלט און פון בייזע גידאנקען · און טוא מיט מיר חן און חסד · און איך וועל לויבין דיין נאמען אויף אייביג און וויא לאנג איך וועל לעבין · און מיט פריד זאלסטו דער פילין די צאל פון מיינע טעג · און מיט איין לעבין פון אגוטע צייט און אגוטין טויט · און דער טאג פון מיין טויט זאל גלייך זיין וויא דער טאג וואס איך בין גיבארין גיווארין דאס עס זאל ניט גיפונען ווערין אין מיר קיין שום זינד און אום רעכט

כפרה על כל עונותי ותצילני מחבוט הקבר ותנוח נפשי בצרור החיים ונקני ביום הדין וצדקני ביום המשפט ותטע בלבי עצות טובות ותטיב לי כל החזיונות וכל החלומות שחלמתי אני לעצמי ושחלמו עלי חברי והבא עלי ברכות כהנים ותצליח דרכי ומחשבותי לטובה ותשמע קול תפלתי ותעשה את שאלתי ובקשתי ברחמים בזכות כל הצדיקים והחסידים וקדושים הנקברים פה הנפטרים על קדשת שמך ובזכות כל צדיקי וחסידי עולם. יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך יי צורי וגואלי:

ווען איינער וויל זיך קלאגין אויף זיין פאטערש קבר אויף זיינע צרות זאל ער דאס זאגין

שלום לך אבי מורי. מלפני ומחכמני והורי. שלום לך ושלום לנשמתך. והיתה שלמה מנוחתך: עתה באתי אדוני אבי. להודיעך צערי ומכאובי. ירדתי מטה מטה. בבא כגל הגלגל להחליף השטה בודאי נאמן עלי הדין. ומפי עליון לא תצא הרעות והטוב לי עיון. וקודשא בריך הוא לא עביד דינא בלא דינא. באשר חטאתי נגדי תמיד קיש קיש קריא באסתרא בלגינא. וחלילה לאל מרשע. להכות

---

און שולד און ביזקייט און אויב עס וועט יוא גיפונען ווערין אין מיר איין שום זינד · זאל מיין טויט פאר געבין אלע מיינע זינד און בשירעם מיך פון חיבוט הקבר · און מיין נשמה זאל רוען אין דעם בונד פון לעבין און מאך מיך ריין אין דעם יום הדין און מאך מיך גרעכט אין דעם טאג פון משפט · און פלאנץ אין מיין הארץ גוטע עצות · און באגיטיג אלע בחיזונג און אלע חלומות וואס מיר האט זיך גיחלומט פאר מיר זעלבערט · אדער וואס מיינע חברים האט זיך גיחלומט אויף מיר · און ברייננ אויף מיר די ברכות פון די כהנים און זאלסט באגליקין מיין וועג און מיינע גידאנקען צו גוטין · און דער הער דאס קול פון מיין גיבעט און טוא מיין באגער מיט דער בארימקייט פון וועגין דעם זכות פון אלע צדיקים און חסידים און היילינע מאנען און ווייבער וואס זיינען דא באגראבין דיא וואס זיינען גישטארבין פון וועגין דיין היילינין נאמען און פון וועגין דעם זכות פון אלע צדיקים און חסידים וואס זיינען אויף דער וועלט זיי זאלין זיין צוא ווילין דיא רייד פון מיין מויל און די גידאנקען פון מיין הארץ פאר דיר גאט מיין באשעפער און מיין אויס לייזער

שלום פריד צוא דיר מיין פאטער מיין הער מיין לערנער און מיין טראגער פריד צוא דיר און פריד צוא דיין נשמה · און דיין רואונג זאל גאנץ זיין · איצונד בין איך גיקומען מיין הער פאטער דיר צו מאכין וויסין מיין צער און מיין ווייא טאג · איך בין זייער נידעריג אראפ · דאס דער גלגל איז ווארין פאר קערט אויף מיר · דאס איז גיוויש אז אט ברוך הוא דער דין איז טארהאפטיג · און אויס דעם מויל פון דעם אויבערשטי

באגרוף רשע . בלי עון ופשע . אמנם גם אנכי ידעתי כי אין העולם בדין מתקים . לכן כאשר בריאת העולם סים . הקדים מדת רחמים לדינא . למען עולם חסד יבנה . ואדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא . והאי גברא נמי יתיב בהאי פחדא . אך העולם נדון אחר רבו . ומקום הניחו לנו להתגדר בו . והחיים יורשים את המתים למשפחותם לבית אבותם . להתקים ולעמוד בזכותם . כי כן יסד רב חסד . מטה כלפי חסד . כדי שלא תצא כאש חמת הפשעים ולחלק לא תצא ההבערה . ויהיה העולם מתקים כי לשבת יצרה . על כן עתה כאשר צר לי . בעון פשעי ומעלי . באתי הנה אל קברך . להודיעך צער וצרת ברך . איך נשתנו עליו סדרי בראשית . וככובד אבן ונטל החול עליו השית . והנני בוכה ומבכה אחרים עמי . על כי לא יהלו כוכבי שמי . כואב ודואג

---

גייט ניט ארויס מיט פלייס דאס גוטס און דאס בייז . גייערט דער מענטש טוט זיך אליין און גאט ברוך הוא שטראפט קיינעם ניט אום זיסט . נייערט מיינע זינד שטייען אלע צייט קעגין מיר און קלאפין און שרייען אזו וויא איין מטבע וואס זיא איז איינע אליין אין אקריניל קלאפט זיא שטארק און חליקה גאט זאל אום רעכט טאן צוא שלאגין איינעם אן שום זינד און מיסטייט נאר איך וויים אויך אז דיא וועלט קען ניט האבין קיין קיום ווען מען זאל זיא משפטין נאר מיט דין . דרום בשעה גאט האט בשאפין דיי וועלט האט ער גישטעלט דעם מדת הרחמים פאר דעם דין . פון וועגין דיא וועלט זאל מיט חסד גיבויט ווערין . און קיין מענטש איז ניט אזו פרום אויף דער וועלט וואס ער זאל טאן גוטס און זאל גאר ניט זינדיגין . און איך זעלבערט בין אויך אין דעם פארכט נאר וויל די וועלט ווערט גישפט נאך דעם רוב . אזו קען מיר דאס אויך צוא הילף קומן און דאס די לעבעדיגע ירשנן פון דעם זכות פון זייערע עלטערין צוא קענען באשטיין און גיניסין זייער זכות דען אזו האט גיגרונד פעסטיגט גאט וואס ער איז פיל גינאד און גייגט צו דעם גינאד פון וועגין דעם צארין פון די זינדיגע זאל ניט ארויס גיין וויא פייער און זאל חס ושלום דיא וועלט פאר ברענען : און דאן וועט די וועלט האבין אקיום וואר וויא איז דאך באשאפין גיווארין זיא זאל ווערין באזעצט דרום איצונד אז עס איז מיר איינג דורך מיינע זינד און מיין פעלשונג בין איך אהער גיקומען צוא דיין קבר דיך צוא מאכין וויסין דעם צער און די צרות פון דיין זון . וויא אויף אים איז ווארין פאר ענדערט דער סדר פון ששת ימי בראשית . אויף אים איז גיטאן גיווארין אזעלכע משאוה וויאס

ותאנח. ילולי יליל וגנוחי גנח. על רוע מזלי. וחזרת
גלגלי. נעויתי עד מאד שחותי. כל היום קודר הלכתי:
ואמרתי אילו ידע אבונן בהאי צערא. היה מהפך
בתפלתו על פיה הקערה. והנה על משכבי
בלילות. מגודל אנחותי וילְלות. תמיד משכבי עד
קומי. לא אתנה דמי: אשחה בכל לילה מטתי
בדמעתי עששה מכעס עיני בכל צרותי. חזרתי
ואמרתי מה אנא מוביד סברי מן בריי. אבקש מעם
יי עזרי. ואחישה מפלט לי מרוח סועה מסער. להודיע
לאבי הצער. אולי יחנני יי בזכותו. וישמע את
תפלתו. ויצילני מזאת הצרה. ויוציאני מאפלה לאורה.
לכן נא אדוני אבי מורי. ראה תראה בעניי וצערי. מהר
נא נוכח יי דרכך. עבור צאצאיך אשר גדלת על
ברכיך. חל נא פני אל ויחנני. מגדל צערי ואוני.
ויצילני ויסיעני. אלהי עושי וקוני. ויהיה למגן בעדי.

---

זיינען שווער וויא שטיינער אונ זאמד. אונ איך טוא אליין וויינען אונ מאך אנדערע מיט
מיר וויינען דרויף וואס מיין שטערין אין הימל טוט ניט לייכטין איך טרויער אונ זארג
אונ זיפץ אונ טוא קלאגין אונ קרעכצין אויף מיין בייז מזל אונ וואס מיין גלגל האט זיך
ווידער גיקערט. איך בין זייער פאר קרימט אונ איין גיבויגין. איך גייא ארום דעם
גאנצין טאג שווארץ:

ואמרתי אונ איך טוא זאגין ווען אונזער פאטער זאל וויסין פון דעם צער וואלט ער מיט
זיין תפלה אלץ איבער גיענדערט. אונ נון בייא נאכט אויף מיין גילעגער פון
וועגין די גרויסע זיפצין אונ קלאגין אונ אלע צייט פון מיין לייגין ביז מיין אויף שטיין טוא
איך ניט שווייגין. איך טוא איין ריכטין מיין בעט אלע נאכט מיט מיינע טרערין. מיינע
אויגין זיינען ווארין טונקיל איבער אלע מיינע לייד דער נאך האב איך ווידער גיזאגט
ווארום זאל איך מיין האפנונג פאר לירין פון מיין באשעפר. איך וועל בעטין פון גאט
מיין הילף אונ וועל מאכין וויסין צוא מיין פאטער מיין צער. טאמער וועט זיך גאט איבר
מיר דער בארעמען דורך זיין זכות אונ וועט דער הערין זיין גיבעט אונ וועט מיך
בשירמען פון דער דאזיגער צרה אונ וועט מיך אויס ציהען פון פינסטערקייט צו ליכטיקייט
דרום נון מיין העער אונ לערנער דוא זאלסט זעהען אין מיין פיין אונ מיין צער. איל נאך
אנטקעגין גאט דיין וועג פון וועגין דיין קינד וואס דו האסט דער צויגין אויף דיינע קניא.
בעט פאר גאט ער זאל מיך לייט זעליגין פון מיין גרויסין צער אונ מיין קלאגין אונ זאל
מיך בשירמען אונ זאל מיר העלפין מיין גאט מיין באשעפער. אונ מיין אויס לייזער זאל
זיין

זיינען ווארין פאר לענגט פון האפונג צו גאט. און איך טראכט דוא ביסט דאך מיין ברוט און פלייש אזו ווערסטו זיך פון דיין פריינד ניט פאר הוילין און וועכט בעטין פאר מיר גאט וואס ער זיצט אין דיא הויכע הימלען און לוגט אין דיא טיפע ערד. דאס ער זאל מיך לייט זעליגין פון דיא גאב פון זיין האנט וואס זיא איז אפין צו אלע. און זאל מין אינטער לעהגען מיט איין בווילינגט גימיט פון חכמה און ראט און שטארקייט. איין גימיט פין וויסין שאפט און גאטס פארכט אלע צייט. און זאל מיך לייט זעליגין און זאל זיך איבער מיר דער בארימען. און זאל מיר געבין פון זיינע אוצרות אום זיסטע גאב אזו וויא עס שטייט גישריבין און גאט זאגט איך וועל לאזין איבער פירין אלע מיינע גוטס פאר דיר און איך וועל לייט זעליגין דעם וואס איך וועל אים וועלין לייט זעליגין און איך וועל זיך דער בארימען איבער דעם וואס איך וועל וועלין דער בארימען. און זיין פארכט זאל זיין אנטקעגין אונזער פנים צו ריינגין דיא גידאנקען פון אונזער הארץ און אונזערע מחשבות. און ער זאל בנייען אין אונז ארעכט פארטיג גימיט. און זאל אפ טאן פון אונזער לייב דאס שטיינענע הארץ וואס מאכט אצווישין שייד צווישין מיר און צווישין זיין פארכט. און ער זאל מיר געבין איין פליישיג הארץ און עס זאל אויס גיין קוועלינדיגע וואסער אום דעם אויבערשטין קוואל דורך דעם טייך וואס קומט אויך דעם גן עדן צו דער שטאט ירושלים. מיט דעם זאל מיר גאט דער פרייען צוא ריינגין מיך פון מיינע זינד און אום רעכטיקייט און מיסטייט. און זאל ארוין ווארפין אלע מיינע זינד און דיא זינד פון זיין פאלק ישראל אין טיפין ים. און זאל אין אונז איין ווארצלען גוטע מדות און גוטע אוז בווילינטע גלייבונג וואס זאלין זיין גינומען פאר איהם. און זאל

דער

הטף . ויעשה עמי אות לטובה אות לישועה ורחמים . ואזכה בזכותך ובזכות כל שאר צדיקים וחסידים הנקברים פה ובכל העולם להיות חלקי בארץ החיים עם כל צדיקי וחסידי עולם . וימלא משאלותי במדה טובה ישועה ורחמים . ואל ישיבני ריקם מלפניו ויתן לי בנים ובנות עוסקים בתורה ובמצות ובעלי שם טוב ושלא נבוש ולא נכלם ולא נחפר מהם לא בעולם הזה ולא בעולם הבא . ואתה לך לקץ ותנוח הנפש הנשמה והרוח . לחזות בנועם יי ולבקר בהיכלו . עד כי יבא שילה . ושם נשיר שיר חדש . ונוביל שי בקודש . מדי שבת וחודש . כאשר רוח חדשה בקרבנו יחדש . ואיש אל משפחתו ואל אחזת אבותיו נשוב . לשוש לטוב יי כי ישוב . אמן :

יד וואס מען זאל זאגין אויף זיין עלטער מוטערס קבר

שלום עליך . את אמא רבתא . היית בחייך סימא טבא בביתא . היית אם הבנים . ומעשיך היו הגונים . דוברת בחכמה כמו אנשים לכבוד . הגיון פיך היה יומם ולילה את האלהים לעבוד . נפשך הטהורה

---

דער וויטערן פון מיר און פון זיין פאלק ישראל דיא אומריינקייט פון דעם יצר הרע . און דיא אומריינקייט פון רוח זנות און רוח רעה פון רויבעריא און אלץ וואס די טומאה ברייננט מיט . און זאל אונז גידיינקען מיט אגוט גידיינקענעס און זאל בענטשין אונזער ברויט און אונזערע וואסער . און זאל דער פילין דיא אלע באגער פון אונזער הארץ צוא גוטין . און זאל געבין טויא און רעגין צו בענטשונג אין זיין צייט און ברויט צו עסין נאן דעם גיזינט נאך . און ער זאל טאן מיר איין ציי'כין צו גוטין . אצייכין צו הילף און דער בארימקייט . און איך זאל זוכה זיין אין דיין זכות און אין דעם זכות פון אלע צדיקים און חסידים וואס זיינען בגראבין דא און אויף דער גאנצער וועלט . דאס מיין חלק זאל זיין אין לאנד פון לעבין מיט אלע צדיקים און חסידים פון דער וועלט . און ער זאל דער פילין מיין באגער מיט איין גוטע מדה און הילף און דער בארימקייט . און זאל מיך ניט ווידער קערין ליידיג פון פאר אים . און זאל מיר געבין זין און טעכטער וואס זאלין עוסק זיין אין תורה און מצות און זאלין האבין אגוטין שם . און איך זאל ניט דורך זייא פאר שעמט ווערין און ניט צו שאנד און שפעט קומען ניט אויף עולם הזה און ניט אויף עולם הבא . און דוא זאלסט זוכה זיין צו דעם קץ און עס זאל רועין דיין נפש מיט דעם רוח און די נשמה און זאלסט זעהען אין דעם זיסקייט פון גאט און צוא פארשטין אין זיין פאליש ביז משיח וועט קומען . און מיר ווערין דארטין זינגען אנייע גיזאנג . און אלע שבת און ראש חודש וועלין מיר ברייננען מתנות אין היליקייט . דאס וועט זיין אז גאט וועט אין אונז בנייען אנייע גימיט . און איטליכער מענטש וועט זיך אום קערין צו זיין משפחה

עלתה לרום חביון . לישב בסתר עליון . עם הנשים השאננות . אשר בית ישראל היו בונות . ואני מילדי ביתך . באתי אל בית מנוחתך . להתפלל על נשמתך . תהיה תמיד בצרור החיים צרורה . עם האמהות גבעות עולם במדורה . וגם את מטיבותך אוטיב לי . והתפללי בעדי אל אלהים יי חילי . העתירי אל יי יוצרך ובשם קראך . עבור זרע זרעך . והרבי תפלות ופיוסים . לאל מושיע חוסים . ימלא בטובה מספר ימי . ויהל כוכבי שמי . ויעלני על גפי מרומי . ויגדל את שמי . ויצילני מחולי ומדוה ומשערי מות ירוממי . ויכונו במישור פעמי . נא אל תתני דמי כאשר עשתה רחל אמנו סבתא . עבור בני בניה בתפלתה . בעברם דרך שם על קברה . צעקה לאל מרה לאמר הושיעה אדני המלך ואל תתן לאנשים חילך אשר מריעים ומציקים . לבני ישרים וצדיקים : ועל כן נקברה על אם הדרך .

---

און צוא די ארב פון זיינע עלטערין צו פרייען זיך אז דאס גוטס פון גאט וועט זיך ווידר אום קערין צוא אונז אמן :

שלום פריד אויף דיר מיין גרויס מוטער כייא דיין לעבין ביסטו גיוועזן איין גוטער אוצר אין הויז דו ביסט גיוועזן די מוטער פון די קינדער און דיינע מעשים זיינען גיוועזן רעכט פארטיג . זיא האט גירעט מיט חכמה אזו וויא מאנזבילין איטליכין צו זיין כבוד די רייד פון דיין מויל איז גיוועזן טאג און נאכט נאט צוא דינען דיין ריינע נשמה איז אויף גיגאנגען אין די הויכע פאר בארגעס צוא זיצין אין די פר בארגינעש פון דעם אויבערשטן מיט די שטילע ישראל און פרומע ווייבר וואס זיי האבין גיבויט דם הויז גיזינד פון די ישראל און איך בין איינער פון וואס זיינען גיוואקסין גיוואונען אין דיין הויז אזו בין איך גיקומען צוא דיין רוא הויז צו בעטין אויף דיין נשמה . זיא זאל זיין אלע צייט איין גיבונדין אין רעב בונד פון לעבין . מיט דיא מוטערס וואס זיינען אין דיא הויך פון דער וועלט אין איין וואונונג . אויך דוא באגיטיג מיר פון דיין גוטש און בעט פאר מיר צו גאט וואס ער אי מיין קראפט . בעט צו גאט דיין בשעפער וואס האט דיך ביי דיין נאמען אן גירופין פון וועגין דיין אייניקיל . און מער תפלות איבער בעטונג צוא גאט וואס ער העלפט זיינע בשיצערס . ער זאל דער פילין מיט גוטס דיא צאל פון מיינע טעג . און זאל מאכין לייכטין מיין שטערין פון דעם הימיל . און זאל מיך אויף ברייגגען אויף איין הויכע הויך און זאל גרויס מאכין מיין נאמען . און פון די טויערין פון טויט זאל ער מיך דער הויבין און מיינע טריט זאלין ברייט זיין אין רעכט פארטיקייט . און בעט דיך שווייג נים שטיל נגייך

לעת מצוא זו האשה להתפלל למציץ מחרך .
בהתעוררות בני בניה על קברה . בהתנצלות שלא
יאמרו עניה זו לשוא שמרה . ברית אשה אל אחותה
לצרור עליה בחייה ולא גלתה את מסתוריה אשר בא
סמן התחתון עד שלא בא העליון וענתה ליעקב על
דבריו . בסמניו ובמצריו . ובדבריה אותו הטתה . בפאת
המטה ואהני ליה רמאי ברמיותיה . שלא נתביישה
אחותה . ובדבר זה שרי להו לצדיקים לסגויי ברמאות .
אף שמסר לה לטובה אות . כמו כן אני היום באתי .
ואותך מקברך להתעורר קראתי . להיות מטיבותך
אוטיב לי . ולהתנצל בכל מיני התנצלות בגללי . ואל
יזכור לי מעלי . ואל ישלם לי כפעלי . כי אם היה לרחל
אמנו התנצלות אחת . יש לנו כיוצא בזה כמה וכמה
להנצל בהם מבאר שחת . כי אין לנו מנוחה וארוחת
תמיד ארוחת . והנושה בא לקחת . על כן עמדי נא .
התעוררי נא . ועזור לי בתפלתך . לראות את פני יי

---

גלייך וויא אונזער עלטער מוטער רחל האט גיטאן תפלה פאר אירע קינדרס קינדער
אז זיא זיינען פאר ביא איר קבר גיגאנגען . האט זיא ביטערליך גישריען צוא גאט
העלף מיין הער דער קיניג און גיב ניט דיין קראפט צוא אזעלכע מענטשין וואס איבלען
און באליידיגין צוא דיא רעכט פארטיגע קינדער און צוא דיא צדיקים . און דרום איז זיא
ווארין באגראבין אין מיטין וועג . כדי אין דיא נויט צייט זאל זיא מתפלל זיין צו דעם גאט
וואס לוגט פון דיא לעבער בשעת אירע קינדרס קינדער וועלין זיך דער וועקין צו קומען
אויף איר קבר . דאס מען זאל ניט זאגין אז דיא ארימע האט אום זיסט גיהיט וואס זיא
איז איר שוועסטער גיטרייא גיוועזן . און האט ניט אנטפלעקט איר פאר בארגינקייט
דאס יעקב האט איר מוסר גיוועזן סימנים האט זיא דיא סימנים מוסר גיוועזן צוא איר
שוועסטער . און האט גיענטפערט צוא יעקב אויף אלע זיינע רייד מיט אלע דיא סימנים
וואס ער האט איר מוסר גיוועזן כדי ער זאל ניט דער קענען דאס קול פון לאה . און זיא
האט אים אזו ווייט גינייגט מיט אירע רייד פון אונטער דעם בעט ביז ער איז מרומה
גיווארין דאס איר שוועסטער איז ניט פאר שעמט גיווארין . און אין אזעלכע זאכין מעגין
די צדיקים גיין מיט רמאות חאטשע ער האט איר איבער גיענטפערט צייכינס צוא גוטין
אזו אויך בין איך היינט גיקומען דיך צוא דער וועקין פון דיין קבר טוא איך רופין דאס
דו זאלסט מיר בגיטיגין פון דיין גוטקייט . און זאלסט פון מיינט וועגין ריידין דיא בעסטע
רייד און תענות מיר גירעכט צוא מאכין . און ער זאל מיר ניט גידיינקען מיין פאלשקייט .

אין

אלהיך בעלותך . להיות מחיה חיים נותן לנו חיים ארוכים וטובים . וזרע כשר ובנים צדיקים וחביבים וישרים בלבותם . אשר לא יעבטו אורחותם . ויהיה ביתך כבית פרץ עד עלות הפורץ . ויצליחו בארץ . עוד כל ימי הארץ . ונזכה בזכותך ובזכות כל שאר הצדיקים . להיות חלקנו עמכם בגן עדן ומכל עון מנוקים . ונזכה כלנו לחסות תחת כנפות אל . אלהי ישראל . אמן : .

טו וואס מען זאל זאגן אויף זיין ברודערס קבר :

יערוף כמטר לקחי . תזל כטל אמרתי ומלקוחי . בדרשי בכל אוני וכחי . ואומר שלום עליך אתה אחי . שלום לרוחך ולנשמתך . והיתה שלמה מנוחתך . וארוחת תמיד ארוחתך . תהיה מנועם יי אלהי אבותיך ואלהי ישראל יתן את שאלתך . ולא

---

און זאל מיר ניט בצאלין וויא מיין ווערק . דען ווען אונזער מוטער רחל האט גיהאט איין טענה . האבין מיר אזעלכע גלייכין פיל טענות וואס זאל דורך זייא באשירמעט ווערין פון דער גרוב פון גיהנם . דען מיר האבין קיין רוא ניט דאס מיר מוזין תמיד זוכין אונזער שפייז . און דער בעל חוב קומט אלץ אוועק נעמען . דרום אזו שטייא נון אויף דער וועק זיך און העלף מיר מיט דיין תפלה אז דוא וועסט ארויף גיין און וועסט ווערין גיזעהען פאר גאט . דאס דער גאט וואס מאכט לעבעדיג אלע לעבעדיגע זאל אונז געבין איין נוט און לאנג לעבין . און רעכט פארטיגע און פרומע און גיליבטע קינדער און זייא זאלין זיין רעכט פארטיג אין זייער הארצין דאס זייא זאלין ניט פאר קרימען זייער וועג . און דיין הויז זאל זיין אזו וויא דאס הויז פון פרץ דר זון פון יהודה ביז דער גואל וועט קומען און זייא זאלין באגליקין אויף דער וועלט וויא לאנג זיא וועט שטיין און מיר זאלין זוכה זיין אין דיין זכות און אין דעם זכות פון אלע איבעריגע צדיקים אז אונזער טייל זאל זיין מיט אייך אין גן עדן . און מיר זאלין לידיג זיין פון אלע זינד . און מיר אלע זאלין זוכה זיין צוא באשיצין אונטער דיא פליגיל פון גאט דער גאט פון דיא ישראל אמן :

יערוף עס זאל טריפין וויא איין רעגין מיינע רייד . עס זאל רעגינען וויא טויא מיין זאג און מיין נומען אז איך פארשט מיט אלע מיינע קראפט און מיין כח און זאג פריד צו דיר מיין ברודער פריד צו דיין רוח און דיין נשמה . און דיין רוא זאל זיין גאנץ און דיין שפייז זאל אלע צייט זיין פון דעם זיסקייט פון גאט דער גאט פון דיינע עלטערין און דער גאט פון די ישראל זאל געבין דיין גיבעט . און זאלסט קיין צער ניט ליידין פון דיינע קינדער און פון דיא וואס נאך דיר קומען און איך בין היינט ארוים גינאנגען און

היינט

תצטער בצרת זרעך ואחריתך . ואני היום יצאתי . והיום באתי . אל בית קבורתך . להתפלל על נשמתך . תעלה מעלה . בצל אל בצל רחום בצל שדי סלה . ואף גם לחלות ולחנן אותך . למהר תפלתך . לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא יעזר לי ברוב רחמיו וחסדיו . ויתן לי מנוחת שלום ושלוה להיות מעבדיו ועובדיו . ויזכני לראות בהתיסד בית מכונו ואתאבק ואנשק ואלחוך עפרות יסודיה בארצו ונחלתו המכונים נגד הארץ העליונה שם אמות ושם אקבר ושם יקבל נשמתי ואהיה דבוק במקומה ואל ישלט בי מלאך המשחית . וירחם עלי ועל יוצאי ירכי וייסד את ביתי לפניו לעולם מעבדיו ויראי שמו לעיני כל העמים ולא יהיה כנעני עוד בבית יי צבאות ויעלני וירוממני מאשפות דלותי ושפלותי כי הוא מרים מאשפות אביונים . ויכפר לי על כל אשר

---

היינט גיקומען צום הויז פון דיין קבר צוא בעטין פאר דיין נשמה זיא זאל אויף גיין אין דעם שאטין פון גאט אין דעם שאטין פון דעם דער בארמיגין · אין דעם שאטין פון דעם אייביגין אלמאכטיגין גאט · און איך בין גיקומען דיך צוא בעטין דוא זאלסט איילין דיין גיבעט פאר דעם קיניג איבער אלע קיניגין הקב"ה · דאס ער זאל מיר העלפין מיט זיין פיל דער בארימקייט און זאל מיר געבין איין רוה מיט פרידין דאס איך זאל קענין זיין פון זיינע קנעכט און זיינע דינערש · און זאל מיך לאזין זוכה זיין צוא זעהען אז זיין בית המקדש וועט גיגרינד פעסט ווערין · און איך וועל מיך בשטויבין און וועל קושין און וועל לעקין די ערד פון איר גרונד אין זיין לאנד און זיין ארב · וואס זיינען גישטעלט גיווארין אנטקעגין דעם אויבערשטין לאנד דארטין ווי איך שטארבין און דארטין זאל איך בגראבין ווערין · און דארטין זאל ער אנטפאנגען מיין נשמה און איך זאל זיין בהעפט אין איר ארט און דער מלאך וואס פאר דארבט זאל איבער מיר קיין שליטה ניט האבין. און ער זאל זיך דער בארימען איבער מיר און איבער דיא אלע וואס קומען ארויס פון מיר און זאל מיין הויז פאר אים גרונד פעסטין אויף אייביג · פון זיינע קנעכט און פון די וואס פארכטין זיך פאר זיין נאמען פאר דיא אויגין פון אלע פעלקער · און ער זאל מיך אויף בריינגען און דער הויבין אויס דעם מיסט פון מיין ארומט און נידעריקייט דען ער דער הייבט אויס דעם מיסט דעם נויט בדערפינין און ער זאל מיר פאר געבין אויף אלימען וואס איך האב גיקריצט פון צוא טאן דיא מצות עשה און וואס איך האב עובר גיוועזן אויף די מצות לא תעשה · און ער זאל משפיע זיין אויף מיר און אויף אלע

זיינע

קִצַּרְתִּי מִן מִצְוֹת עֲשֵׂה וְעַל מַה שֶּׁעָבַרְתִּי מִמִּצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה וְיַשְׁפִּיעַ עָלַי וְעַל כָּל יוֹצְאֵי יְרֵכִי וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל רוּחַ דַּעַת וְיִרְאַת יְיָ וְיִתֵּן בְּכִלְיוֹתַי עֵצָה הֲגוּנָה וּנְכוֹנָה כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ כָּל מַעֲשַׂי וְכָל מַחְשְׁבוֹתַי וְכָל מַאֲמָרַי לַעֲבוֹדָתוֹ וִיכַפֵּר לִי עַל כָּל מַה שֶּׁהֶעֱוֵיתִי בֵּין בְּמַחֲשָׁבָה וּבֵין בְּדִבּוּר וּבֵין בְּמַעֲשֶׂה בְּכִלְיוֹתַי בִּירֵכַי וּבְרַגְלַי וּבִשְׁאָר אֵבָרַי וְהַתְּלוּיוֹת בָּהֶם. שִׁמְעָה תְפִלָּתִי יְיָ וְשַׁוְעָתִי הַאֲזִינָה אֶל דִּמְעָתִי אַל תֶּחֱרַשׁ כִּי גֵר אָנֹכִי עִמָּךְ תּוֹשָׁב כְּכָל אֲבוֹתַי כִּי צֵל יָמֵינוּ עֲלֵי אָרֶץ. וְאַתָּה אָחִי אֲשֶׁר נַפְשְׁךָ הָיְתָה נִקְשֶׁרֶת בְּנַפְשִׁי וְרוּחֲךָ בְּרוּחִי חָלִילָה לְּךָ מֵחֲדוֹל מֵהִתְפַּלֵּל בַּעֲדִי וְאַל תֶּחֱשֶׁה מֵהַרְבּוֹת תְּפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת פְּנֵי מֶלֶךְ רַחוּם וְחַנּוּן שׁוֹמֵעַ אֶל אֶבְיוֹנִים וּמַאֲזִין חֲנוּנִים אוּלַי יָחוּס אוּלַי יְרַחֵם לְהָקִים זֶרַע לְאָחִיךָ זֶרַע צַדִּיק וְכָשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וּבְתוֹרַת יְיָ חֶפְצָם וּבְתוֹרָתוֹ יֶהְגּוּ יוֹמָם וָלַיְלָה וְשֶׁלֹּא יִמָּצֵא בָּם

---

מיינע קינדער און אויף אלע ישראל איין גימיט פון וויסין שאפט און דיא פארכט פון גאט. און ער זאל געבין אין מיינע נירין איין רעכט פארטיגע עצה דאס אלע מיינע ווערקין און מיין טראכטונג און אלע מיינע רייד זאל זיין צו זיין דינסט. און ער זאל מיר פאר געבין אויף אליכען וואס איך האב ניט רעכט גיטאן סייא מיט גידאנקען און סייא מיט ריידין אדער מיט ווערקין מיט מיינע נירין מיט מיין דיך און מיט מיינע פים און מיט מיינע איבעריגע גלידער און מיט אלימען וואס גיהערין צוא זייא. הער צוא גאט מיין תפלה און מיין גישרייא פאר נעם צו מיינע טרערין שווייג ניט שטיל דען איך בין בייא דיר נאר וויא איין גר און איין וואונער גלייך וויא אלע מיינע עלטערין דען אונזערע טעג זיינען נאר וויא איין שאטין אויף דער ערד. און דו מיין ברודער וואס דיין לייב איז גיוועזן אן גיקניפט אין מיין לייב. און דיין זייל אין מיין זייל. איז פאר מיטין פון דיר דאס דוא זאלסט וועלין פאר מיידין זיך פון מתפלל צו זיין פאר מיר. און זאלסט ניט שווייגין פון צו מערין תפלות און בקשות פאר דעם דער בארעמיגער און לייט זעליגער גאט וואס ער הערט צוא די נויט באדערפינגע און פאר נעמט דיא גיבעט. טאמער וועט ער חס האבין טאמער וועט ער זיך דער בארימען אויף צו ריכטין איין זומען צוא דיין ברודערס קינדער וואס זאלין זיין פרום און רעכט פארטיג זאלין לעבין און זאלין בשטענדיג זיין. און זייער באגער זאל זיין אין גאטס תורה און זאלין לערנען טאג און נאכט אין זיין תורה און עס זאל אין זייא ניט גיפונען ווערין קיין שום פסול און קיין שאנד פלעק. און זאלין האבין איין גוטין שם און מדות טובות און זאלין עוסק זיין אין דיין

שׁוּם פְּסוּל וְשֶׁמֶץ דּוֹפִי וּבַעֲלֵי שֵׁם טוֹב וּמִדּוֹת טוֹבוֹת וְעוֹסְקֵי תּוֹרָתוֹ וּמְבִינֵי סוֹדוֹתָיו וּמַדְרִיכֵי הָעָם בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה עַד בִּיאַת הַגּוֹאֵל׃

אָנָּא מֶלֶךְ מְפוֹאָר תִּמָּלֵא רַחֲמִים עַל הָאִישׁ עָנִי וְנִבְזֶה הַזֶּה כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנֹכִי וְהַזְמֵן לִי סְלִיחָה וּמְחִילָה וְכַפָּרָה לְכָל פְּשָׁעַי וְחַטֹּאתַי וּתְנֵנִי לְחֵן וּלְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים בְּעֵינֶיךָ וּבְעֵינֵי כָל רוֹאַי וְהַמְצֵא לִי פַּרְנָסָתִי וּפַרְנָסַת כָּל בְּנֵי בֵיתִי בְּשׁוּפִי בְּרֶוַח וּבְהֶתֵּר וּבְתוֹסֶפֶת טוֹבָה וּכְמוֹ שֶׁבֵּרַכְתָּ וְהִבְטַחְתָּ לְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר כִּי בְמַקְלִי עָבַרְתִּי אֶת הַיַּרְדֵּן הַזֶּה וְעַתָּה הָיִיתִי לִשְׁנֵי מַחֲנוֹת כֵּן תְּבָרְכֵנִי וּתְרַחֵם עָלַי וּתְבָרֵךְ אוֹתִי וּלְזַרְעִי עַד עוֹלָם בְּתוֹךְ עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל וּבְכֹחֲךָ הַגָּדוֹל יָשׁוּב חֲרוֹן אַפְּךָ מִמֶּנִּי לְבַל יִחַר בִּי וּתְדִינֵנִי בְּרַחֲמִים וְתִשְׁמַע אֶת תְּפִלָּתִי וְתִסְלַח פְּשָׁעַי. וּבְמֵי חֲסָדֶיךָ תִּמְחֶה אֹתָם כָּאָמוּר אָנֹכִי אָנֹכִי הוּא מוֹחֶה פְשָׁעֶיךָ לְמַעֲנִי וְחַטֹּאתֶיךָ לֹא אֶזְכּוֹר. אֱלֹהִים שְׁמַע אֶת תְּפִלָּתִי הַאֲזִינָה לְאִמְרֵי פִי. וְלִי אֲנִי עַבְדְּךָ תְּבָרְכֵנִי וְתַצְלִיחֵנִי בְּכָל מַעֲשֵׂה יָדַי כִּי הָעוֹשֶׁר וְהַכָּבוֹד מִלְּפָנֶיךָ וּבְיָדְךָ לְגַדֵּל וּלְחַזֵּק לַכֹּל וּמַלֵּא יָדֵינוּ מִבִּרְכוֹתֶיךָ וּמֵעוֹשֶׁר מַתְּנַת

---

תּוֹרָה און זָאלִין פַאר שְׁטֵיין זַיינֶע סוֹדוֹת און זָאלִין פִירִין דָאס פָאלְק אִין דֶעם רֶעכְטְ פַארְטִיגִין וֶועג בִּיז דֶער גוֹאֵל וֶועט קוּמֶען אָמֵן׃

אנא איך בֶּעט דיךְ בְּשֵׁיינְטֶער קֵינִיג זָאלְסְט וֶוערִין דֶער פִילְט מִיט רַחֲמָנוּת אִיבֶּער אַזַא אֵיין אָרוּמֶען און פַאר שֶׁעכְטִין מֶענְטְשׁ. דֶען איך בִּין אָרוּם און נוֹיט בַּאדֶערְפִיג. און בְּרֵייט מִיר אָן סְלִיחָה און מְחִילָה און כַּפָּרָה אוֹיף אַלֶע מֵיינֶע זִינְד און מִיסְטִיט. און גִיבּ מִיךְ צוּ חֵן און חֶסֶד און רַחֲמִים אִין דַיינֶע אוֹיגִין און אִין דִיא אוֹיגִין פוּן אַלֶע וָואס וֶועהֶען מִיךְ. און שִׁיק מִיר צוּ מֵיין פַּרְנָסָה און דִי פַּרְנָסָה פוּן מֵיין גַאנְץ הוֹיז גִיזוּנְד מִיט גְרִינְגְקַייט דֶער וַוייטֶערוּנְג מִיט הֶיתֵּר און מִיט פִיל גוּטְס. און אַזוֹ וִויא דוּא הָאסְט גִיבֶּענְטְשְׁט און הָאסְט פַאר זִיכֶערְט צוּ דֶעם פְרוּמֶען יַעֲקֹב. וִויא עֶר הָאט גִיזָאגְט איך בִּין נָאר מִיט מֵיין שְׁטֶעקִין אִיבֶּער גִיפָארִין דֶעם יַרְדֵּן און אִיצוּנְד בִּין איך גִיוָוארִין צוּא צְוַוייא שָׁארִין. און אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מִיךְ בֶּענְטְשִׁין און זָאלְסְט זִיךְ דֶער בַּארִימֶען אִיבֶּער מִיר. און בֶּענְטְשְׁט מִיךְ מִיט מֵיינֶע קִינְדֶער בִּיז אֵייבִּיג צְווִישִׁין דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל. און מִיט דַיין גְרוֹיסִין קְרַפְט זָאל דַיין גְרִים צָארִין ווידֶער קֶערִין פוּן מִיר עֶר זָאל נִיט צָארְנֶען אִיבֶּער מִיר. און זָאלְסְט מִיךְ מִשְׁפְּטִין מִיט רַחֲמָנוּת און זָאלְסְט דֶער הֶערִין מֵיין גִיבֶּעט און זָאלְסְט פַאר גֶעבִּין אַלֶע מֵיינֶע זִינְד און מִיט דִיא וַואסֶער פוּן דַיין גְנָאד זָאלְסְטוּ זֵייא אָפּ מֶעקִין אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק איךְ וֶועל אָפּ מֶעקִין דַייטֶע זִינְד פוּן מֵיינְט וֶועגִין. און וֶועל שׁוֹין מֶער נִיט גִידֵיינְקֶען דַיינֶע זִינְד. גָאט הֶער צוּ מֵיין גִיבֶּעט פַאר נֶעם צוּ דִי זָאג פוּן מֵיין מוֹיל. און מִיר דַיין קְנֶעכְט זָאלְסְטוּ בֶּענְטְשִׁין און זָאלְסְט מִיךְ בַּאגְלִיקִין אִין אַלֶע דִיא וֶוערְקִין

יָדֶיךָ לַעֲבוֹדָתֶיךָ וְאַל תְּשִׁיבֵנִי רֵיקָם מִלְּפָנֶיךָ וַעֲשֵׂה שְׁאֵלָתִי וּבַקָּשָׁתִי בְּרַחֲמִים לְמַעַן זְכוּת הַצַּדִּיקִים וְהַחֲסִידִים הָאֵלּוּ וּלְמַעַן זְכוּת כָּל צַדִּיקֵי וַחֲסִידֵי עוֹלָם :

**טו** וָואס מֶען זָאל זָאגִין אוֹיף זַיין שְׁוֶועסְטֶערְס קֶבֶר :

שָׁלוֹם עָלַיִךְ אֶת אֲחוֹתִי רַעְיָתִי תַּמָּתִי . שָׁלוֹם לְרוּחֵךְ וְנִשְׁמָתֵךְ וְנַפְשֵׁךְ . וִיכֻפַּר לָךְ עֲוֹנֵךְ וַאֲשָׁמֵךְ . בְּשָׁלוֹם תָּנוּחַ עַל מִשְׁכָּבֵךְ . וְאַף לֹא תִצְטַעֵר בְּצָרַת קְרוֹבֵךְ . מִנָּשִׁים שַׁאֲנַנּוֹת נָשִׁים בָּאֹהֶל תְּבוֹרַךְ . וּבְהֵיכָלֵךְ יִהְיֶה כֻּלּוֹ אוֹמֵר כָּבוֹד לְצוּרֵךְ : וְעַתָּה בָאתִי נַפְשִׁי בִּשְׁאֵלָתִי . פִּתְחִי לִי אֲחוֹתִי רַעְיָתִי . פֶּתַח כְּפִתְחוֹ שֶׁל הֵיכָל . וּבוֹאִי פְּנֵי הַיּוֹשֵׁב רָם וְנִשָּׂא עַל גַּבֵּי גַּלְגַּל הַשֵּׂכֶל . וְחַנְּנִי נָא פְּנֵי קוֹנֵךְ וְצוּרֵךְ . עֲבוּר אָחִיךְ עַצְמֵךְ וּבְשָׂרֵךְ . כִּי נָסַעַתְּ אֶת לִמְנוּחוֹת וְעָזַבְתְּ אוֹתִי לַאֲנָחוֹת . בְּילוּלִים גְּנוּחוֹת בְּאָח וְאָחוֹת . וְנֶפֶשׁ חִשְׁקִי וּמַחֲמוֹדֵי . לֹא עָלָה בְיָדִי . לְקַיֵּם עַל מְלֹאוֹתָם . דִּבְרֵי אֱלֹהִים חַיִּים

---

פוּן מַיין הַאנְד . דֶען דָאס עֲשִׁירוּת אוּן כָּבוֹד קוּמְט פוּן דִיר . אוּן דַיין מַאכְט אִיז אִיטְלִיכְן גְרוֹיס אוּן שְׁטַארְק צוּ מַאכִין . אוּן דֶער פִיל אוּנְזֶערֶע הֶענְט פוּן דַיינֶע בְּרָכוֹת אוּן פוּן דִיא רַייכְקַייט פוּן דִיא גָאבּ פוּן דַיינֶע הֶענְט צוּא דַיין דִינְכְט . זָאלְסְט מִיךְ נִיט ווידֶער קֶערִין לֵיידִיג פוּן דִיר . אוּן טוּא מַיין בֶּגֶער אוּן מַיין גִיבֶּעט מִיט דֶער בַּארִימְקַייט פוּן וֶועגִין דֶעם זְכוּת פוּן אַלֶע דִי דָאזִיגֶע צַדִּיקִים אוּן חֲסִידִים . אוּן פוּן וֶועגִין דֶעם זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִּיקִים אוּן חֲסִידִים פוּן דֶער וֶועלְט :

שָׁלוֹם פְרִיד אוֹיף דִיר דוּא מַיין שְׁוֶועסְטֶער מַיין גִיטְרַייעֶ גִיזֶעלִין . פְרִיד צוּ דַיין נֶפֶשׁ אוּן רוּחַ אוּן נְשָׁמָה . אוּן אַלֶע דַיינֶע זִינְד אוּן שׁוּלְד זָאל פַר נֶעבִּין וֶוערִין . מִיט פְרִיד זָאלְסְטוּ רוּעֶן אוֹיף דַיין גִילֶעגֶער . אוּן זָאלְסְט אוֹיךְ קַיין צַער הָאבִּין פוּן וֶועגִין דִיא לַייד פוּן דַיינֶע פְרַיינְד דוּא זָאלְסְט גִיבֶּענְטְשְׁט וֶוערִין פוּן דֶער בְּרָכָה וָואס זַיינֶען וָוארִין גִיבֶּענְטְשְׁט דִיא פְרוּמֶע ווייבֶּער אוּן דִיא ווייבֶּער וָואס זַיינֶען גִיזֶעסִין אִין דִיא גִיצֶעלְטִין . אוּן אִין דַיין וואוּנוּנְג זָאלִין אַלֶע זָאגִין כָּבוֹד צוּא דַיין בַּאשֶׁעפֶער . אוּן אִיצוּנְד בִּין אִיךְ גִיקוּמֶען פַאר מַיין לַייבּ צוּא בֶּעטִין שְׁוֶועסְטֶער גִיזֶעלִין עֶפִין פוּן מַיינְט וֶועגִין אִין הֵיכָל אַיין טִיר אוּן קוּם פַאר גָאט וָואס עֶר זִיצְט הוֹיךְ אוּן אִיז רֶער הוֹיבִּין אִיבֶּער דֶעם גַלְגַל פוּן פַאר שְׁטַאנְד . אוּן בֶּעט פַאר דַיין בַּשֶׁעפֶער פוּן וֶועגִין דַיין בְּרוּדֶער דַיין בְּלוּט אוּן פְלֵייש . דֶען דוּא בִּיסְט גִיצוֹיגִין צוּא רוּא אוּן מִיךְ הָאסְטוּ גִילָאזְט צוּא זִיפְצִין מִיט קְלָאגִין אוּן קְרֶעכְצִין אוּן ווייא טָאג אוּן וָואס מַיין לַייבּ הָאט גִילוּסְט אוּן פַר לַאנְגְט הָאבּ אִיךְ אַלְץ נִיט גִיקֶענְט דֶר לַאנְגֶען אִיךְ זָאל קֶענֶן רֶעכְט מְקַיֵּים זַיין צוּ טָאן דִי רַייד פוּן דֶעם לֶעבֶּעדִיגִין גָאט . פוּן וֶועגִין דִיא פִירְדוֹת פוּן דֶער שְׁלֶעכְטֶע צַייט דָאס זִיא זַיינֶען וָוארִין גִיפְּלָאכְטִין

לעשותם . מטרדת בנידת הזמן . ונשתרגו עלו על צוארי . והן הנה היו בעוכרי . כי הקרה אותם מרי קירי . הוא אלהי צורי . על אשר מעלתי את פיו . ולא היו מצותיו עלי חביב . והנני תוהא על הראשונות . על החטאים והעונות : ואת אחותי רעיתי . אשר מולידך הולידני ועל ידו לעולם יצאתי . על ידינו יחד נשלם כונת בריאת הורינו . למען יתקימו על ידו מצות יי אלהינו כאשר צונו : ואם ימנעוני הסבות . אין אני יכול לזכות האבות . על כן לכי נא ראי את שלום אחיך ואת שלום הצאן . טפלי דתלו בי והם בעוני ולחצון . והתפללי בעדי אל אל ממעל . להשלים על ידי תכלית כונת הבריאה בפועל . וימחול ויסלח את כל חטאתי . ואת כל עונותי וזדונותי . וירחם עלי ויפתח את לבי בתורתו . ויחד לבבי ליראתו . ויפרנסני בכבוד ולא בבזוי . בהתר ולא באסור . בנחת ולא בצער . ברוך

---

און זײנען אויף גינאנגן איבר מײן האלז . און דיא דאזיגע זײנען גיװען מײנע באטריבערט דיא װאס מײן הער גאט מײן בשעפר האט צוא גישיקט . װײל איך האב גיפעלשט אין זײנע רײד און זײנע מצות זײנען בײא מיר ניט גיליבט גיװען . און נון איצער איצונד האב איך חרטה אויף דיא פריערדיגע זינד און אומרעכט . און דוא מײן שװעסטר מײן גיזעלין דער װאס דיך גיװאונגן האט . האט מיך אויך גיװאונען און דורך אים בין איך אויף דער װעלט גיקומען . און דורך אונז בײדע איז גיװארין גאנץ דיא כונה נאך װאס אונזער פאטער איז באשאפין גיװארין . פון װעגן דורך אים זאל מקוים װערין דיא גיבאט פון אונזער גאט װאס ער האט אונז גיבאטין פרו ורבו דאס װען אײנער האט אזכר מיט נקבה איז ער שױן מקיים דיא מצוה פרו ורבו . און װײל דיא טרעפונג פאר מײדין מיך און נאטס גיבאט צו האלטין . אזוא קען איך ניט מזכה זײן אונזערע עלטערין . דרום גײא נאך און בזארג די פריד פון דײן ברודער און דיא פריד פון די שאף דיא קלײנע קינדער װאס הײנגען אין מיר און זײ זײנען אין ארומקײט און באצװײנגענעס . און בעט פאר מיר צוא גאט פון דעם הימיל . דאס איך זאל קענען גאנץ מאכין מיט מײנע גוטע װערכין די כונה פון דעם בשעפינעס װאס איך בין דרויף בשאפין גיװארין . און ער זאל מיר מוחל זײן און זאל פאר געבין אלע מײנע זינה און אלע מײנע אומרעכטיקײט און מוט װאולקײט . און ער זאל זיך איבער מיר דער בארימען און זאל עפינען מײן הארץ אין זײן תורה . און זאל אײנציגן מײן הארץ צו זײן פארכט . און זאל מיך מפרנס זײן מיט כבוד און ניט מיט שאנד מיט היתר און ניט מיט איסור מיט נחת און ניט מיט צער . מיט

וְלֹא בְּצִמְצוּם וְחִסּוּר . וְיַצִּילֵנִי מִכָּל הַרְהוּר חֵטְא וְעָוֹן וּמֵעַזֵּי פָנִים וּמִפְּגָעִים רָעִים וּמִן שָׂטָן הַמַּשְׁחִית וּמִדִּין שֶׁל גֵּיהִנֹּם וּמֵרוּחוֹת רָעוֹת וּמִכָּל מַזִּיקִין וּמִכָּל סִבָּה רָעָה וְאֶמְצָא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינָיו וּבְעֵינֵי כָל רוֹאַי וְאֶחֱסֶה בְּסֵתֶר כְּנָפָיו סֶלָה מַהֵר נָא עֲבוּרִי בִּתְפִלָּה וּבַקָּשָׁה אַל תְּאַחֲרִי אוֹתִי בִּתְפִלָּתֵךְ וְיַצְלִיחַ דַּרְכֵּךְ וְיִשְׁמַע קוֹל תַּחֲנוּנֵךְ . וּרְאֵה לְהָקִים בִּתְפִלָּתֵךְ אֶת בֵּית אָבִינוּ עַל מְכוֹנוֹ . אִמְרִי נָא אֲחוֹתִי אָתְּ לְמַעַן יִיטַב לִי בַּעֲבוּרֵךְ . וְחָיְתָה נַפְשִׁי בִּגְלָלֵךְ . אָמֵן :

יז וָואס מען זאל זאגין אויף זיינע גרויסע קינדערס קבר :

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה . מְכֻנָּסִים הָיוּ בְּגוּף אָדָם אֲשֶׁר נַפְשִׁי הָיְתָה לִי כָּמָה . יוֹצְאֵי מֵעַי וְיוֹצְאֵי חֲלָצַי . אֲשֶׁר נָתַן לִי אֱלֹהִים בָּזֶה עַל פְּנֵי תֵבֵל אַרְצִי . כַּאֲשֶׁר יָשָׁר בְּעֵינָיו בִּרְצוֹנוֹ נָתַן וּבִרְצוֹנוֹ נָטַל . מִן שְׁמַיָּא מֵיהַב יָהִיב מִשְׁקַל שָׁקַל וְקָטַל . חָבִיב הָיָה עָלַי דִּבּוּרָן . תַּאֲוַת נַפְשִׁי לְשִׁמְךָ וּלְזִכְרְךָ . וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה זֶה הַדָּבָר . אֲשֶׁר יְדִידִי וּרְדִידִי וְדוֹדִי חָמַק עָבָר . נִגְלָה וְנִכְסָה

---

רוּחַ און ניט בְּצִמְצוּם און מִינְגֶערְקֵייט און זאל מיך מַצִיל זיין פון אַלֶע בֵּייזֶע גֶידאַנְקֶען פון זִינְד . און פון דֶעם שָׂטָן דער פַאר דַארְבֶּער און פון דֶעם מִשְׁפָּט פון גֵיהִנֹּם . און פַאר אַלֶע בֵּייזֶע גֶישִׁיכְטֶענֶעס און איך זאל גֶיפִינֶען חֵן און גוט פַאר שְׁטַאנְד אין זיינֶע אויגֶין . און אין דִי אויגֶין פון אַלֶע וָואס זֶעהֶען מִיךְ . און זאל וֶוערִין בַּאשִׁיצְט אין פַאר בָּארְגֶינֶס פון זיינֶע פְלִיגִיל אויף אֵייבִּיג . אייל נַאר פון מיינְט וֶועגִין מיט גִיבֶּעט . הַאלְט מִיךְ נִיט אויף מִיט דַיין גִיבֶּעט . און גַאט זָאל בַּאגְלִיקִין דיין וֶועג און זאל צו הֶערִין דָאס קוֹל פון דיין גִיבֶּעט . און זֶעה דוא זָאלְסְט מיט דיין תְּפִלָּה אויף שְׁטֶעלִין אוּנְזֶער פָאטֶערְס הויז גִיזִינְד אויף זיין שְׁטַאנְד זָאג דָאךְ מיין שְׁוֶועסְטֶער דָאס עֶס זאל מיר וֶוערִין בַּאגִיטִיגְט פון דיינְט וֶועגִין און מיין לֵייבּ זאל בְּלֵייבִּין לֶעבִּין אין דיין זְכוּת אָמֵן :

שָׁלוֹם פְרִיד צו אַייךְ נֶפֶשׁ רוּחַ און נְשָׁמָה . וָואס זיינֶען מיט אַנאַנְדֶער גִיוֶוען אין לֵייבּ פון אַיין מֶענְטְשׁ וָואס מיין לֵייבּ הָאט נָאךְ דָעם זֵייעֶר פַר לַאנְגְט וָואס פון מיינֶע לֶענְדִין און מיינֶע גֶידֶערִים איז עֶר אַרוֹיס גִינַאנְגֶען וָואס גַאט הָאט מיר גִיגֶעבִּין אויף דֶר דָאזִיגֶער וֶועלְט אַזוֹ וִויא עֶס אִיז גִיוֶוען רֶעכְט פַארְטִיג אין זיינֶע אויגִין . מיט זיין ווילְיי הָאט עֶר מיר גִיגֶעבִּין און מיט זיין ווילִין הָאט עֶר ווידֶער צוא גִינוּמֶען . דֶען מֶען גִיט פון דֶעם הִימֶיל און מֶען נֶעמְט ווידֶער אַוֶועק . דיינֶע רֵייד איז מיר גִילִיבְּט גִיוֶוען . מיין לֵייבּ פְלֶעגְט גִילוּסְטִין צו דֶר מָאנֶען דיין נָאמֶען און צו גִידֵיינְקֶען דִיךְ . און מיר וַוייסִין נִיט וָוארוּם דָאס איז גִיקוּמֶען וָואס מיין לִיבְּסְטֶער און מיין קְרוֹין איז פון מיר אַוֶועק גִינַאנְגֶען . עֶר איז גִיוֶוען אַנְטְפְּלֶעקְט און איז פַאר דֶעקְט גִיוָוארִין עֶר איז גִיוֶוען גִיזֶעהֶען און איז

ווידער

נראה ונסתר . בקשתיהו ולא מצאתיהו קראתיו ולא ענני מחגוי
סלע וממדרגת סתר . לא ידעתי נפשי שמתני . בדחיל סגי
ואמתני . ענין מתנן ונבזבזין . וכבשי דרחמנא ורזין . אם היתה
מתנה על מנת להחזיר בזמנו . או אם עונינו ענו בנו . לאיזה
סבה מהעונות . שהייתי כדאי לקבל הפורענות . או שמא חזר
בו בעל פקדונות . לתבוע פקדונות ראשונות . בין כך ובין כך לא
זכיתי . לגדלך יותר ואף כי אחרי מותי . ואמרתי אעלה בתמר אוחזת
בסנסניו . אשר נפרדו נפרצו עליו בגזרת אדוניו . ואלכה לי
שדה בוכים . אל הסלע ואל הבוכים . ואתפללה אל אל על
נשמתו . יעלנה אל מכון שבתו . והנר הזה שנכבה ברוח שאינה
מצויה . רפא ירפא לה ולפתילה להיותה מבני עליה . ולא יהיה
נמסר ביד דומה . או שאר מלאכי רומה . ויסתירנו בסתר עליון .
ורום חביון . ואתה עמוד בתפלה ובבקשה . לפני אל רם ונשא .
יכפר ויסלח . אל טוב וסלח . לעונות ולפשעים ולמעשים רעים
שחטאתי ושעויתי ושפשעתי ואשר הרעותי . וגרמו לכל אלה .
להיות האי שופרא בארעא בלה . ואף שגרמו חובי דהאי גברא .
להיות האי גופנא ושתילי נציב בבי קברא . ומת זרעי בחיי .

---

ווידער פאר בארגין גיווארין . איך האב אים גיזוכט און האב אים ניט גיפונען . איך רוף
אים און ער ענטפערט מיר ניט פון דעם ארט וואו ער איז פאר בארגין איך בין אין
גרויס פארכט און דער שרעקענעס ווייל איך ווייס ניט דעם ענין פון גאטס מתנות און
זיינע סודות צוא די מתנה וואס ער האט מיר גיגעבין איז גיוועזן אויף דעם תנאי ער
זאל זיא ווידער צוריק נעמען אין זיין צייט צוא זיך . אדער אויב אונזערע עבירות
האבין עס גורם גיוועזן וואס איך בין ווערט גיוועזן צוא אנטפאנגען דיא שטראף . אדער
טאמער דער הער וואס האט מיר גיגעבין דעם פקדון האט ער חרטה גיהאט און האט
ווידער בייא מיר גינומען דעם פקדון . סייא אזו און סייא אזו האב איך ניט זוכה גיוועזן
דיך לייננער אויף צו ציהען . מכל שכן אז דו קענשט נאך מיין טויט ניט פון מיר גיניסין .
האב איך גיטראכט איך וויל גיין צוא דעם וואס ער איז אזו חשוב וויא איין טייטיל בוים
בעטין צו גאט פאר דיין נשמה . ער זאל זיא אויף ברייננען צו זיין וואוננג . און דאס
ליכט וואס איז פאר לאשין גיווארין דורך איין שלעכטין ווינט זאל ער דאס היילין זיא
זאל קומען בייא די הויכע לייט . און זאל ניט איבער גיענטפערט ווערין אין דר האנט
פון דעם מלאך דומה אדר אנדערע מלאכים און זאל אים פאר בארגין אין דעם אויבערשטין
און די הויכע פאר בארגענעם . און דוא שטייא אויף און טוא תפלה פר דעם הויכין און
דר הויבינעם גאט . דר גאט וואס איז גוט און איין פר געבר זאל ער פר געבין צו די זינד און
מיסטייט און צו בייזע ווערקין וואס איך האב גזינדיגט און אום רעכט גיטאן און גימיקטייט
און דאס וואס איך האב גאיבירט . און האב גורם גוועזן צוא דעם אליסען וואס דאס דאזיגע

שיינקייט

יען יי שאלתי ומאויי . להצילני מדינה של גיהנם . ומשאר מלאכי חמה ודינם . ומבאר שחת . ומתהום רובצת תחת . ומכל מיני משחית ומחבל . ומכל מיני פורעניות המתרגשות לבא על פני תבל . וינהלני על מי מנוחות . בנחת ושובה . עד זקנה ושיבה . וישמור אותי ושאר זרעי וזרע זרעי מן כליון וחרץ . עוד כל ימי הארץ . וממיתה שלא בזמנה ופתאומות . גם מכל חלי וכל מכה ומרמיטא ותרדמות . וישמור צאתנו ובואנו לחיים ולשלום . מעתה ועד עולם . ואתה לך לקץ ותנוח . ותעמוד לגורלך לקץ הימין הנפש והנשמה והרוח . והוא רחום יכפר עון ולא ישחית . והרבה להשיב אף ומשחית . ולא יעיר כל חמתו . ויזכור רחם ברגזו ובעברתו . ובשלחו את אליהו הנביא . לפני היום הגדול והנורא אשר יבא . להשיב לב בנים על אבותם ולב אבות על בנים . גם לי גם לך ינחם וישא פנים . בזכות הצדיקים וצדקניות וחסידים וחסידות אשר פה קבורים . ושאר כל הנשמות הטהורים . ושנותיך לא יתמו עבור הרעש ומהומה . רק יוסיפם עלינו ועל דורותינו על אחת כמה וכמה . וכלהו כתיבי ברעי . וזכרך לא יסוף מזרעי . לזכרון לפני יי תמיד . תרושה על

---

שיינקייט זאל ווערין פאר שלאסין אין דר ערד . און ווען שוין מיינע זינד האבין נאך ניוועזן דאס דר דאזיגער ווייז שטאק און דאס פלאנצונג זאלין קומען אין קבר אריין און מיין קינד איז נישטארבין בייא מיין לעבין . זאל גאט געבין מיין גיבעט און מיין גילוקטיקייט מיך מציל צו זיין פון דעם דין פון דעם גיהנם . און פון דיא אנדערע צארינדיגע מלאכים און פון גרוב פון גיהנם און פון דעם אונטערשטין אפ גרונד . און פון אלערלייא פאר דארבער און פון אלערלייא פורעניות וואס זייא דער וועקין זיך צוא קומען אויף דר וועלט . און ער זאל מיך פירין בייא דיא רועגדיגע וואסער מיט רוא און שטילקייט ביז גייך ווער אלט און גרייז ווערין . און זאל מיך מיט מיינע אנדערע קינדער און קינדערש קינדער היטין פון פאר לענדונג און פאר שניידונג . ווייל דיא וועלט וועט שטיין . און פאר איין אומצייטיגין און פלוצלינגין טויט . אויך פון אלע קראנקהייט און אלע שלעק און פאר שומלונג . און זאל היטין אונזער אויס גיין און אונזער קומען צוא לעבין און פריד פון איצונד ביז אייביג . און דוא זאלסט רוען ביז אין ענד און זאלסט אויף שטיין צוא דיין גורל אין דעם רעכטין ענד מיט דיין נפש און רוח און נשמה . און גאט וואס ער איז דער בארעמיג זאל פאר געבין די זינד און זאל ניט פאר דארבין . און זאל מערין ווידער צוא קערין דעם צארין און דעם פאר דארבער . און זאל ניט דער וועקין גאר זיין גרים צארין ; און אין זיין צארין זאל ער גידיינקען דער בארימקייט . און אז ער וועט שיקן אליהו הנביא פאר דעם גרויסין און פארכטיגין טאג ווידער צוא קערין דאס הארץ פון די קינדער צוא זייערע עלטערין און דאס הארץ פון די עלטערין צוא די קינדר . זאל ער מיך

און

לוח לבי ופתותם על ידי ואצעדה וצמיד . להתפלל תמיד על נשמתך . להעלותה אל אווי שבתך :

יח וואס מען זאל זאגין אויף זיינע קליינע קינדערס קבר :

שלום עליכם נפש נשמה ורוח . מלבשים היו בגוף זרעי לנוח . אך יצא יצא לעולם בכח ולא בפועל הרבה . ואנחנו לא נדע כבשי דרחמנא והסבה . אם הם יסורים של אהבה . או אם עונינו ענו בנו כי בא חובה . ואם על פי ירשיעני לומר מפני מה מתו בניך בחייך . קום והצטדק לפני אלהיך . ואלה הצאן מה עשו . אשר מעולמם יצאו ופרשו . ועל הכל יי אלהינו אנחנו מודים . ומצדיקים אותו וליראתו אנו חרדים . ואני תפלה לאל חי אשר בידו פקדון רוחי . על נשמתך הטהורה . אל מול פני שכינתו להאירה . ואל יהושע בן נון ראש המעלה ימסרך להיות תורת אלהים משקה ודולה . על ידי מטטרון שר הפנים . הלומד בכל יום לקטנים . ובחצות הלילה תעלה למתיבתא

---

און דיך אויך טרייסטין און נושא פנים זיין · פון וועגין דעם זכות פון דיא צדיקים און צדקניות און חסידים און חסידות וואס זיינען דא באגראבין · און אין דעם זכות פון אנדערע ריינע נשמות · און דיינע יארין זאלין ניט פאר לארין גיין וועגין דעם שטורעם און פאר טומלונג · גייערט ער זאל מערין צו אונז און צוא אונזערע דורות פאר איין יאר פיל יאר · און זאלין ווערין גישריבין אויף מיינע קינדער · און דיין גידעכעניס זאל נים ווערין אפ גיטאן פון מיינע קינדער צו אגידעכעניס פר גאט אלע צייט · דוא ביסט איין גיגראבין אין דעם טאוויל פון מיין הארץ און אזו וויא איין חתימה וואס זיא איז אויס גיקריצט אויף מיין האנט · און וויא איין פינגעריל און איין ארום באנד צוא בעטין אלע צייט פאר גאט פאר דיין נשמה · זיא ארויף צוא ברייננגען צוא דעם וואונונג וואס דוא באגערסט דארטין צוא זיצין :

שלום פריד אויף אייך נפש רוח און נשמה זייא זיינען גיוועזין בייא אנאנדר צו רוען אין דם גוף פון מיין קינד · נאר ער איז ארויס גינאנגען פאר איין קרבן עולה און איז נים לאנג גיוועזין אויף דער וועלט און די סודות פון גאט ווייסין מיר נים ; אויב גאט האט אונז די יסורים צוא גישיקט מחמת ליבשאפט . אדער אויב אונזערע זינד האבין באצייגט אין אונז דען עס איז גיקומען דיא שולדיגקייט · און ווען איך וואלט מיר שוין זעלבערט באשולדיגט צוא זאגין ווארום זיינען דיינע קינדר גישטארבין בייא דיין לעבין שטייא אויף און מאך זיך גירעכט פאר דיין גאט . אזו וואלט איך זאגין און דיא דאזיגע שאף וואס האבין גיטאן וואס זיינען אזו גיך אוועק גינאנגען פון זייער וועלט · אבער אויך אלימען

עִלָּאָה. לִשְׁמוֹעַ תּוֹרָה מִפִּי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּרְגָלָאָה. וְיִשְׁתַּעֲשֵׁעַ בָּךְ שַׁעֲשׁוּעִים וַאֲהָבִים. וְיַעֲלָךְ בְּמַעֲלַת הַכְּרוּבִים. וְאַתָּה זַרְעִי אֲשֶׁר הָיִית מִתְנַהּ בְּיָדִי לְפִי שָׁעָה. עֲמוֹד בִּתְפִלָּה וּבַקָּשָׁה פְּנֵי מְאַזִּין שַׁוְעָה. יְכַפֵּר עֲוֹנִי אֲשֶׁר גָּרְמוּ לְקִיחָתֶךָ. וְאַל יְבַעֲתוּנִי שִׁבְטְךָ וְאֵימָתֶךָ. וִימַלֵּא יָמַי בַּטּוֹב וּשְׁנוֹתַי בַּנְּעִימִים. אַךְ טוֹב וָחֶסֶד יִרְדְּפוּנִי כָּל יְמֵי חַיַּי וְשַׁבְתִּי בְּבֵית יְיָ לְאֹרֶךְ יָמִים. וְיַצִּיל אוֹתִי וּשְׁאָר זַרְעִי מִמִּיתָה מְשֻׁכֶּלֶת. וּמִכָּל מַחֲלָה וּבֶהָלֶת. וּמִכָּל צָרָה וְצוּקָה. וּבוּקָה מְבוּקָה וּמְבוּלָּקָה. וְיַעֲשֶׂה עִמִּי צְדָקָה. לְחַיֵּנִי עַל פְּנֵי תֵבֵל אַרְקָא. בְּשָׁלוֹם וּבְשֵׂיבָה טוֹבָה. וּבְכָבוֹד וּפַרְנָסָה מְרֻבָּה. וְיָסִיר מִמֶּנִּי אֶת לֵב הָאֶבֶן. וְאַל יְעַכֵּב חֵטְא וְעָוֹן. וְיִמְחוֹל עֲוֹנִי וּזְדוֹנִי. וְאַל יוֹסִיף לְיַסְּרֵנִי. וְרַחֲמָנָא דְרָחֵם עַל אֲבָהָתָנָא צַדִּיקַיָּא. יֵיעוֹל יָתָךְ לְגַן עֵדֶן לְהִשְׁתַּעֲשֵׁעַ בַּהֲדֵי צַדִּיקַיָּא. וְהָעֶדְרֵךְ יְהֵא כַּפָּרָה

---

לויבין מיר גאט אונזער גאט און מאכין אים גירעכט און מיר איילין זיך צוא זיין פארכט. און איך טוא בעטין צוא דעם לעבעדיגין גאט וואס אין זיין האנט איז באהאלטין מיין נשמה פאר דיין ריינע נשמה ער זאל זיא מאכין לייכטין צוא קעגין זיין שכינה. און צו יהושע בן נון וואס זיצט אויף דעם איבערשטין שטאפיל זאל ער דיך איבער ענטפערין דאס ער זאל מיט דיר לערנען גאטס תורה דורך דעם מלאך מט"ט שר הפנים וואס ער לערינט אלע טאג מיט דיא קליינע קינדער און אין האלבע נאכט זאלסטוא אריף גיין צוא דער אויבערשטער ישיבה צוא הערין תורה פון דעם מויל פון גאט ב"ה און זאל זיך דער מייען מיט דיר מיט פרייד און ליבשאפט און זאל דיך אויף ברייננען אין דיא מעלה פון דיא כרובים. און דוא מיין קינד וואס דוא ביסט גיוועזן ביי מיר אמתנה אקליינע צייט שטייא אויף מיט גיבעט און באנגער פאר גאט וואס ער פאר נעמט גישרייא. ער זאל פאר געבין מיינע זינד וואס זייא האבין גורם גיוועזין וואס דוא ביסט פון מיר אוועק גינומען גיווארין און דיין רוט מיט דיין פארכט זאל מיך ניט דר שרעקין. און זאל דר פילין מיינע טעג מיט גוטס און מיינע יארין מיט זיסקייט. נאר גוטס און גינאד זאל מיך נאך יאגין ווייל איך וועל לעבין און זאל זיצין אין גאטס הויז צוא לאנגע טעג. און ער זאל מציל זיין מיך מיט מיינע איבעריגע קינדער פון איין פאר דארבליכין טויט. און אלע קראנקהייט און דער שרעקינים און פון אלע לייד און איינגשאפט און לייד־קייט און פאר שניידונג. און זאל מיט מיר טאן צדקה צוא לאזין מיך לעבין אויף דער וועלט מיט פריד און אגוט עלטער. און מיט כבוד און פיל פרנסה און זאל פון מיר אפ טאן דאס שטיינערדיגע הארץ.

און

עלנא . ועל כל אנשי ביתנא . וקדם מרי עלמא להוי
בקרבן דמתקבל ברעוא . ולא יוסיף עוד לדאבה .
וימחול חובנא . ויתן לנא . בנין דכרין דיחיון ויהוון
עסקין באוריתא קדישתא ויעדי מנן ומכל עמיה בית
ישראל צרה ויגון ואנחה וכל מרעין בישין אמן :

יט וואס איין מאן זאל זאגין אויף זיין ווייבס קבר :

נפש טהורה עלית לרום הביון . יכונן מעונתך סתרך
בצל עליון נפשך בטוב תלין זרעך יירש ארץ .
יען כי בעלך עבדת בנקיון . עם התמימות שרה רבקה
רחל ולאה מדורך ביופי אפריון . אשה כשרה בנשים
מאשרה נקיה וטהורה . אלהים יי נאזר בגבורה . ישים
חלקה עם שרה . אשה כשרה בנשים חשובה נר שבת
הדליקה כחקה . האל הנקדש בצדקה . ישים חלקה עם
רבקה . אשה כשרה בנשים נאה . חלתה היתה קוצה

---

און קיין שום זינד זאל מיך ניט איין האלטין דער פון · און זאל מוחל זיין מיינע זינד און זאל ניט מערין מיך צוא שטראפין און דר גאט וואס האט זיך דער בארימט איבר אונזערע עלטערין דיא צדיקים דר זאל דיך אריין ברייננגען אין גן עדן צו דר מייען זיך צווישין דיא צדיקים · און דיין טויט זאל זיין איין כפרה אויף אונז און אויף גאר אונזער הויז גיזינד · און פאר דעם העער פון דר וועלט זאל דאס זיין וויא אקרבן וואס איז גיוואורין אן גינומען מיט ווילין און זאל ניט מערין נאך צוא שיקין קיין טרויערקייט · און זאל מוחל זיין אונזר זינד . און זאל אונז געבין קינדער זכרים זייא זאלין לעבין און זאלין לערנען דיא היילינע תורה · און זאל אפ טאן פין אונז און פון גאר זיין פאלק ישראל לייד און טרויערקייט און זיפצין און אלע בייזע קראנקייטין אמן :

נפש דו ריינע זייל דו ביסט ארויף גינאנגען אין הויכע פאר בארגענעם . ער זאל אן ברייטין דיין וואונונג אין זיין פאר בארגינעם אין דעם אויבערקסטין שאטין · דיין נשמה זאל נעכטיגין אין גוטס דיינע קינדער זאלין ארבין דאס לאנד ווייל דוא האסט דיין מאן גידינט מיט ריינקייט · דיין וואונונג זאל זיין מיט דיא פרומע מוטערס שרה רבקה רחל לאה אין איין שיינע חופה די רעכט פארטיגע פרויא צווישין די ווייבער דיא גלויבטע לויטערע און ריינע גאט דער העער וואס ער איז אן גינורט מיט שטארקייט זאל טאן איר חלק מיט אונזער מוטער שרה דיא פרומסטע פרויא צווישין דיא ווייבער גירעכינט דיא האט איר ליכט פון שבת אן גיצונדין וויא עס גיהער צוא זיין · דער גאט וואס איז גיהייליגט מיט צדקה זאל טאן איר חלק מיט אונזער מוטער רבקה · דיא רעכט פארטיגע פרויא דיא שיינע איר חלה האט זיא גינומען מיט איר פולע מאס · דער גאט וואס הערשט איבער אלע הערשאפט זאל טאן איר חלק מיט אונזער מוטער לאה דער גאט וואס דר בארימט

און

בִּמְלוֹאָהּ. הָאֵל אֲשֶׁר גָּאֹה גָּאָה. יָשִׂים חֶלְקָהּ עִם לֵאָה. הָאֵל חוֹמֵל וּמוֹחֵל. יִזְכָּר לָהּ רַחֲמָיו עִם כְּבוּדוֹת וּצְנוּעוֹת נַחֲלָתָהּ תִּנְחַל. לִהְיוֹת מְנָתָהּ עִם רָחֵל. אֵשֶׁת חַיִל עֲטֶרֶת בַּעְלָהּ. נִתְבָּרֵךְ הַבַּיִת בִּגְלָלָהּ. הָיְתָה שְׁכִיחָא בְּגַוָּא דְבֵיתָא וּמְקַרְבָא הֲנָיָתָהּ. הָיְתָה נִזְהֶרֶת לַעֲשׂוֹת מִצְוֹת. בְּשִׂמְחָה וּבִרְצִיצוּת. וּבְאַקְרוּיֵי בְּנָהָא וּבְנַטְרָא לְגַבְרָא עַד דְאָתֵי מִבֵּי רַבָּנָן וּמֵעֲשִׂיַּת מִצְוֹת. מַלְאֲכֵי רַחֲמִים יִפְתְּחוּ לָךְ הַשְּׁעָרִים הַסְּגוּרִים וְתִתְעַדֵּן הַנְּשָׁמָה הַתְּמִימָה. וְתִרְאֶה אוֹר מֵאֵל נָאוֹר אֲשֶׁר מֵעֵין כָּל חַי נֶעֶלָמָה. וְאַתְּ כִּי נָסַעַתְּ לִמְנוּחוֹת בִּגְזֵרַת קַדִּישִׁין וּבְמַאֲמַר עִירִין. וַעֲזַבְתְּ אוֹתָנוּ לַאֲנָחוֹת וּלְמִשְׁלַחַת גִּירִין. יְהִי נָא חַסְדֵּךְ עָלֵינוּ. לִמְשׁוֹךְ חוּט שֶׁל חֶסֶד עָלֵינוּ. אַחֲרֵי כִּי יָדַעַתְּ כִּי אָדָם אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר אֵין כַּעְסוֹ לִפְעָמִים יָרֵץ. לְהַקְדִּים לְרַחֲמִים פָּנִים זְעוּמִים. וּפֶן וְאוּלַי גַּם אוֹתִי הַכַּעַס הֵבִיא לִידֵי טָעוּת. לָתֵת בְּעֲקֶרֶת הַבַּיִת מִגְרַעַת.

---

און איז מוֹחֵל דיא זִינְד זָאל איר גִידֵיינְקֶען זיין רַחֲמָנוּת זיא זָאל איר אַרְבּ אַרְבִּין מִיט דיא צְנוּעוֹת. איר רוא זָאל זיין איר גָאבּ מִיט אוּנְזֶער מוּטֶער רָחֵל וָואס זיא איז גִיוֶוען איין אֵשֶׁת חַיִל די קְרוֹין פוּן איר מַאן. דָאס הויז איז וָוארִין גִיבֶּענְטְשְׁט פוּן אירְט וֶועגִין. זיא איז גִיוֶוען אַלֶע צייט אין איר הויז און דֶעם אֶרִימַאן הָאט זיא גִיגֶעבִּין אַזֶעלְכֶע צְדָקָה וָואס עֶר הָאט עֶס גִיקֶענְט בַּאלְד עֶסִין. זיא איז גִיוֶוען גִיוָוארִינְט צוּ טָאן מִצְוֹת מִיט פְרֵייד און לוּסְט. און הָאט אִירֶע קִינְדֶר לָאזִין לֶערְנֶען און הָאט גִיוַוארְט אויף איר מַאן בִּיז עֶר איז גִיקוּמֶען אוֹיס דֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ און פוּן צוּא טָאן מִצְוֹת. די דֶער בַּארְמִינְגֶע מַלְאָכִים זָאלִין דִיר עֶפִינֶען דִיא פַּאר שְׁלָאסֶענֶע טוֹיעֶרִין. און דִיא פְרוּמֶע נְשָׁמָה זָאל זִיךְ זֶעגִיפְטִיגִין און זָאל זֶעהֶען דָאס לִיכְט פוּן דֶעם לִיכְטִיגִין גָאט. וָואס עֶר איז פַאר הַיילִין פוּן אַלֶע לֶעבֶּדִינְגֶע. און וָוען דוּא בִּיסְט אַוֶועק גִיצוֹיגִין צוּ דַיין רוּא מִיט דֶעם בַּאפֶעל פוּן די הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים. און הָאסְט אוּנְז פַאר לָאזִין צוּא זִיפְצִין און טְרוֹיעֶרְקַייט זָאל זיין דַיין גִינָאד מִיט אוּנְז צוּ צִיהֶען אויף אוּנְז דֶעם פָארִים פוּן גִינָאד. וַוייל דוּא ווייסְט אַז עֶס איז נִיט פַאר הַאנְדִין קֵיין מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זַיין גָאר אַצַדִיק און זָאל גָאר נִיט זִינְדִיגִין. וָואס זַיין כַּעַס זָאל נִיט צוּ צייטִין אִיבֶּער צְווִינְגֶען. און טָאמֶער הָאט מִיךְ מַיין כַּעַס אויךְ אַמָאל גִיבְּרַכְט צוּא איין טָעוּת דָאס אִיךְ הָאבּ קֶעגִין דִיר עֲקֶרֶת הַבַּיִת גִירֶעט אִיבְּרִיגֶע רֵייד מִיט אַזֶעלְכֶע גִינַארְטֶע רֵייד וָואס הָאבִּין דִיךְ גִיבְּרַאכְט צוּ טְרֶערִין לָאזִין. אָדֶער אַנְדֶערֶע זַאכִין וָואס הָאט גִיבְּרַאכְט אַקְרִינְג צְוִוישִׁין אוּנְז אַזוֹ זייא מִיר מוֹחֵל פַאר גִיבּ מִיר דָאס נַארוּנְג וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן קֶעגִין דִיר. און גִידֵיינְק מִיר נִיט קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְץ. אוּנ זָאלִין זייא אַלֶע

באונאת דברים המביאים לידי דמעות. או שאר גלגולי
סבות המביאים לידי תגראות. מחל נא סלה נא אונאה
הקרובה. ואל תזכרי לי שום חובה. וכלהון יהון שרן
שביקין שביתין בטלין ומבטלין. לא שרירין ולא קימין
כענן בוקר וכגלים וכמהר יקדמוני רחמיך. לעמוד
בתפלה בשבילני את פני יי אלהיך. המחיה חיים.
אומר ועושה גוזר ומקים. יגדור פרצה הפרוצה. ויתן
לנו חיים ארוכים בכבוד ובעשר. במזוני ולא בחוסר.
כדי שאוכל לפרנס זרעי ובני ביתי. ולגדלם לעבודת
השם כאשר עם לבבי ודעתי. ויהיו כל בני ביתי בשלום
ובאחוה. ובכבוד ובהצלחה ובהרוחה. ואת תשאי
בעדי רנה ותפלה ותפגעי יצילני השם מכל זעם וצרה
כל שעה וכל רגע. ויתנני לארך ימים ושנים. וימלא
ימי בטוב. ושנותי בנעימים. ויהיו כל זרעי וזרע זרעי
חסידים ותמימים. ולא ימצא בהם שום שמץ ודופי

---

זיין פאר שטערט און זאל צוא ניסט זיין און ניט מער גידאכט ווערין. אזו וויא דער
וואלקין פון פריא און אזו וויא דיא אינדרין וואס ווערין באלד צוא נישט. און דיין דער
בארימקייט זאל באלד פעדערין צוא שטיין פאר דיין גאט און זאלסט בעטין פון אונזערט
וועגין צו דעם גאט וואס מאכט לעבין די לעבעדיגע און טוט וואס ער זאגט און איז מקיים
וואס ער איז גוזר זאל ער פאר צאמען דעם בראך און זאל אונז געבין לאנג לעבין מיט
כבוד און עשירות מיט פולקייט און ניט מיט חסרונות פון וועגין איך זאל קענען מפרנס
זיין מיינע קינדער און מיין הויז גיזינד. און זאל זייא אויף ציהען צוא גאטס דינסט אזו
וויא אין מיין זין און אין מיין הארצין איז. און גאר מיין הויז גיזינד זאלין לעבין צווישין
זיך מיט שלום און ברידער שאפט און מיט כבוד און הרוחה און הצלחה. און דוא זאלסט
פאר מיר בעטין דאס גאט זאל מיך מציל זיין פון אלערלייא צארין און לייד אלע צייט
און אלע אויגין בליק. און זאל מיך לאזין לעבין צוא לאנגע יאר און טעג. און זאל דער
פילין מיינע טעג אין גוטין און מיינע יארין מיט זיסקייט. און אלע מיינע קינדער און
מיינע אייניקלאך זאלין זיין פרומע און אויף ריכטיגע. עס זאל אין זייא ניט גיפונען
ווערין קיין שום שאנד פלעק און קיין שום פגם און זייער ליכט זאל שיינען אזו וויא דער
מארגין שטערין און זייער הייליגג זאל באלד שפראצין און זייא זאלין זיין איין גיזאמילט
אונטער מיינע פליגיל אלע מיינע אויס גיזעצטע טעג ביז דער לעצטער צייט. און זאלין
ניט דארפין צו די מענטשין. און זאלין ניט האפין צו אפרעמדין טיש און זאלין ניט זיין
אונטער טעניג אונטער פרעמדע. און זאלין זיין גילערנטע לייט און זאלין טאן מעשים

טובים

ופגמים. ויבקע כשחר אורם וארוכתם יצמיח מהרה. ויהיו מכנסים תחת כנפי כל ימי צבאי עד גמירא. ולא יצטרכו לבני אדם ולא מצפים לשלחן אחרים. ולא מכנעים תחת זרים. ויהיו בעלי תורה ומעשים טובים. ולא יהיה ביניהם שום איבה ותחרות וערבובים. קום קרא אל אלהיך אל תאחרי. התפללי בעדנו ואל אל שחרי. ובמה יודע אפוא כי מצאנו חן בעיניך. הלא בלכתך להתפלל עבורנו את פני אדוניך. ויכלא בקשתך עבורנו. בזכותך ובזכות כל הצדיקים אבותינו. ועתה הפרדי נא מעלי ולכי לקץ. ותנוחי ותעמדי לגורלך לקץ הימין לנוח במנוחה שאין לה קץ ותכלית. בעליות גולית. עד עולם אמן סלה:

כ וואס איין ווייב זאל זאגן אויף איר מאנש קבר. אבער ווען זיא האט גינומן איין אנדערן מאן זאל זיא ניט גיין אויף איר ערשטין מאנש קבר וואדום עס איז אגרויסע סכנה:

שלום עליך. אתה אישי ובעלי. אשר היית בנין ביתי ושמחת אהלי מאיר היית מאפלי. ושמחת גילי. היית לי עטרת

---

טובים. און עס זאל ניט זיין צווישין זיי קיין שום פיינד שאפט און צארין און צו מישונג שטייא אויף רוף צו דיין גאט. זאלסט ניט זאמען בעט פאר אונז און פארסט צוא גאט און מיט וואס וועט ווערין גיוואוסט אז מיר האבין גיפונען חן אין זיינע אויגין. פאר וואר אז דוא וועסט גיין בעטין פון אונזערט וועגין פאר דיין הער און ער וועט דער פילין דיין גיבעט פון אונזערט וועגין אין דיין זכות און אין דעם זכות פון אלע צדיקים אונזערע עלטרין. און איצונד שייד זיך אפ פון מיר און גייא צוא דיין רוא ביז צום סוף. און בלייב רוען און זאלסט אויף שטיין צוא דיין גורל צום רעכטין סוף. צו רוען מיט אזוא ארואונג וואס האט קיין סוף ניט אין די העכסטע קאמערין ביז אייביג אמן סלה:

שלום פריד אויף דיר דוא מיין מאן און מיין הער. וואס דוא ביסט גיוועזן דאס גיבייא פון מיין הויז און די פריד פון מיין גיצעלט. דוא האסט גימאכט לייכטין מיין פינצטרנס און ביסט גיוועזן מיין פרייד. דו ביסט גיוועזן מיר איין צירליכע קרוין און דיא היילונג פון מיין ווייטאג און איצונד איז ווארין צו בראכין דער באלקין פון מיין הויז. און מיין זון איז אונטער גיגאנגען בשעה עס איז נאך גיוועזן טאג. און איך בין גיבליבין גאר אליין. מיין גלאנעץ און שיינקייט און צירונג איז ווארין אוועק גיקערט. אז איך קום אין מיין הויז און זעה מיך ארום אויף אלע זייטין און זעה קיין מאן ניט אזו טוא איך זאגין וואו ביסטו וויא האסטו מיך אזו פאר לאזין און באר גנעסין אזו. איין פרויא וואס איז טרויעריג פון נימיט זיא מיט וויינען און אירע טרערין זיינען אויף אירע קין באקין. איך האב ניט קיין טרייסטר און ניט קיינער זאל שטילין מיין טרויערקייט. און איך בין היינט ניקוסט

צבי . ורפאות מכאובי . ועתה שריתא דביתי פקעה . ושמשי בעוד יומם שקעה . ונשארתי בדד וגלמודה . פנה זיוי פנה הדרי פנה הודה . בבואי לביתי ואפן כה וכה וארא כי אין איש ואומר איכה . איכה עזבתני עזובה ושכוחה . אשה עצובת רוח בכה תבכה . ודמעתה על לחיה . אין לי מנחם ולא משיב יגוני : ואבוא היום אל העין כבת עיני . אל נקרת בור מנוחת הדר ששוני . בקשתיו ולא מצאתיו . אך מן המצר קראתיו . ואומר שלום לך ולנשמתך הטהורה . בצל ענן כבוד תהיה שמורה . לעד ולנצח תהיה לטוב זכורה . וירחם עליך הבורא ויהי נועם יי עליך . ויראה לפניו פעלך . כמעשה אבותינו הקדושים . ושמונה נסיכי אדם וארבעה חרשים . והנה נא ראה תראה בעני אמתך . וזכרת את אמתך . וראה עניי ושפלותי . ונמיכת רוחי וצרותי . ועל מי נטשת מעט הצאן ההנה . כבשות הצאן צאני אשר הצבת לבדנה . נסעת אתה למנוחות . ועזבת אותנו לאנחות . מי יורה דעה ומי יבין שמועה גמולי מחלב ועתיקי משדים . ומי יורה לנו דרכי אלהים חיים . מי ידריכנו בנתיב ישר . ומי יורה לנו שעת הכשר . ועל מי הבטחת אלמנתך . ומי יבנה בנין ביתך . ואם תדמה

---

צו דאס שווארץ אפיל פון מיין אויג . צו דער גרוב וואס דארט רוט מיין שענסטע פרייד . איך האב איהם געזוכט און האב איהם ניט געקענט געפינען . גאר אויס אנגסט טוא איך איהם רופין און טוא זאגין פריד צו דיר און צוא דיין ריינע נשמה . דוא זאלסט זיין גיהיט אין דעם שאטין פון דעם הערליכין וואלקין . אויף אייביג זאלסטו דער מאנט ווערין צוא גוטין און דער בשעפער זאל זיך איבער דיר דער בארימען און דיא זיסקייט פון גאט זאל זיין אויף דיר . און דיינע ווערק זאל פאר איהם גיוויזין ווערין גלייך אז דיא ווערק פון אונזערע הייליגע עלטערין . און די אכט העררין וואס וועלין הערשין איבער דיא ישראל אז משיח וועט קומען . דאס זיינען (אדם ישי שאול שמואל עמוס צפניה חזקיה אליהו) און פיר מיינסטערס וועלין אויך דערמאלט זיין . דאס זיינען . משיח בן דוד . משיח בן יוסף . אליהו . שם בן נח . און איצונד בעט איך דיך זעה דאך אין די פיין פון דיין דינסט און זאלסט זיא גידיינקען און זעה מיין פיין און מיין נידערקייט . און מיין גידעריג גימיט און אין מיין לייד . און אויף וועמען האסטו פאר לאזין דאס ביסיל שאף מיינט מען דיא קליינע קינדער וואס דוא האסט גיראזט שטיין אליין . דו ביסט אוועק גיצויגין צוא רוא און אונז האסטו פאר לאזין צוא זיפצין . ווער ייעט אונז לערנען וויסין שאפט און ווער וועט אונז געבין פאר שטיין נאטס ווערטער קענגין דאס דען טאן דיא קינדער וואס זיינען ערשט גיוואריין אפ גיוויינט פון דער מילך און די וואס זיינען ערשט גיווארין אפ גירוקט פון דער ברוסט . און ווער וועט אונז ווייזין די וועג פון דעם לעבעדיגין גאט ווער וועט אונז מאכין טרעטין אין דער רעכט פארטיגן וועג . און ווער וועט אונז ווייזין דיא רעכטע

מיתת אשה על בעלה כחרבן הבית בימיו . תדמה מיתת הבעל
על אשתו כאלו נחרב העולם ומרומיו . על כן רחם על פליטת
צאן ידך . מי יודע ישוב ונחם והשאיר ברכה אחריך . ועמד
נא בתפלה ובבקשה . לפני אל רם ונשא . אבי יתומים ודין
אלמנות . ומרחם על עגונות . יכפר על חטאתי . ויבנה הריסותי
ושממותי . וישים צרי למכאובי . וירחם עלי ועל טפלי דתלו
בי . וינחם אותי וידבר על לבי דברי תנחומים המרפאים כאבי .
ויסיר כל מחלה וכל נגע מקרבי . אף תשיב צור חרבי . שלא
ווארהייט און עס זאל מקוים ווערין אין מיר און אויך אין אלע קראנקע די פסוקים וואס שטייען געשריבן אין דער תורה דורך דיין קנעכט משה וואס ער האט עס געהערט פון דיין הערליך מויל ווייא עס איז ווארין געזאגט (ויאמר אם שמוע תשמע וכו׳) און ער זאגט אויב דו וועסט צו הערין צו דעם קול פון דיין גאט און וועסט טאן דאס וואס וואוי געפעלט אין זיינע אויגין און וועסט פאר נעמען צו זיין געבאט און וועסט היטין אלע זיינע געזעץ זאגט גאט דיר צו . אלע קראנקהייט וואס איך האב געטאן אין מצרים . וועל איך אויף דיר ניט שיקין . דען איך בין דער גאט וואס היילט דיך . און נאך שטייט אין דר תורה און איר זאלט דינען צו גאט אייער גאט דאן וועט ער בענטשין דיין ברויט און וואסער און וועט אפ טאן דיא קראנקהייט פון צווישין דיר . נאך שטייט געשריבן עס וועט ניט זיין קיין פאר ווארפרין און קיין אונטראכטערין אין דיין לאנד . די צאל פון דיינע טעג וועל איך דער פילין . נאך שטייט און גאט וועט אפ טאן פון דיר אלע קראנקייט און אלע בייזע ווייא טאג פון מצרים די וואס דו ווייסט . וועט ער זיא ניט טאן אין דיר און ער וועט זיי געבין אין אלע דיינע פיינד . און דורך דיינע קנעכט דיא נביאים שטייט געשריבין אזו צו זאגין אויב איר וועט וועלין און וועט צו הערין גאטס געבעט וועט איר עסין דאס בעסטע פון דעם לאנד . און נאך שטייט געשריבין און איר וועט עסין און וועט זיין זאט און איר וועט לויבין צו אייער גאט וואס ער האט מיט אייך געטאן וואונדער און מיין פאלק וועט אייביג מער ניט פאר שעמט ווערין . און נאך שטייט געשריבין איך האב געזעהען זיינע וועגין און וועל אים היילין און וועל אים פירין און וועל באצאלין טרייסטונג צו אים און צו די וואס האבין געטאן אויף אים טרויערין און נאך שטייט געשריבין

ותשמח אתנו. עשה למען שמך עשה למען תורתך עשה למען צדקתך עשה למען קדושתך עשה למען מלאכי רחמים עשה למען ימינך למען יחלצון ידידיך הושיעה ימינך וענני עשה למען ברית אבותינו אברהם יצחק ויעקב עשה למען משה ואהרן עשה למען דוד ושלמה עשה למען זכות הצדיקים והחסידים האלו השוכנים פה כי למען כבודם באתי הנה להלל לשמך הגדול הגבור והנורא ולהשתטח על קברם שיליצו עלי ועל כל אדם זכותם וצדקתם שעשו בחייהם. עשה למען כל הצדיקים והחסידים קדושים וקדושות הנקברים בכל העולם. עשה למען שרה רבקה רחל ולאה והצילני מכל פגעים רעים ולבבי הנשבר הנדכה והנכאה הבט משמים וראה. שברון רוחי ולבבי וכהישת חילי וקוצר רוחי כי תחת יפי המראה ובריאות בשר דלות ורעות תאר ורקות בשר ואברי צנומות שדופות קדים ואחרי שתפלת החולה יפה לעצמו על כן מצא עבדך מקום להתפלל את התפלה והתחנה הזאת אף כי ריחי נמר ולא עמד בי טעמי ראה יי כי צר לי מעי חמרמרו נהפך לבי

---

גישריבען ער בשאפט די רייד פון די לעפצין צו פריד. און עס וועט זיין פריד צו דעם ווייטין און צו דעם נאהינטין און איך וועל אים היילין אזו זאגט גאט. און נאך ווערט גיזאגט און עס וועט שיינען צו די וואס פארכטין זיך פאר מיין נאמען די זון פון גירעכטיקייט און זיא וועט היילין מיט אירע פליגיל. און נאך ווערט גיזאגט דענמאלט וועט דיין ליכט דורך ברעכין אזו וויא דר מארגין שטערין און דיין היילונג וועט באלד שפראצין. דען איך וועל דיר אויף ברייגגען איין היילונג און פון דיינע שלעק וועל איך גיהאלפין ווערין דען דו ביסט מיין לויב. און ברייגג אויף איין גאנצע רפואה צו אלע מיינע שלעק ווארום דו ביסט גאט דער קיניג איין ווארהאפטיגער דאקטער און איין דער בארמיגער ביסטו. און גאר מיין הויז גיזינד זאלין זיין אין דעם כלל פון דער בארימקייט און היילונג און בענטשונג און אין דעם כלל פון לעבין און שלום פון איצונד ביז אייביג אונזער קיניג און אונזער גאט דער גאט פון אלע בשעפענעס לייז מיך אויס מיט אלע מענטשין פון אלערליי בייזע קראנקהייט און זייא אונז מציל פון דעם אלימען און דער פרייא אונז. טוא עס פון וועגין דיין נאמען טוא עס פון וועגין דיין תורה. טוא עס פון וועגין דיין גירעכטיקייט טוא עס פון וועגין דיין הייליקייט טוא עס פון וועגין די דער בארמיגע מלאכים טוא עס פון וועגין דיין רעכטע האנט. פון וועגין דיינע גיליבטע זאלן בשירמעט ווערין העלף דיין רעכטע האנד און ענטפער אונז. טוא פון וועגין דעם פאר בונד. פון אונזערע עלטערין אברהם יצחק יעקב. טוא פון וועגין משה און אהרן טוא פון וועגין דוד און שלמה טוא פון וועגין דעם זכות פון דיא דאזיגע צדיקים און חסידים וואס רוען דא דען פון וועגין זייער כבוד בין איך אהער גיקומען צו לויבין דיין נאמען

בקרבי · ממרום שלח אש בעצמותי וירדנה פרש רשת לרגלי הכשיל כחי בלה בשרי ועורי תולנות פני ותארי זכור בוראי ימי בהורותי עד אשר לא תחשך השמש והאור והירח והכוכבים ושבו אחרי הגשם העבים · והעלה רפואה שלמה לכל מכותי ואל תזכר לי את אשר העוה עבדך ואשר הרעותי · פצני והצילני ועד יעבור הוות בצלך תסתירני והיה לנו בעזרנו ותן בי כח לשמור פקודיך וחקיך · וזכנו לשחר בית דביריך השמים והרב וללחוך עפרותיו · ולרצות אבניו ורגבי הרבותיו · ולהיות שם קבורתי · עם כל עבדיך הצדיקים והחסידים · וקבל ברחמים וברצון את תפלתי · ואל תשיבני ריקם מלפניך אמן :

---

דעם גרויסן דעם שטארקן דעם פארכטיגן און זיך פאר שפרייטן אויף זייערע קברים דאס זייער זכות און זייערע צדקות וואס זיא האבין גיטאן בייא זייער לעבין זאל אויף מיר און אויף אלע מענטשין גוטס שפרעכין · טוא עס פון וועגן אלע צדיקים און חסידים די הייליגע מאנזבילין און ווייבער וואס זיינען באגראבין אין דר גאנצער וועלט טוא פון וועגן שרה רבקה רחל ולאה און באשירעם מיך פון אלע בייזע באגעגענעס און מיין צו בראכינגע און צו שטויסינגע און נידעריגע הארץ זאלסטו לוגין פון דעם הימיל און נער מיין צו בראכינגע גימיט און מיין הארץ און דאס שוואכקייט פון מיין קראפט און מיין קורצין אטום דען אויף דעם ארט וואס מיין גישטאלט איז גיוועזן שיין און מיין לייב איז גיוועזן גיזונד · בין איך איצונד מאגער פון פלייש און מיין גישטאלט איז איבעל און שלעכט און מיינע גלידער זיינען אויס גידארט פאר מאגירקייט · און ווייל דאס גיבעט פון דעם חולה איז פאר אים זייער גוט דאס קען פיל העלפין דרום אזו האט זיך דיין קנעכט אונטער גישטאנדין צו בעטין די דאזיגע תפלה · ווען אפילו מיין גישמאק איז פאר ביטען און מיין פאר שטאנד איז נים גיבליבין אין מיר זעה גאט עס איז מיר איינג מיינע גידערים זיינען ווארין איין גישרומפין · מיין הארץ איז ווארין פאר קערט אין מיר פון דעם הימיל איז ווארין גישיקט איין פייער אין מיינע ביינער און האט זיי צו בראכין · ער האט פאר שפרייט איין נעץ צוא מיינע פים ער האט גישטרויכילט מיין קראפט · מיין פלייש און מיין הויט איז ווארין פר פוילט · מיין פנים מיט מיין גישטאלט איז ווארין קראנק · גידיינק מיין באשעפער מיינע יונגע טעג איידער די זון און דאס ליכט און דיא לבנה און די שטערין ווערין ווארין פינסטער · און ברייננג אויף איין רפואה שלמה צו אלע מיינע שלעק · און זאלסט מיר נים גידיינקען וואס איך דיין קנעכט האב פאר קרימט און וואס איך האב גיטאן בייז · עפין מיר און בשירעם מיך און פאר בארג מיך אין דיין שאטין ביז דאס לייד און ברעכענעס וועט איבער גיין · און זייא צו אונז אין אונזער הילף און גיב מיר קראפט צו היטין דיין באפעל און דיין גיזעץ · און זיי מיך מזכה צוא פארשטין דיין בהמ״ק וואס איז פאר וויסט און פאר שטערט · און צו לעקין זיין ערד און צו בווילינן זיינע שטיינער און זיינע פאר וויסטע שטיקער ערד · און דאס איך זאל בגראבין ווערין מיט אלע דיינע צדיקים און חסידים · און פאר נעם מיט דער באריםקייט און ווילין מיין גיבעט · און זאלסט מיר נים לאזין לידיג פון דיר צוריק גיין אמן :

כז וויא אנדערע לייט אויף איינעם קראנקין זאלין תפלל זיין :

ייָ אֵל רחום וחנון שמע אל התפלה והתחנון אשר עבדיך לפניך מתפללים עבור החולה המוטל למטה כאלו העלוהו לגרדום לדון חיש קל כאלו נטו ונסו הצללים . הוא הנפש המר אשר כל משכבו נהפך בחליו לא עמד בו טעמו וריחו נמר . כל אוכל תתעב נפשו והגיע עד שערי מות חם לבו בקרבו בהגיגו תבער אש . ראשו ואבריו כבדים עליו יתנכר במעלליו רואה באחד את הבית והעליה . ושעריו יכת שאיה . חלים רעים ונאמנים סבבוהו . הכל נחשב כנגדו כאפס ותוהו . לכן אנחנו מצלנן האידנא אקצירא ואמריעא . אנא ייָ הושיעה . ייָ חננהו רפאה נפשו כי חטא לך . היה בכסלו ושמור רגלו מלכד כי עליך יעזוב חלכה והסיר ייָ ממנו כל חולי וכל מדוי מצרים הרעים . והולכים לתומם קרועים . כל כלי יוצר עליו לא יצלח . וכל לשון תקום אתו למשפט ירשיע וחיך כבדם יפלח . ועז ייָ

ייָ גאט דו דער בארימיגר און לייט זעליגער הער צו דאס גיבעט וואס דיינע קנעכט בעטין פאר דיר פון וועגין דר וואס ליגט צו בעט גלייך וויא מען האט אים גבראכט פאר דעם ריכטער צו משפטין אים ניך אוןבאלד גלייך וויא די שאטינס ווס אנטלויפן ניך . ער איז דר פאר ביטערטר לייב וואס זיין גאנץ גילעגר איז ווארין פר קערט אין זיין קראנקהייט זיין גישמאק מיט זיין ריח איז ניט גיבליבן שטיין אין אים . אלערליי עסין ווארג האט זיין לייב פאר אוס ווערדינט און איז גיגרייכט ביז דיא טויערין פון טויט זיין הארץ איז דר היצט אין אים און אין זיין גידאנקען ברענט דאס פייער . זיין קאפ מיט זיינע גלידער זיינען אויף אים שווער ער איז ווואונדרליך אין זיינע ווערקין . ער וועהעט אלץ ארום דם הויז און דעם בוידים ועהעט ער אז דאס וויסטיקייט האט עפ גיטאן שלאגין . בייזע קראנקהייט און ווארהאפטיגע האבין אים ארום גירינגילט אלץ וואס ער האט ווערט ביי אים גירעכינט פאר ניסט . דרום טוען מיר היינט בעטין פר די קראנקע און שוואכע . איך בעט דיך גאט העלף אים . לייט זעליג אים הייל זיין לייב ווען ער האט קענין דיר גיזינדיגט . זאי מיט אים אין זיינע גידאנקען היט זיינע פיס פון גישטרויכילט צו ווערין . דען אויף דיר פאר לאזין זיך דיין פאלק . און גאט זאל פון אים אפ טאן אלע קראנקייט און אלע בייזע ווייטאג פון מצרים . און די וואס גייען אין זייער גאנצקייט און זיינען באטריבט . זאל קיין פאר דערבליך ניפעס אים ניט קענען טאן אם

תהיה אל יראיו למיחלים לחסדו להציל ממות נפשם ולחיותם ברעב. ולא תשלם לו כפועל ידו האל המלך: היושב על כסא רחמים. הבורא עולמו במדת הרחמים. ולו החסד והרחמים. ומתנהג עם ברואיו במדת רחמים. מטה כלפי חסד ורחמים. הפודה ומציל המפליא חסדיו להועיל. האחד ואין זולתו. ומושיע אין בלתו. הגוזר ואומר ויקים נאמו. האחד ואין שני עמו. הקרוב לקוראיו ועונה לעתות בצרה את יראיו. הוא יתמלא רחמין טבין עלינו ועל כל עמו בית ישראל ובכללם יזכור ויפקוד ויחמול וירחם ויציל ויעזור ויגן ויושיע וירפא פב"פ השרוי בצער ובצרה שוכב על ערש דוי ושואל מאת יי׳ אלהיו צדקה וחסד ורחמים וחיים ושלום וחן ומרפא וארוכה ירחמנהו עושהו ויוצרו יחוננהו יסובבנהו יצרנהו כאישון עינו יחוננהו ויאמר פדעהו

---

דר וואס וועט אויף שטיין קענן אים צו משפט זאלסטו אים בשולדיגן און די פייל זאל צו שפאלטין זייער לעבער און גאטס השגחה זאל זיין איבער זיינע פארכטיגר צו דיא וואס האפין צו זיין גינאד צו בשירמען זייער לייב פון דעם טויט און זיי צו דער נערין אין הונגער. און דוא גאט וואס זיצט אויף דער בארעמיגער שטול זאלסטו אים ניט בצאלין אזו וויא זיינע מעשים. דר וואס האט בשאפין זיין וועלט מיט דר מדה פון דר בארימקייט. און ביי אים איז דיא גינאד און דער בארימקייט און ער פירט זיך מיט זיינע בשעפינעס מיט דר מדה פון דער בארימקייט דער וואס לייזט אויס און בשירמעט זיינע וואונדערליכע גינאד בווייזט ער ווען ער וויל איינעם העלפין און קיין אנדערער איז ניט פאר האנדין חוץ אים. און ער קען העלפין. קיינער ניט נאר ער אליין און ניט קיין אנדערער. דער וואס איז גוזר און זאגט און איז מקיים זיינע רייד. ער איז איינער און קיין אנדערער איז ניט פאר האנדין מיט אים. דער וואס איז נאהענט צו די וואס רופין אים און ענטפערט צו זיינע פארכטיגע צו דר צייט פון לייד. דר גאט זאל ווערין דער פילט מיט גוטע רחמנות אויף אונז און אויף גאר זיין פאלק ישראל. און אין זייער כלל זאל ער גידיינקען און זאל זיך דער בארימען און בשירמען און העלפין און בשיצין און זאל היילין דעם (פלוני בן פלוני) וואס ער רוט אין צער און אין לייד וואס ער ליגט אויף זיין קראנקין בעט. און בעט פון גאט זיין גאט צדקה און חסד און דר בארימקייט און לעבין און פריד און חן און איין רפואה. זיין בשעפר זאל זיך דער בארימען איבער אים. און זיין פורמר זאל אים לייט זעליגן ער זאל אים ארום רינגלען און זאל אים היטין

מֹרֶדֶת שַׁחַת מָצָאתִי כֹפֶר. מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים בְּרַחֲמָיו יְרַחֲמֵהוּ וִיקַיֵּם בּוֹ מִקְרָא שֶׁכָּתוּב כִּי אֵל רַחוּם יְיָ אֱלֹהֶיךָ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַשְׁחִיתֶךָ וְלֹא יִשְׁכַּח אֶת בְּרִית אֲבוֹתֶיךָ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לָהֶם. וְנֶאֱמַר כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים רִחַם יְיָ עַל יְרֵאָיו. חַנּוּן וְרַחוּם יְיָ אֶרֶךְ אַפַּיִם וּגְדָל חָסֶד. מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים בְּרַחֲמָיו יַעֲנֵהוּ כִּדְכְתִיב. יַעַנְךָ יְיָ בְּיוֹם צָרָה יְשַׂגֶּבְךָ שֵׁם אֱלֹהֵי יַעֲקֹב. יִשְׁלַח עֶזְרְךָ מִקֹּדֶשׁ וּמִצִּיּוֹן יִסְעָדֶךָּ. יִזְכּוֹר כָּל מִנְחוֹתֶיךָ וְעוֹלָתְךָ יְדַשְּׁנֶה סֶלָה. יִתֶּן לְךָ כִלְבָבֶךָ וְכָל עֲצָתְךָ יְמַלֵּא. לֹא תְאֻנֶּה אֵלֶיךָ רָעָה וְנֶגַע לֹא יִקְרַב בְּאָהֳלֶךָ. כִּי הוּא יַצִּילְךָ מִפַּח יָקוּשׁ מִדֶּבֶר הַוּוֹת. מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים בְּרַחֲמָיו וּבַחֲסָדָיו יָסִיר מִמֶּנּוּ כָּל חֳלָיִים רָעִים וְיִפְדֶּה נַפְשׁוֹ מִנִּי שַׁחַת וְחַיָּתוֹ בָּאוֹר תִּרְאֶה. יֶעְתַּר אֶל יְיָ וַיִּרְצֵהוּ וַיַּרְא פָּנָיו בִּתְרוּעָה וַיָּשֶׁב לֶאֱנוֹשׁ צִדְקָתוֹ פְּדֵה נַפְשׁוֹ מֵעֲבוֹר בַּשַּׁחַת וְחַיָּתוֹ בָּאוֹר תִּרְאֶה לְהָשִׁיב נַפְשׁוֹ מִנִּי שַׁחַת לֵאוֹר בְּאוֹר הַחַיִּים. מֶלֶךְ מַלְכֵי

---

זיא דאס שווארץ אפיל פון זיין אויג. ער זאל אים ליים וועלינן און זאל זאגן איך האב אים אויס גילייזט פון צו נידערין אין גרוב איך האב גיפונען פאר אים איין אויס לייזונג. ו ער קיניג איבער אלע קיניגין מיט זיין רחמנות זאל ער זיך איבער אים דער בארימען און עס זאל מקוים ווערין אין אים דר פסוק וואס שטייט גישריבין דען גאט דיין גאט איז אדערבארמיגר גאט ער וועט דיך ניט שלאפין און וועט דיך ניט פאר דארבין און וועט ניט פאר געסין אין דעם פאר בונד פון דיינע עלטערין וואס ער האט צו זיי גישווארין. און נאך איז נוארין גיזאגט אין פסוק. גלייך איין פאטער דער בארימט זיך איבער זיינע קינדער. אזו טוט גאט זיך דער בארימען איבער זיינע פארכטיגע גאט ב"ה איז איין חנון און איין דער בארמיגער ער האלט אויף דעם צרין און טוט גרויסע גינאד. דער קיניג איבער אלע קיניגין מיט זיין רחמנות זאל ער אים ענטפערין אזו ווי עס שטייט גישריבין גאט ב"ה וועט דיר ענטפערין אין דעם טאג פון לייד. דער נאמען פון דעם גאט פון יעקב וועט דיך שטארקין. ער וועט שיקין דיין היקף פון די הייליקייט און פון ציון וועט ער דיך אונטער לעהנען. ער וועט גיידיינקן אלע דיינע קרבן מנחות און דיינע פעטע קרבן עולות טוט ער גידיינקען אויף אייביג. ער וועט דיר געבין ווי דיין הארץ בגערט און אלע דיינע ראט וועט ער דער פילין. עס וועט ניט טרעפין צו דיר קיין בייז און קיין פלאג וועט ניט גינעהענן אין דיין גיצעלט דען ער וועט דיך מציל זיין פר איין שטרויכלונג נעץ און טויד און פרעבענעס. דער קיניג איבער אלע קיניגין זיין רחמנות

המלכים ברחמיו ובחסדיו יגזור עליו גזרות טובות ויבטל מעליו כל גזרות קשות ורעות וירפא את מכותיו ואת מכאוביו ויסלח לכל עונותיו ויכפר כל פשעיו ויאריך ימיו ושנותיו ויחדש כנשר נעוריו ויקים בו מקרא שכתוב ותגזר אמר ויקם לך ועל דרכיך נגה אור כי ארך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך. ונאמר כי בי ירבו ימיך ויוסיפו לך שנות חיים ושלום. כי חיים הם למוצאיהם ולכל בשרו מרפא. ארך ימים אשביעהו ואראהו בישועתי. מלך מלכי המלכים ברחמיו ירפאהו רפואה שלמה וארכה של חמלה וחנינה לחיים טובים ולאריכות ימים חיים של רחמים חיים של השקט ומנוחה חיים של שלום חיים של ברכה כדכתיב כי ארך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך. מלך מלכי המלכים ברחמיו יפתח לו שערי אורה שערי ארוכה שערי ברכה שערי גילה שערי דיצה

---

און זיין גינאד זאל ער פון אים אפ טאן אלע בייזע קרנקייטן און זאל אוים לייזן זיין לייב פון דעם גרוב און זאל זעהען אין זיין לעבין דאס ליכטיקייט ווידער צו קערין זיין לייב פון דעם גרוב צו לייכטין אין דעם ליכט פון לעבין. דער קיניג איבער אלע קיניגן מיט זיין רחמנות און זיינע חסדים זאל ער אויף אים גוזר זיין גוטע גזירות און זאל מבטל זיין פון אים אלע שווערע און בייזע גזירות. און זאל היילין זיינע שלעק און זיין וויא טאג. און זאל פאר געבין זיינע זינד מיט זיינע מיססטייט. און זאל דר לייגערין זיינע יארין און טעג. און עס זאל ווערין באנייעט זיין יוגינט אזו וויא איין אדלער און עס זאל אין אים מקוים ווערין דער פסוק און דו ועסט גוזר זיין מיט איין זאג און ער וועט מקיים זיין צוא דיר און אויף דיינע וועגין וועט לייכטין דאס ליכט דען לאנגע טעג און לעבעדיגע יארין וועט מען דיר מערן. און נאך איז גיזאגט גיווארין דען דורך מיר וועלין גימערט ווערין דיינע טעג און וועלין דיר מערין לעבעדיגע יארין און פריד. דען זייא ויינען לעבין צו די וואס גיפינען דיא רייד פון דער תורה. און צו גאר זיין לייב זיינען וויא איין היילונג. מיט לאנגע טעג וועל איך אים זאט מאכין און וועל אים ווייזין אין מיין הילף. דער קיניג איבער אלע קיניגין מיט זיין רחמנות זאל ער אים היילין אגנצע רפואה און איין היילונג פון דער בארימקייט און לייט זעליקייט צו חיים טובים און צו לאנגע טעג. איין לעבין פון דער בארימקייט איין לעבין פון שטילקייט און רוא. איין לעבין פון שלום איין לעבין פון ברכה אזו וויא עס שטייט גישריבין דען לאנגע טעג און

יארין

ישועה שערי הרוחה שערי ועד טוב שערי זכיות
שערי חיים טובים שערי ישועה שערי כפרה שערי
לב שמח שערי מחילה שערי נחמה שערי סליחה
שערי עזרה שערי פדות שערי צדקה שערי קוממיות
שערי רפואה שלמה שערי תשועה כדכתיב ותשועת
צדיקים מיי מעוזם בעת צרה. ואתם ישני אדמת עפר.
דלגו על ההרים כעופר. עושו גושו חושו. ואת יירשו.
מכתכם שחתו בעדו. יתן ריח נדרו. וחלו נא פני אל.
יוסיף ימים על ימיו ושנים על שניו ויתן לו כח ואילות
ניחלימהו ויבריאהו וישמרהו ויחיהו. ויזקין בארץ
גזעו. עד אשר גאה גאה להעלות שמים שיאו. ויחי עוד
לנצח ולא יראה השחת ולא יחסר לחמו ולא ימות
לשחת ואל שדי יברך אותו בברכת שמים מעל
ומתהום רובצת תחת וירפאהו בקרחת ובגבחת. ויזכה
לראות חבור יהודה ואפרים אחת אל אחת. אמן:

---

יארין פון לעבין און פריד וועט דיר גימערט ווערן דער קיניג איבער אלע קיניגין מיט זיין רחמנות זאל ער אים עפינען די טויערין פון ליכט די טויערין פון היילונג די טויערין פון ברכה די טויערין פון פרייד און הילף דיא טויערין פון דער זייטערונג. די טויערין פון אגוט איין זאמלונג. די טויערין פון זכיות. די טויערין פון חיים טובים. די טויערין פון הילף די טויערין פון פר געבונג. די טויערן פון אפרייליך הארץ די טויערין פון טרייסטונג. די טויערין פון סליחה. די טויערין פון הילף די טויערין פון אוים לייזונג די טויערין פון צדקה די טויערין פון הויכקייט די טויערין פון רפואה שלמה די טויערין פון הילף אזו ווי עס שטייט גישריבין אין פסוק און די הילף פון דיא צדיקים איז פון גאט ער איז זייער שטארקייט אין דר צייט פון לייד און איר טויטע וואס שלאפין אין דער ערד. שפרינגט איבער די בערג אזו ווי איין יונגער הירש אוילט אייך און גינעהענט און פארשט גאט פון אייער קראפט סיינט מען פון אייערע מעשים טובים ניט שוחד פאר אים דאס ער זאל אים ווידער געבין זיין גישמאקין ריח און בעט פאר גאט ער זאל אים מערין טעג אויף זיינע טעג און אויך זאל ער מערין יארין אויף זיינע יארין. און זאל אים געבן קראפט און מאכט. און זאל שטארקין און גיזונט מאכין און זאל אים היטין און דער נערין און זיין צזויג זאל אלט ווערין אויף דער ערד. ביז ער וועט אזו הויך ווערין דס זיין הויך זל גרייכין ביז דעם הימיל. און זאל דר נאך לעבין אייבינ און זאל ניט זעהען די גרוב. און זיין ברויט זאל ניט גימינערט ווערין און זאל ניט שטארבין צוא דער גרוב. און דער

אלמאבטיגער

כח ווען אנדערע לייט ווילן מתפלל זיין פאר איין גיזונטין מענטשין דס ער שיקט זייא אויף זיינע קברי אבות זאלין זיי זאגין די דאזיגע תפלה :

# הנה אנחנו מאלמים אלומים בתוך השדה אשר ברכו יי בנשמות טהורים עולים ויורדים בו מן גלות עליות ומעין היוצא מבית יי מעדן העליון וכשאינם רואים על מה העולם יכול להתקים . הם מתפללים על החיים . ועתה בבואנו לפני אבינו שבשמים אין אנו קוראים לא למיכאל באחת ולא לגבריאל בשתים אך אל מליצי יושר אשר היו מלבשים בעור ובשר . ועתה עלו אל יי לכפר בעדו צל פחד בן חפר ומשלהם נותנים למי שאין לו . וחיתה נפשו בגללו . בכן אנו באים על אדמת קדש בשעה חדא משתומם . קרועים והולכים לתמם בלב מהרהרים ובפה גומרים עונים ואומרים יפמירו בשפה יניעו ראש אל מלאכי רוח משרתי צדיקי יסודי עולם. נשמות טהורות כלם . כלם אהובים כלם ברורים אשר גופם היו פה חפורים וקבורים . וממקום קדוש יהלכו שמם בעיר ישתבחו במעשיהם

---

אלמאכטיגער גאט זאל אים בענטשין מיט דעם בענטשונג פון דם הימיל פון אויבן און פון דעם אפ גרונט וואס הויערט אונטין . און זאל אים היילין פון אלע זייטין און זאל זוכה זיין צו זעהען ווי די בהעפטונג פון יהודה מיט אפרים וועט ווידער זיין בהעפט איינס מיט דעם אנדערין און וועלין ווערין איין מלוכה אמן :

הנה נון מיר זיינען מיט אנאנדער פר בונדין אין דעם פעלד וואס גאט האט גיבענטשט מיט ריינע נשמות וואס גייען ארויף און אראפ פון הויכע קאמערין און פון דם קוואל וואס גייט ארויס פון גאטס הויז פון דעם אויבערשטין גן עדן . און אז זיי זעהען ניט ביי די לעבעדיגע קיין נוטס וואס דרויף זאל קענען די וועלט בשטיין . זיינען זיי מתפלל אויף די לעבעדיגע . און איצונד אז מיר זיינען גיקומען פאר אונזער פאטער אין הימל . ריפין מיר ניט אן ניט צו מיכאל וואס ער שוועבט איבער די וועלט מיט איין שוועב און ניט צו גבריאל וואס ער שוועבט איבער די וועלט מיט צוויי שוועב . נייערט צוא דיא רעכט פארטיגע פיר שפרעכער וואס זיינען גיוועזן אן גיקלייט מיט הויט און פלייש דס זיינען די מתים און איצונד גייט ארויף צו גאט צו פאר געבין פאר אזעלכין וואס ער איז אין פארכט און איז פר שעמט . און פון זייערע מעשים טובים שיינקען זיי צוא אזעלכין וואס האט ניט . און זין לייב בלייבט לעבין דורך זייער זכות דרום זיינען מיר . איצונד

וּבִפְעֻלָּתָם . בְּדִבְרֵיהֶם וּבְתוֹרָתָם . בְּתוֹרָתָם זַכּוּ דוֹרָם . כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ אוֹרָם. אוֹרָם מֵאִיר לָעוֹלָם . לְהָגֵן וּלְהַצִּיל בִּשְׁבִילָם . וּבִשְׁבִילָם הָעוֹלָם קַיָּם בִּתְפִלָּתָם עַל הַחַיִּים . מִתְקַיְּמִים בִּזְכוּתָם וּבִזְכוּת רָאשֵׁי בֵּית אֲבוֹתָם . הִנִּיחוּ יִתְרָם לְעוֹלְלֵיהֶם . כְּדֵי לְהִקָּרֵא שְׁמָם בָּהֶם . בָּהֶם אָנוּ בְטוּחִים . וַעֲלֵיהֶם אָנוּ נִסְמָכִים . נִשְׁעָנִים אָנוּ בָהֶם בְּכָל שָׁעָה . רָעָה לְהַעֲבִיר וְטוֹבוֹת לְקָרֵב וּלְבַטֵּל דֶּבֶר וְרָעָב וְחֶרֶב . וְחֶרֶב לַהֲשִׁיבָהּ אֶל תַּעְרָהּ . וּלְהָשִׁיב מִלְחָמוֹת הַמַּסְטִין אֶל תַּעְרָהּ . שֶׁעָרָה לָשֵׁבֶת בִּזְקֵנִים וּזְקֵנוֹת וּלְשַׁכְּנָם בִּנְוֵה שַׁאֲנַנּוֹת . שַׁאֲנַנּוֹת וּשְׁלוּמִים לְחָנְנָם בְּתִפְאֶרֶת זְקֵנִים וּבְנֵי בָנִים וּלְהָשִׁיב לָהֶם אוֹנָם . אוֹנָם אִם בָּטֵל וְאָבַד סִכּוּיָם . דְּחוּיִם אֶל עֵמֶק שָׁוֶה אֶל הַר שָׁוֶה וּבַרְזֶל מְחַתְּכוֹ . הָאֵשׁ לֹא תְהַלֵּךְ אַרְצָה וְהַבָּרָד וְהַגֶּשֶׁם לֹא נִתְּכוּ . נִתְּכוּ דְבָרֵינוּ עַד כֹּה נַחְנוּ שְׁלוּחֵי מִצְוָה .

---

גיקומען אויף דער היילינער ערד . פאר וויסט און בטריבט און גייען מיט נאנצקייט . אין הארץ טראכטין מיר און מיט אונזער מויל זאגין מיר ארויס און שרייען און טוען ריידין מיט די לעפצין און שאקלען מיט דעם קאפ . צו די גירעכטע דינערס וואס זיינען די גרונד פעסט פון דר וועלט און זיינען גלייך וויא מלאכים . זיי זיינען אלע ריינע נשמות אלע זיינען גיליבט און אלע אויס דער ווילט . וואס זייער גוף איז דא באגראבין . און גייען פון איין היילינ ארט זייער נאמען ווערט גילויבט אין שטאט מיט זייערע מעשים טובים און מיט זייער ריידין און מיט זייער תורת . מיט זייער תורה האבין זיא זייער דור קלאר גימאכט . זייער ליכטיקייט איז אזו קלאר ווי די זון בשעת זיא גייט ארויס . זייער ליכט טוט לייכטין אין דר וועלט דאס פון זייערט וועגין ווערט די וועלט בשיצט און באשירמעט און די וועלט שטייט אין זייער זכות ווען זיי בעטין פר דיא לעבעדיגע האבין זיי אקיום דורך זייער זכות און דורך דעם זכות פון די פרומע עלטערין . ווי האבין גילאזין זייער גוטס צו זייערע קינדר פון וועגין זייער נאמען זאל גירופין זיין אין זיי . אין זיי זיינען מיר פאר זיכערט און אויף זיי טוען מיר זיך אן לעהענן אלע צייט . דאס ביוז זאל אוועק גיין און דאס גוטס זאל ווערין גינעהענט און צו פאר שטערין מארד און הונגער און שווערד דאס די שווערד זאל אום גיקערט ווערין אין איר שייד אריין . און די שטרייט פון דעם שטן ווידער צו קערין . און דאס דיא שטעט זאלין ווערין בזעצט מיט אלטע מאנען און ווייבער און מאכין זייא רוען אין גישטילטע וואונונג זייא לייט זעלינן מיט פריידין . מיט דעם שיינקייט פון אלטע לייט מיט זייערע קינדרס קינדר און

דיא

וּלְהַמְלִיץ תְּפִלָּתֵנוּ קָמָה וְגַם נִצָּבָה . נִצָּבָה תְפִלָּתֵנוּ בְּעוֹלוֹת מֵחִים . לְהָגֵן בְּעַד רָשׁ וְאִישׁ תְּכָכִים . תְּכָכִים וְרַעְיוֹנִים עַל מִשְׁכָּבוֹ סְלִיקוּ . לְמַעַן מִן שְׁמַיָּא עָנִי וָרָשׁ יַצְדִּיקוּ . יַצְדִּיקוּ לְהָאִישׁ הַלָּזֶה . בְּתוֹךְ חֲסִידֵי עַם זֶה . זֶה הָאִישׁ יְבַטֵּל הַשֵּׁם מִמֶּנּוּ כָּל גְּזֵרוֹת קָשׁוֹת . כְּלָא יְהוֹן חֲשִׁיבִין וּכְמִלְּתָא דְלֵית בָּהּ מַמָּשׁוּת . מַמָּשׁוּת בִּרְכוֹת אַבְרָהָם יִתֵּן לוֹ הַשֵּׁם . יַזְקִין בָּאָרֶץ גִּזְעוֹ וְלֹא יָחֳלֶה לוֹ הַגּוֹשֶׁם : הַגֶּשֶׁם וְהַשֶּׁלֶג כַּאֲשֶׁר יֵרֵד מִן הַשָּׁמַיִם וְשָׁמָּה לֹא יָשׁוּב . כֵּן יִהְיוּ כָּל גְּזֵרֵי דִינִים רָעִים סָרִים מִמֶּנּוּ כַּאֲשֶׁר בְּדִבְרֵי קֹדֶשׁ כָּתוּב : כָּתוּב בִּמְקוֹם גְּבוּרָה שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַנְוְתָנוּתוֹ . לוֹמַר בְּמָקוֹם שֶׁמְּבָרֵךְ הַצַּדִּיק שָׁם נוֹתֵן הָרָע פְּדוּתוֹ : וְכֵן אָמַר לְפַרְעֹה וְשַׂמְתִּי פְדוּת בֵּין עַמִּי וּבֵין עַמֶּךָ לְהַרְאוֹת שֶׁנִּפְדָה הַשֶּׂה בַּחֲמוֹר וְעָלָיו שְׁפַכְתְּ זַעְמֶךָ : עֲשֵׂה לְמַעַן כְּבוֹדֶךָ : כְּבוֹדְךָ כֵּן תַּרְאֶה

---

ווי ווידער קערין זייער קראפט און ווען זייער מאכט איז וואָרין פאר שטערט און זייער האפונג איז פאר לארין . אויף בערג און אויף טאלין . דאס פייער זאל ניט גיין אויף דער ערד און דער האגיל און שווערע רעגין זאל ניט גרייכין . אונזערע רייד גרייכין ביז אהער ווייל מיר זיינען גישיקט גיוואָרן איין מצוה צו טאן . אז מיר זאלין פיר שפרעכין אונזער גיבעט עס זאל בלייבין שטיין און ווערין אן גינומען די גיבעט אזו וויא דיא פעטע קרבנות . צו בשיצין פאר דעם ארימען און דעם בזארגטין מאן . זארג און גידאנקען טוען אויף נאין בעטיל פון וועגין מען זאל פון דעם הימיל גירעכט מאכין דעם ארומאן . מען זאל גירעכט מאכין צו דעם דאזיגין מענטשין צווישין די פרומע פון דעם דאזיגין פאלק . דער דאזיגער מענטש זאל גאט פון אים מבטל זיין אלע בייזע גזירות . וויא זאלין אלע גירעכינט ווערין פאר גישט גלייך וויא איין זאך וואס האט קיין קראפט ניט . די קראפט פון די ברכות פון אברהם אבינו זאל אים גאט געבין זיין צוויג זאל פר עלטערט ווערין אין דער ערד און זיין לייב זאל ניט וואָרין גישוועכט . אזו וויא דער רעגין און דער שניי קומט פון דעם הימיל און קערין זיך ניט אום צוריק אזו זאל ווערין פון אים אפ גיקערט אלע בייזע גזירות . אזו וויא עס שטייט גישריבין אין די רייד פון דיא הייליגע חכמים וואו גאט באוויזט זיין שטארקייט דארטין ווייזט ער אויך זיין דעמוטיקייט . דאס איז צו פאר שטיין וואו גאט בענטשט דעם צדיק דארטין גיט ער איין רשע פאר זיין אויס לייזונג . אזו אויך האט גאט גיזאגט צו פרעה איך וועל מכין אצווישין שייד און אויס לייזונג צווישין מיין פאלק און צווישין דיין פאלק צוא ווייזין אז דיא

ישראל

לַאֲשֶׁר אָנוּ מִתְפַּלְּלִים עָלָיו גַּם אֶת הַטּוֹב יְקַבֵּל וְאֶת הָרַע לֹא יְקַבֵּל בִּמַעֲלָלָיו. וִיהִי רָצוֹן לִפְנֵי אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם. אֵל שַׁדַּי מָלֵא רַחֲמִים. שֶׁיִּשְׁמַע תְּפִלָּתֵנוּ בְּרַחֲמָיו הָרַבִּים. וְיַעֲשֶׂה אֶת בַּקָּשָׁתֵנוּ מַה שֶּׁאָנוּ מְבַקְשִׁים מִלִּפְנֵי כִּסֵּא כְבוֹדוֹ וְלֹא נָשׁוּב רֵיקָם מִלְּפָנָיו וְיִשְׁמוֹר וְיַצִּיל וְיִנְצוֹר אֶת (פלוני) אוֹתוֹ וְאֶת זַרְעוֹ וְאֶת בֵּיתוֹ וְאֶת כָּל אֲשֶׁר לוֹ בְּקֶרֶב כָּל יִשְׂרָאֵל מִכָּל דָּבָר רָע בָּעוֹלָם מִנֶּגַע רָע וּמִמִּקְרֶה רָעָה וּמִכָּל מִינֵי פַחַד וָרַעַד וְרַעַשׁ מִיסוּרִים רָעִים וְקָשִׁים וּמִמִּיתָה מְשֻׁנָּה וּמִמִּיתָה מְגֻנָּה וּמִכָּל סַכָּנָה בְּכָל מָקוֹם הֵן בַּיּוֹם וְהֵן בַּלַּיְלָה הֵן גָּדוֹל הֵן קָטָן הֵן בְּגוּפוֹ אוֹ בְּנַפְשׁוֹ אוֹ בִּמְאֹדוֹ וְתֵן לוֹ חֲנִינָה. וְדֵעָה וּבִינָה. וְרֶוַח וְהַצָּלָה וְהַצְלָחָה. וְשָׁלוֹם וְטוֹבָה וּבְרָכָה. וּמַה שֶּׁלֹּא נוּכַל לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְפַּלֵּל וּלְפָרֵשׁ יְהִי רָצוֹן כְּאִלּוּ פֵּרַטְנוּ אוֹתוֹ בְּפֵרוּשׁ. עַל כָּל מִינֵי הַטּוֹבוֹת שֶׁיְּמַהֲרוּ לָבֹא עָלָיו

---

יִשְׂרָאֵל וָואס זַיינֶען גִיגְלִיכִין צוּ אַיין לֶעמִיל זַיינֶען אוּים גִילֵייזְט גִיוָוארִין מִיט דֶם אֵייזִיל דָאס זַיינֶען דִי מִצְרִים אוּן אוֹיף אִים הָאסְטוּ פַאר גָאסִין דַיין צָארִין. טוּא עֶס פוּן דַיין כָּבוֹד וֶוענִין דַיין כָּבוֹד בַּאוַוייז צוּא דֶעם וָואס מִיר בֶּעטִין פַאר אִים. אוֹיךְ דָאס גוּטְס זָאל עֶר פַאר נֶעמֶען אָבֶער דָאס בֵּייז זָאל עֶר נִיט פַאר נֶעמֶען דוּרךְ זַיינֶע וֶוערְקִין. אוּן עֶס זָאל זַיין דֶער וִוילִין פַאר אוּנְזֶער פָאטֶער אִין הִימִיל אַלְמַאכְטִיגֶר גָאט וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט רַחֲמָנוּת דָאס עֶר זָאל צוּ הֶערִין אוּנְזֶער תְּפִלָּה מִיט זַיין פִיל דֶער בַּארִימְקֵייט אוּן זָאל טָאן אוּנְזֶער גִיבֶּעט וָואס מִיר בֶּעטִין פוּן פַאר זַיין כִּסֵּא הַכָּבוֹד. אוּן מִיר זָאלִין נִיט וִוידֶער קֶערִין לֵיידִיג פוּן פַאר אִים. אוּן עֶר זָאל הִיטִין אוּן בַּשִׁירְמֶען אוּן בַּוָוארִינֶען דֶעם (פלוני בן פלוני) אִים מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער אוּן מִיט זַיין הוֹיז מִיט אַלִימֶען וָואס עֶר הָאט צְוִוישִׁין אַלֶע יִשְׂרָאֵל פוּן אַלֶע בֵּייזֶע זַאכִין אִין דֶער וֶועלְט. פוּן בֵּייזֶע פְּלָאג אוּן פוּן בֵּייזֶע טְרֶעפוּנְג. אוּן פוּן אַלֶערְלֵייא פָארְכְט אוּן צִיטֶערְנֶעם פוּן שְׁלֶעכְטֶע אוּן שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים אוּן פוּן אַיין מִיתָה מְשׁוּנָּה אוּן פוּן אַיין מִיאוּסִין טוֹיט. אוּן פוּן אַלֶע סַכָּנוֹת אִין אַלֶע עֶרְטֶר סַייא בַּייא טָאג אָדֶער בַּייא נַאכְט סַייא גְרוֹיסֶע סַכָּנוֹת אָדֶער קְלֵיינֶע. סַייא אִין זַיין גוּף אָדֶער אִין זַיין נְשָׁמָה אָדֶער אִין זַיין גוּטְס. אוּן גִיבּ אִים לַייט וֶועלִיקֵייט אוּן וִויסִין שַׁאפְט אוּן פַאר שְׁטַאנְד אוּן דֶער וַוייטֶערְנָס אוּן בַּשִׁירְמוּנְג אוּן הַצְלָחָה אוּן שָׁלוֹם אוּן גוּטְס אוּן בֶּענְטְשׁוּנְג אוּן וָואס מִיר קֶענֶען נִיט בֶּעטִין אוּן אַרוֹיס רֵיידִין זָאל זַיין דֶער וִוילִין פוּן גָאט גְלֵייךְ וִויא מִיר הָאבִּין עֶס אַרוֹיס גִירֶעט אוֹיף אַלֶערְלֵייא גוּטְס זַייא זָאלִין אֵיילִין צוּ קוּמֶען אוֹיף אִים דוּרךְ דִיא רַחֲמָנוּת פוּן גָאט וָואס זַייא זַיינֶען פִיל אוּן אַלֶע מֶענְטְשִׁין

ברחמי השם המרבים וכל אדם יהיו בכלל הטובה וברכה החיים והשלום ויציל אותו וכל עמו ברחמיו הרבים מכל צרה וצוקה מכל נגע ומחלה וישלח ברכה הרוחה והצלחה וישמע קול תפלתנו ברחמיו הרבים ואל ישיבנו ריקם מלפניו כי אל מלך רחום וחנון הוא ואתם נשמות הטהורים אל תעצלו מהרבות תפלה ותחנונים בעד השואל חסד ורחמים וצריך חסד ורחמים וזכותכם וזכות כל צדיקי עולם יעמד לו ולכל בית ישראל אמן סלה :

**ל ווען איינער מאכט איין שמחה · און פארכט זיך פאר איין עין הרע זייל ער תאט נדרים תצלחה זאל ער זאגין דיא דאזיגע תפלה :**

צדיקי יסודי עולם ועמודיו · משרתי אל ועבדיו · יהי שלום מנוחתכם · באתי להתפלל פני מעלתכם ׀ מכחכם שחדו בעדי והמליצו · ילכו ולא ייעפו לא ייגעו כי ירוצו · לחלות ולחנן פני רחום וחנון · לפסוח ולהציל המלט וגנון · אותי ואת ביתי ואת זרעי ואת כל אשר לי · ויהיה שומרי וצלי ויסיר ממני כל חולי

---

ואלין זיין אין דעם כלל פון גוטס און בענטשונג און לעבין און פריד · און גאט זאל מציל זיין אים מיט אלע הויז גיזינד פון דיא ישראל מיט זיין רחמנות פון אלע לייד און איינגשאפט פון אלע פלאג און קראנקהייט · און זאל ווי שיקין ברכה און הצלחה און דער ווייטערנעס · און זאל גו הערין דאס קול פון אונזער גיבעט מיט זיין פיל רחמנות · און זאל אונז ניט ווידער קערין ליידיג פון פאר אים דען ער איז איין דער בארמינער גאט דער קינג און איר ריינע נשמות איר זאלט אייך ניט פוילין פון צו מערין גיבעט פאר דעם וואס פאר לאנגט גינאד און דער בארימקייט · און דארף נייטיג דאס גינאד און דער ברימקייט און אייער זכות און דער זכות פון אלע צדיקים פון דער וועלט זאל אים בייא שטיין און צוא אלע הויז גיזינד פון די ישראל אמן סלה :

צדיקי איר צדיקים וואס איר זייט די גרונד פעסט פון דער וועלט מיט זיינע זיילין · די דינערס פון גאט און זיינע קנעכט זאל זיין פריד אייער רוא · איך בין אהער גיקומן אייער הויכקייט צו בעטין דאס איר זאלט פון מיינט וועגין שוחד געבין פון דעם קראפט פון אייערע מעשים טובים און זייט מיינע פיר שפרעכער · איר זאלט גיין און ניט מיד ווערין · איר זאלט ניט מיד ווערין אז איר וועט לויפין צו בעטין פאר גאט וואס ער איז איין דער בארמיגער און איין לייט זעליגער דס ער זאל בשירמען און אנטרינן און בשיצין מיך מיט מיין הויז גיזינד מיט מיינע קינדער מיט אליסען וואס איך האב און ער זאל זיין מיין היטער · און זאל אפ טאן פון מיר אלע קראנקהייט און אלע עין הרע אזו וויא דיא

וואסער

וכל עין הרע וכמים לים מכסים. וכדגים המכסים מראות ברע לא ישלוט בנו שום רע עין. רק יהיו כאפס וכאין. ולא ידבק בנו לא כלו ולא אפס קצהו. ויקים בנו מקרא שכתוב ארך ימים אשביעהו ובישועתי אראהו ואף שבני אדם דומים לעשבי השדה. הללו נובלין והללו נוצצים בערוגה. ועל הרוב אחר כל שמחה תוגה. יעש יי עמנו חסד למען רחמיך המרבים וירבה ויציץ ויפריח מזלנו וימהר טובות אחריתנו מראשיתנו וראשיתנו מאחריתנו. כפירות דוגה. וירים קרננו רק למעלה מאין הפוגה. ולא ינכה לנו דבר מזכיותינו אם יש לנו רק יעשה בזכות הנשמות הקדושות ובזכות אבותינו. וכבוד והדר יעטרנו. וכובע ישועה יחבשנו. ובגדי ישע ילבישנו. יחינו מיומים וביום השלישי יקימנו. ונאמר לפניו הנה זה אלהינו ולו קוינו. והוא עזרתנו וישועתנו. עד עולם סלה אמן:

לאז הען איינער וויל בעטין ער זאל האבין קינדער זאל ער זאגין דיא דאזיגע תפלה.

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי צור העולמים צדיק בכל הדורות למען שמך הגדול הנעלם מפסוק יי זכרנו יברך יברך

---

וואסער וואס דעקט צו דעם ים. אזן גלייך וויא דיא פיש וואס זיינען באדעקט פון צוא וועהען ביז אזו זאל ער אין אונז ניט שולט זיין קיין שום ביזו אויג. נייערט זיי זאלין זיין צו נישט אזן קיין מאכט האבין אזן עס זאל זיך אן אונז ניט בהעפטין ניט גאר אזן ניט איין קליינע טייל דער פון אזן עס זאל אן אונז מקוים ווערין דער פסוק וואס שטייט גישריבין מיט לאנגע טעג וועל איך אים זאט מאכין אזן וועל אים ווייזין אין מיין הילף. אזן ווען שוין די מענטשין זיינען גלייך צו די גראז פון דעם פעלד. די דאזיגע גראז פאלט ארא אזן דיא אנדערע שפראצין אין דער ביט. אזן דאס מיינסטע קומט נאך דיא פרייד איין טרויערקייט. זאל גאט מיט אונז טאן גינאד פון וועגין זיין פיל רחמנות אזן זאל מערין אזן מאכין שפראצין אזן בליען אונזער מזל אזן זאל איילין אונזער גוטס צום לעצטין מער אז צום ערשטין. אזן זאל דער הייבין אונזער מזל גאר הויך אן אויף הערונג אזן עס זאל אונז ניט גימינערט ווערין קיין שום זכות אויב מיר האבין אנדרע זכיות. נייערט ער זאל עס טאן אין דעם זכות פון די הייליגע נשמות אזן אין דעם זכות פון אונזרע עלטרין. אזן כבוד אזן שיינקייט זאל אונז ארום רינגלען. איין היטיל פון הילף זאל ער אונז אן בינדין. אזן קליידער פון הילף זאל ער אונז בקליידין. אזן ער זאל אונז לאזין לעבין פון די צווייא טעג אזן אין דעם דריטין טאג זאל ער אונז מאכין אויף שטעלין מיינט מען פון די צווייא בתי מקדשים וואס זיינען חרוב גיווארין אזן זאל אונז אויף שטעלין צום דריטין בית המקדש אזן מיר זאלין זאגין פאר אים נון דער דאזיגער ביזט אונזער גאט אזן צוא אים האבין מיר גיהאפט. אזן ער איז אונזער הילף ביז איביג אמן סלה:

יהי

את בית ישראל יברך את בית אהרן . שתתן לי זרע זכר רצוי והגון וטוב ויפה מתקן ומקבל וראוי לחיות ולהתקים בלי שום עון ואשמה ותתן לי זרע אנשים ותברכני בשמך ותברך את ביתי בזכרך ואדע כי שלום אהלי ותשפיע בו נפש רוח ונשמה ממחצב טהור ותכונן כל הכנותיו כדי להשלימו ולקימו ולהעמידו בנוי בחן ובחסד וברחמים בקן הבריאות באומץ ובתוקף ובגבורה ותרחם עליו בהעשותו בהתרקמו אבריו ותציגהו על בוריו בנפשו ברוחו ובנשמתו בקרביו וביצוריו ולא יהיה באחד מאבריו לא נזק ולא חסרון לא נגע ולא חולי ולא יחסר לו כל טוב כל ימי חייו ויולד במזל טוב ובשעה טובה וברכה והצלחה ותברכני אותי ואת זרעי וזרע זרעי בכל דבר המשלים דעתנו ושכלנו והשגתנו לעשות רצונך . ותברכני בברכות שמים מעל ובברכות תהום רובצת תחת ברכות שדים ורחם . אנא יי צבאות אלהי ישראל יושב הכרובים תהיינה אזניך קשובות לקול תחנוני השקיפה ממעון קדשך עלי השקפה לטובה ונתת לי זרע אנשים משפע בנשמה קדושה ויהיה עוסק בתורה ומקים מצות בישראל

---

יהי רצון עס זאל זיין דער ווילין פאר דיר גאט מיין גאט אונ דער גאט פון מיינע עלטערין. דער בשעפער פון די וועלטין דער גירעכטער אין אלע גיבירד · פון וועגין דיין גרויסין נאמען וואס ער איז פאר הוילין אין דעם פסוק (יי זכרנו יברך) גאט זאל אונז גידיינקען אונ זאל בענטשין (יברך את בית ישראל) ער זאל בענטשין דאס הויז גיזינד פון די ישראל . ער זאל בענטשין דאס הויז גיזינד פון אהרן בעט איך דיך דאס דוא זאלסט מיר געבין איין זון וואס זאל זיין בוויליגט אונ זאל זיין רעכט פארטיג אונ גוט אונ שיין אונ זאל אן גינומען זיין · אונ זאל זיין ראוי צו לעבין אונ צו בשטיין אן איין שום זינד אונ שולד אונ גיב מיר אלייטעס קינד אונ זאלסט מיך בענטשין מיט דיין נאמען אונ זאלסט בענטשין מיין הויז גיזינד מיט דיין גידעכנעס אונ איך זאל וויסין אז אין מיין גיצעלט איז פריד. אונ זאלסט געבין אין דעם קינד איין נפש רוח אונ נשמה פון איין ריין אונ הייליג ארט · אונ בווייט אן אלע זיינע אן ברייטונג כדי ער זאל זיין גאנץ אונ באשטענדיג אונ אויף צו שטעלין דאס מיינט מען בשאפין מיט שיינקייט מיט חן אונ חסד מיט גיזונטקייט מיט שטארקייט אונ פעסטיקייט אונ זאלסט זיך איבער אים דער בארימען אין זיין בשאפין ווערין אונ אין צו נויף שטעלין פון זיינע גלידער. אונ זאלסט אים שטעלין אויף זיין קרפט מיט זיין נפש אונ רוח אונ נשמה אונ זיינע גידערים אונ זיין געמעל אונ ער זאל ניט האבין אפילו אין איינעם פון זיינע גלידער קיין שאדין אונ קיין חסרון קיין פלאג אונ קיין קראנקהייט אונ דערווייל ער וועט לעבין זאל ער אים ניט אפ מאן קיין גוטס אונ זאל גיבארין ווערין אין איין גוטין מזל אונ אין א גוטע צייט אונ ברכה אונ הצלחה · אונ זאלסט

ומברכות פיך תברכני ויבורך בית עבדך עם כל בית עמך ישראל לעולם · שמעה תפלתי יי לשועתי האזינה וקים כי כונת יצירתך האדם בעולמך כי לשבת אותה אתה בראתה ואתה יצרתה ונתת לי זרע אנשים קדוש וטהור בנשמה חדשה קדושה וטהורה מן החדר תבא מדבק בנשמות קדושי עליונים ואתם נשמות הקדושים אשר הייתם בעולם הזה חלו נא פני אל למלאות שאלתי לטובה בזכותכם ובזכות אשר אני מתאוה להעמיד בן זריז וממלא בתורה והגון לנביאות שמע קולי יי אלהים וקבל ברחמים וברצון את תפלתי בזכות הצדיקים הקדושים הנקברים פה ואל תשיבני ריקם מלפניך ותמלא שאלתי לטובה ואגדלנו ליראת השם כל הימים עד עולם הוא ובניו בקרב ישראל אמן ·

לב וויא איין טראגענדיגע פרויא זאל אויף זיך זעלבסט תפלה טאן אז איר גיזוינגען זאל איר גרינג אן קומען :

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שתקל מעלי את צער עבורי ותוסיף ותתן לי כח ואון בכל ימי העבור שלא יתש כחי ולא כח העבר בשום דבר בעולם ותציל אותי מפתקה של

---

בענטשין מיך מיט מיינע קינדער און מיינע אייניקלאך מיט אלע זאכין וואס מאכן גאנץ אונזער וויסין שאפט און אונזער שכל און אונזער פאר שטאנד צו טאן דיין ווילין · און זאלסט מיך בענטשין מיט די בענטשונג פון דעם הימיל פון אויבין און מיט די בענטשונג פון דעם אף גרונד וואס ער איז אונטין און מיט די בענטשונג פון פאטער און מוטער : אנא איך בעט דיך גאט וואס ער הערשט איבער אלע הערשאפט דער גאט פון די ישראל וואס ער זיצט איבער די כרובים · לאזין דיינע אויערין פר נעמען צו דעם קול פון מיין גיבעט לזג פון דיין הייליגע וואונונג אויף מיר צוא גוטין און זאלסט מיר געבין לייטעשע קינדער ער זאל האבין איין הייליגע נשמה און זאל עוסק בתורה זיין און זל יי מצות מקיים זיין צווישין די ישראל · און זלסט מיך בענטשין מיט דיא ברכות פון דיין מויל · און דאס הויז פון מיר דיין קנעכט מיט אלע הייזער פון די ישראל זאלין ווערין גיבענטשט אויף אייביג · הער צו גאט מיין גיבעט צו מיין גישרייא פר נעם און באשטעטיג אין מיר דיין כוונה פון דעם וואס דו האסט בשאפין דם מענטשין אויף דיין וועלט · דען דו האסט באשאפין זיא זאל ווערין באזעצט מיינט מען איטליכער מענטש זאל האבין קינדער ווען די וועלט ווערין באזעצט און זאלסט מיר געבין איין לייטעס קינד איין הייליגעס און ריין מיט אנייע הייליגע און ריינע נשמה וואס זיא זאל ארויס קומען פון דם חדר וואס איז בהעפט מיט אויבערסטע הייליגע נשמות · און איר הייליגע נשמות וואס איר זייט גיוועזן אויף דער דאזיגער וועלט · בעט איך אייך בעט איר גאט ער זאל דער פילין מיין גיבעט צו גוטין פון וועגין אייער זכות און פון וועגין דעם זכות

חַוָּה וּמְקֻלֶּלֶת הַרְבָּה אַרְבֶּה עִצְּבוֹנֵךְ וְהֵרוֹנֵךְ בְּעֶצֶב תֵּלְדִי בָנִים · וִיהִי בְּעֵת לִדְתִּי כִּי יִמָּלְאוּ יָמַי לָלֶדֶת לֹא יֵהָפְכוּ עָלַי צִירַי וְיֵצֵא הַוָּלָד לַאֲוִיר הָעוֹלָם בְּרֶגַע קָטָן בְּקַלּוּת בְּלִי שׁוּם הֶזֵּק לִי וְלֹא לַוָּלָד וְיִהְיֶה נוֹלָד בְּשָׁעָה טוֹבָה וּבְמַזָּל טוֹב לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם וְלִבְרִיאוּת לְחֵן וּלְחֶסֶד לְעשֶׁר וְכָבוֹד וִיקֻיַּם בִּי מִקְרָא שֶׁכָּתוּב לֹא תִהְיֶה מְשַׁכֵּלָה וַעֲקָרָה בְּאַרְצֶךָ אֶת מִסְפַּר יָמֶיךָ אֲמַלֵּא וַאֲנִי וּבַעְלִי נְגַדְּלֵהוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ וּלְתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה וּלְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם וָעשֶׁר וְכָבוֹד וּמְנוּחָה וְלֹא נִהְיֶה אֲנִי וְלֹא הָעֻבָּר נִזּוֹקִים לֹא בְגוּף וְלֹא בְאֵבָרִים וְלֹא בְעוֹרְקִים וְלֹא בְגִידִים וְלֹא בְעוֹר וּבָשָׂר וּשְׁאָר כָּל בִּנְיַן בְּנֵי אָדָם לֹא בְתוֹךְ חָלוּל הַגּוּף וְלֹא חוּץ לְחָלוּל הַגּוּף וּתְחַזֵּק אֶת כֹּחִי וְרוּחִי וְעַצְמוֹתַי כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ

---

וואס איך גילוסט צו האבין איין זון וואס ער זאל זיין איין ווייז און דער פילט מיט תורה און זאל ווערט זיין צו נביאות · הער צו מיין קול גאט דער הער און פאר נעם מיט דער בארימקייט און מיט ווילין מיין גיבעט פון וועגין דעם זכות די הייליגע צדיקים וואס זיינן דא בגראבין · און זאלסט מיך ניט ווידער קערין ליידיג פון פאר דיר · און זאלסט דעו פילין מיין גיבעט צו גוטין · און זאל אים דער ציהען צוא גאטס פארכט אלע טעג ביז אייביג ער מיט זיינע קינדער צווישין די ישראל אמן :

יהי רצון עס זאל זיין אווילין פאר דיר גאט מיין גאט און דער גאט פון מיינע עלטערין דאס דו זאלסט מיר גרינגער מאכין דעם צער פון מיין טראגין · און זאלסט מיר געבין כח און קראפט אין אלע טעג פון מיין טראגין · דאס מיין קראפט און דאס קראפט פון מיין קינד וואס איך טראג זאל ניט ווערין שלאף אין קיין שום זאך אין דער וועלט · זאלסט מיך מציל זיין פון דער שטראף פון חוה · און פון דער קללה וואס גאט האט איר גיזאגט איך וועל מערין דיין שמערצין און דיין טראגין · מיט טרויערקייט וועסטו גיווינן קינדער · און בשעת עס וועט קומען מיין צייט פון גיווינען זאלין מיינע אנגלען ניט פאר קערט ווערין אין מיר און דאס קינד זאל ארויס גיין אויף דער וועלט גרינג אין איין אויגין בליק אן איין שום שאדין צו מיר און ניט צום קינד און ער זאל גיבארין ווערין אין אגוטע שעה און איין גוט מזל לחיים ולשלום און צו גיזונד צו חן און חסד צו עושר און כבוד און עס זאל מקוים ווערין אין מיר דר פסוק (לא תהיה משכלה ועקרה בארצך) עס וועט ניט זיין קיין פאר ווארפערין און איין אום טראכטערין אין דיין לאנד · דיא צאל פון דיינע טעג וועל איך דער פילין און איך מיט מיין מאן זאלין מיר אים אויף ציהן צו דיין דינסט און צו דיין הייליגע תורה און צו חיים טובים און שלום און עושר און כבוד און רוא און איך מיט דעם קינד זאלין ניט גישעדיגט ווערין ניט אין דעם גוף און ניט אין די גלידער און ניט אין די אדערין און ניט אין דער הויט און אין דעם פלייש אדער אין נאנצין גישטאלט פון איין מענטש ניט אין דעם אינווייניגסטע פון דעם גוף און ניט פון ידויסין אויף דעם גוף · און זאלסט שטארקין מיין קראפט און מיין אטום און מיינע ביינ

ושקוי לעצמותיך כי לך יי הוחלתי אתה תענה יי אלהי : ואני
ביי אעלוזה אגילה באלהי ישעי רצה יי להצילני יי לעזרתי חושה.
חושה לעזרתי אדני תשועתי: לישועתך קויתי יי. שמע יי קולי חנני
ועננני עשה למען אבותינו הקדושים ולמען זכותם וצדקתם ולמען
תורתם ומעשיהם הטובים של שוכני עפר הממונים פה ובכל
העולם תזכור אהבתם ותחיה זרעם ותציל אותם ממות וממשכלת
ומכל חולי ומדוה ותברכני כאשר הבטחתנו בתורתך הקדושה
על ידי משה עבדך מפי כבודך כאמור ואהבך וברכך והרבך
וברך פרי בטנך ופרי אדמתך דגנך ותירושך ויצהרך שגר אלפיך
ועשתרות צאנך על האדמה אשר נשבע לאבותיך לתת לך .
ברוך תהיה מכל העמים לא יהיה בך עקר ועקרה ובבהמתך כן
תברכני ותענני ותחנני ותאריך ימי בנעימים כאמור ארך ימים
אשביעהו ואראהו בישועתי אמן :

---

אזו וויא עס שטייט געשריבן עס וועט זיין איין היילונג צוא דיין נאפיל און איין מארך
צו דיינע ביינער דען צו דיר גאט טוא איך האפין דו וועסט מיר ענטפערין גאט מיין גאט
און איך וועל זיך פרייען אין גאט . איך וועל זיך פרייען אין דעם גאט וואס ער איז מיין
הילף באוויליג דיך גאט מיר צו באשירמען . גאט איל צו מיין הילף . איל צוא מיין
הילף גאט וואס דו ביסט מיין העלפער . צו דיין הילף טוא איך האפין גאט הער צוא גאט
מיין קול לייט זעליג מיך און ענטפער מיר טוא פון וועגין אונזערע עלטערין די היילגע
און פון וועגין זייער זכות און זייער צדקות און פון וועגין זייער תורה און מעשים טובים
פון די וואס וואונען אין דער ערד וואס זיינען בהאלטין דא און אויף גאר דר וועלט
זאלסטו גידיינקען זייער ליבשאפט און זאלסט לאזן לעבין זייערע קינדער און זאלסט
זייא באשירמען פון טויט און פון פאר ווארפונג און פון אלערליי קראנקהייט און ווייטאג
אן זאלסט מיך בענטשין אזו וויא דוא האסט אונז צוא גיזאגט אין דיין היילגע תורה
דורך דיין קנעכט משה פון דיין הערליך מויל אזו וויא עס איז גיזאגט גיווארין אין דער
תורה ואהבך וגו׳ און איך וועל דיך ליב האבין און וועל דיך בענטשין און וועל דיך מערין.
און וועל בענטשין דיא פרוכט פון דיין בויך און דיא פרוכט פון דיין ערד דיין קארין און
דיין וויין . און דיין אייל בערט דיא ווארפונג פון דיינע רינדער און די העדרין פון דיינע
שאף אויף דער ערד וואס ער האט גישווארין צו דיינע עלטערין דיר זיא צו געבין . דו
וועסט זיין גיבענטשט . עס וועט ניט זיין אין דיר קיין אומטראכטער און קיין אום
טראכטערין און אויך ניט אין דיינע בהמות אזו זאלסטו מיך אויך בענטשין און זאלסט
מיר ענטפערין און מיך לייט זעליגן און זאלסט דער לייננערין מיינע טעג מיט זיסקייט
אזו וויא עס ווערט גיזאגט אין תהלים . מיט לאנגע טעג וועל איך אים זעטין און וועל
אים לאזין זעהען אין מיין הילף אמן :

לג ווי מען זאל תפלה טאן אויף דעם בית עלמין פון איין טראגינדיגע פרויא וועגין:

יהי רצון מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב שתושיע ברחמיך הרבים את האשה (פלונית) מצער עבורה. ותוסיף ותתן כח וגבורה. לה ולעברה ויהיה כחם גובר שלא תפיל העבר ותהיה תמיד בבריאות וחיים ושלום מעתה ועד עולם. ויהיה הולד שלם בגופו ובכל אבריו וישכיל ויצליח בכל דרכיו. ותלד בנקל כתרנגולת: ותהיה פוריה כגפן המולדת ושפריה כשושנה וכחבצלת. וריחו כמור ואהלות. ויולד במזל טוב ובשעה טובה ויחי עוד לנצח בנחת ושובה. ומולידיו יגדלוהו לתורה ולחפה ולמעשים טובים ולא ימצאו בו חובים: ויקים בו דבר האמור כי ההרים ימושו והגבעות תמוטינה וחסדי מאתך לא ימוש וברית שלומי לא תמוט אמר מרחמך יי: ונאמר לא תאנה אליך רעה ונגע לא יקרב באהלך. כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך: על כפים ישאונך פן תגוף באבן רגלך: ונאמר אל יתן למוט רגלך אל ינום שומרך: הנה לא ינום ולא

---

יהי רצון עס זאל זיין אוויליען פאר דיר גאט אונזער גאט און דר גאט פון אונזרע עלטרין דר גאט פון אברהם יצחק ויעקב. דו זאלסט העלפין מיט דיין פיל דר בארימקייט די אשה (פלונית בת פלונית) פון דעם צער פון איר טראגין. און זאלסט מערין און געבין כח און שטארקייט צו איר און צו איר קינד. און זייער קראפט זאל זיך שטארקין דאס זיא זאל ניט מפיל זיין איר ולד און זאל תמיד זיין מיט גיזונד און חיים און שלום פון איצונד ביז אייביג. און דאס קינד זאל זיין גאנץ אין זיין גוף און אין אלע זיינע גלידר. און זאל גליקען און מצליח זיין מיט אלע זיינע זאכין. און זיא זאל גיווינען גרינג וויא איין הון. און זיא זאל זיין פרוכטיג אזו וויא איין פרוכטיגר ווייןשטאק און זיין שיינקייט זאל זיין אזו וויא איין רויז. און זיין גישמאק זאל זיין אזו וויא גיווירץ און בשמים. און זאל גיבארין ווערין אין איין גוטין מזל. און אין איין גוטע שעה און זאל לעבין ביז אייביג מיט רוא. און זיינע עלטערן זאלין אים מגדל זיין צו תורה און חופה און מעשים טובים. עס זאל אין אים ניט ווערין גיפונען קיין זינד. און עס זאל אין אים מקוים ווערין דיא זאך וואס איז גיזאגט כי ההרים ימושו דען די בערג ועלין ווערין אפ גיטאן און די הויכע בערג וועלין ווערין איין גיבויגין אבער מיין גינאד וועט ניט אפ גיטאן ווערין פון דיר און מיין זיכערהייט פון פריד וועט ניט גינייגט ווערין אזו האט גיזאגט גאט דיין דר בארעמער. און נאך איז גיזאגט אין תהלים עס וועט ניט טרעפין צוא דיר קיין בייז און קיין פלאג וועט ניט גינעהען אין דיין גיצעלט. דען זיינע מלאכים וועט ער גיביטין פון דיינט וועגין זיי זאלין דיך היטען אין אלע דיינע וועגין אויף די הענד וועלן זיי דיך טראגין דאס טאמער וועט ווערין צו שטויסין דיינע פיס אן א שטיין. און נאך

ושרם

ישן שומר ישראל: יי שומרך יי צלך על יד ימינך: יומם השמש
לא יככה וירח בלילה: יי ישמרך מכל רע ישמור את נפשך: יי
ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם: ויהי רצון לפני אבינו
שבשמים לשמוע בקולנו לעשות בקשתנו למען אבותינו הקדושים
ולמען שוכני עפר אשר עונם מכפר. ועשו מעשים טובים
בחייהם. והניחו יתרם לעולליהם. זכותם וזכות כל צדיקי וחסידי
עולם. יעמדו להאשה הזאת כלם. ותמלא כל משאלותינו
במדה טובה ישועה ורחמים. בקרב כל ישראל הצריכים רחמים.
ואל תשיבני ריקם מלפניך. אמן:

לד וויא מען זאל מתפלל זיין אויף קברי אבות פון וועגן איין טראגינדיגע פרוי דיא
שווער צוא קינד גייט:

## האל המלך הגדול הגבור והנורא. העונה לעתות בצרה. הוא יקבל תפלתנו ותפלת כל עמו בית ישראל ברחמים וברצון. ובתוכם ובכללם יזכור ויפקוד לטובה ולרחמים לאשה עצורה. וצרה כמבכירה. ולבה עצורה. תחיל ותזעק בחבליה וציריה. היא האשה (פלונית

ווערט גיזאגט ער וועט ניט לאזין אוים גליטשין דיינע פיס נון ער טוט ניט דרעמלען און
ניט שלאפין דר היטער פון דיא ישראל גאט איז דיין היטער גאט איז דיין שאטין אויף
דיין רעכטע האנט. ביי טאג וועט די זון דיך ניט שלאגין מיט איר היץ. און די לבנה
ביא נאכט. גאט וועט דיך היטין פון אלעם בייזין ער וועט היטין דיין לייב גאט וועט
היטין דיין אוים גיין און איין גיין פון איצונד ביז אייביג און עס זאל זיין דער ווילין פון
אונזער פאטער אין הימיל ער זאל צו הערין אונזער קול און טאן אונזער ביגעט פון וועגן
אונזערע עלטערין די הייליגע און פון וועגין די טויטע וואס וואוגען אין דער ערד וואס
זייער זינד איז שוין ווארין פאר געבין. און האבין גיטאן ביי זייער לעבין מעשים טובים.
און האבין נאך איבער גילאזין זייער גוטס צוא זייערע קינדער. זייער זכות און דער
זכות פון אלע צדיקים און חסידים פון דר וועלט. זאלין אלע ביי שטיין צו דער פרויא.
און זאלסט דער פילין אלע אונזערע ביגעט מיט אגוטע מדה און היקף און רחמנות.
צווישין אלע ישראל וואס דארפין דער בארימקייט. און זאלסט מיך ניט ווידער
קערין ליידיג פון פאר דיר אמן:

האל דער גאט דער גרויסער דער שטארקער און דר פארכטינגער. וואס ענטפערט אין
דער צייט פון לייד. דער זאל מקבל זיין אונזער ביגעט און דאס ביגעט פון גאר
זיין פאלק ישראל מיט דר בארימקייט און מיט ווילין. און צווישין זיי אין זייער כלל זאל
ער גידיינקען און באפעלין צו נוטין און צוא דער בארימקייט צוא דער אשה וואס איז
אויף גיהאלטין. און איז אין לייד און איר הארץ איז פאר שלאסין ויא טוט וויטאגן

ושת פלוני) היושבת על המשבר שברה על יי אלהינו הוא
יראה צרתה ודמעתה . ויעתר לעתירתה . ותעלה
לרצון תפלתה . הוא ברחמיו ימלטה . הוא ברחמיו
יחלצה . על כן הבריאות החיים והשלום ישיב אותה .
לאיתנה הראשון יושיבה . רפאות תהי לשרה ושקוי
לעצמותיה : מלך מלכי המלכים ששמע וענה תפלות
האמהות הקדושות והטהורות שהיו בטבען עקרות .
והפך ושנה את מערכותן לטובה והשגיח עליהן
במדת רחמים אשר מני ים ארוכה ורחבה . והיו מאתו
נפקדות ונזכרות בזרע אנשים . הוא יזכור ויפקוד
לטובה לחן ולחסד ולרחמים לחיים ולשלום האשה
(פלונית) היושבת על המשבר להניח לה מרגזה הקשה
ומעצבונה . ולא תוסיף עוד לדאבה . ויפתח את רחמה
יצא הולד לחיים ולשלום במזל טוב ובשעה טובה בלי
שום נזק וצער לא לה ולא לולד . ויוסיף ויתן לה כח

---

און טוט שרייען אין אירע נוייטאג און אירע אנגלען . דס איז די אשה פלונית בת פלונית
יאס ווייב פון פלוני וואס זיא זיצט אויף דעם קראנק שטול . איר האפונג איז אויף גאט
אונזער גאט . ער זאל זעהען אירע צרות און אירע טרערין און זאל ענטפערין צוא איר
געבעט און עס זאל אויף נעמען איר תפלה צו ווילין . ער זאל זיא מאכין אנטרינען מיט
זיין רחמנות . ער זאל איר ארויס העלפין מיט זיין רחמנות און זאל איר ווידער געבין
איר ערשטע קראפט און געזונטקייט און לעבין און פריד . איין היילונג זאל זיין צו איר
פלייש און איין מארך צוא אירע ביינער . דר קינג איבער אלע קיניגען וואס ער האט
צו געהערט און געענטפערט צו די געבעט פון די היליגע און ריינע אמהות וואס זייא
זיינען געוועזן אין זייער נאטור אומטראכטיגע . האט ער פאר קערט און האט פאר
ענדערט זייער מערכה צו גוטין . און האט אויף זייא משגיח געוועזן מיט דער מדה פון
רחמנות וואס די מדת איז לייננער און ברייטער פון דעם ים . און זייא זיינען פון אים
טובים. זאל ביי שטייך צוא מיר און צו מיין הויז גיזינד צוא אלע ישראל וואס זייגען באהעפט צו מיר און צו נאר דעם הויז גיזינד פון די ישראל. עס זאל זיין איין ווילן פאר דיר דר גאט פון דער בארימקייט פון פאר געבונג. דר קיניג איבר גאר דר וועלט. דאס דיין דער בארימקייט מיט דיינע פיל חסדים זאלין זיך קייקלען איבער דיינע מדות. און מיר זאלין פאר דיר גידאכט און גישריבן ווערין (אין דם ראש השנה) (און גיחתמת ווערין אין דעם דאזיגין יום כפור) צו מחילה און סליחה. און צו פאר געבין אין אים אלע אונזרע זינד און אונזער פר קרימקייט און אונזר מיסטייט. און צו איין גוט און וואול ברייט יאר צו חיים טובים און צו פרייד צו פרנסה און צוא כלכלה צוא זעט און צו ברכה און צוא איין יאר פון אוים לייזונג און צוא הילף. און צו איאר פון ברכה און הצלחה אין אלע ווערק פון אונזערע הענט און איין יאר פון דר ווייטערונג און באשירמונג שטילקייט און רוא פון אלע פארכט און דר שרעקנעס פון אלע שטרויכלונג און מיר זאלין זוכה זיין צוא עושר און כבוד און דר שטן מיט דעם יצר הרע זאל איבער אונז ניט גיוועלטיגן און מיר זאלין גיפינען חן און גוט פאר שטאנד אין דיינע אויגין און אין דיא אויגין פון אלע וואס וועהן אונז דער בארמינער און לייט זעליגער וואס הערט צו גיבעט ענטפער אונז אויף דעם אלימען וואס מיר האבין גיבעטין פר דיר פון וועגין דיין פיל דר בארימקייט און דיין גינאד און פון וועגין דם זכות פון די דאזיגע צדיקים און דעם זכות פון אלע צדיקים און חסידים פון דר וועלט און דו זאלסט מיך ניט ווידער קערין ליידיג פון פאר דיר דען דוא

# אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה:

רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים תִּמְחוֹל וְתִסְלַח עַל כָּל חַטֹּאתַי וַעֲוֹנוֹתַי וּתְכַפֵּר לִי עַל כָּל פְּשָׁעַי וּבְרָא לִי לֵב טוֹב וְתֵן בְּלִבִּי אַהֲבָתְךָ וְיִרְאָתְךָ וְכוֹף אֶת יִצְרִי לְהִשְׁתַּעְבֶּד לָךְ וְהַצִּילֵנִי מֵהַרְהוּרִים רָעִים וְיֵצֶר הָרָע. וְתֵן לִי יֵצֶר טוֹב וְדַבֵּק לִבִּי בְּמִצְוֹתֶיךָ וּפְתַח לִבִּי בְּתוֹרָתֶךָ לַעֲסוֹק בָּהּ וְיִהְיֶה יוֹם מִיתָתִי כְּיוֹם לֵדָתִי שֶׁלֹּא יִמָּצֵא בִי שׁוּם חֵטְא וְעָוֹן וְתֵן בִּי כֹּחַ לִשְׁמוֹר פִּקּוּדֶיךָ וּתְזַכֵּנִי לִרְאוֹת בְּבִיאַת מְשִׁיחֶךָ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ (וְכָתְבֵנוּ בְּזֶה רֹאשׁ הַשָּׁנָה) (וְחָתְמֵנוּ בְּזֶה יוֹם הַכִּפּוּרִים) לְחַיִּים טוֹבִים וְחַדֵּשׁ עָלֵינוּ שָׁנָה טוֹבָה וּשְׁלַח בְּרָכָה וְהַצְלָחָה בְּכָל מַעֲשֵׂי יָדַי וְתִקְצוֹב מְזוֹנוֹתַי וּפַרְנָסָתִי בִּמְלוּי וּבְרֶוַח מִתַּחַת יָדֶיךָ וְלֹא מִתַּחַת יְדֵי בָּשָׂר וָדָם. וְתִזְקוֹף קַרְנֵנוּ לְמַעְלָה. וְתַגְבִּיהַּ מַזָּלִי. וּתְנֵנִי לְחֵן וּלְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים בְּעֵינֶיךָ וּבְעֵינֵי כָּל רוֹאַי בִּזְכוּת הַצַּדִּיקִים הָאֵלּוּ הַקְּדוֹשִׁים וּזְכוּתָם וּמַעֲשֵׂיהֶם הַטּוֹבִים יָגֵנּוּ וְיָלִיצוּ בַּעֲדִי וְתַעֲשֶׂה בַּקָּשָׁתִי וּתְמַלֵּא שְׁאֵלָתִי לְטוֹבָה וְאַל תְּשִׁיבֵנִי רֵיקָם מִלְּפָנֶיךָ אָמֵן:

---

דער הערשט דיא ניבעט:

רבון דר הער פון אלע וועלטין דער קיניג איבר אלע קיניגין זאלסט מוחל זיין און פאר געבין אויף אלע מיינע זינד און פר קרימקייט און זאלסט מיר פאר געבין אויף אלע מיינע מיסטייט און באשאף מיר איין גוט הארץ און גיב אין מיין הארץ דיין ליבשאפט און דיין פארכט און צווינג מיין ווילין דיך צוא דינן און בשירם מיך פון בייזע גידאנקען און פון דעם יצר הרע און גיב מיר איצר טוב און בהעפט מיין הארץ אין דיינע מצות און עפין מיין הארץ אין דיין תורה דאס איך זאל זיא לערנען. און דר טאג פון מיין טויט זאל זיין אזו וויא דער טאג פון מיין ניבארין ווערין דאס אין מיר זאל ניט ניפונען ווערין קיין שום זינד און אום רעכט און גיב מיר כח צו היטין דיין באפעל און וויא מיך מזכה זעהען וויא דיין משיח ווערט קומען און שרייב אונז אין דעם דאזיגין יום כפור צו חיים טובים. און באנייא אונז איין גוט יאר. און שיק איין בענטשונג און איין גליק אין אלע ווערק פון מיין האנט און זעץ אויס מיין שפייז און מיין פרנסה מיט דער פילונג און מיט דער ווייטערנעס פון דיין האנט. און ניט פון דר האנט פון איין בשר ודם און ריכט אויף אונזר הערשאפט גאנץ הויך: און הייב אויף מיין מזל און גיב מיך צוא חן און גינאד און צו דר בארימקייט אין דיינע אויגין און אין די אויגין פון אלע וואס זעהען מיך פון וועגן דעם זכות די דאזיגע היליגע צדיקים און זייער זכות און זייערע מעשים טובים זאלין בשיצין און מליץ זיין פאר מיר און זאלסט טאן מיין באגער און זאלסט דער פילין מיין ניבעט צו גוטין און זאלסט מיך ניט ווידר קערין ליידיג פון פאר דיר אמן:

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שתרצני ותקבלני בתשובה שלמה לפניך ותשמע תפלתי ותאזין בקשתי ויהיו זכיותי מכריעות על חובותי. ותן בלבי אהבתך ויראתך ותגזור עלי ועל בני ביתי שנת טובה וברכה. שנת ישועה ונחמה. שנת פרנסה וכלכלה. שנת גאולה וישועה שנת עושר וכבוד. שנת חיים ושלום. שנת חן וחסד ורחמים בעיניך ובעיני כל רואינו. וסלח ומחל לכל עונותינו והחיינו אל הגאלה במהרה בימינו והצילנו מדלות ומעניות ומכל מיני פורעניות ומדינה של גיהנם ומחבוט הקבר ומשכן רע ומפגע רע ומקלות ומשפלות ומשמץ ומבושת ושלא יהא בנו ולא בזרענו שום פסול ולא שמץ ודופי והצילנו מדבר ומחרב ומגפה ומרעב ומשחית מכל צרה ויגון ואנחה. ותן בלבנו כח לעשות תשובה שלמה לפניך שראויה ומקבלת וקרובה לפני כסא כבודך. ושנזכה לימות המשיח ולחיי העולם הבא. ותמלא כל משאלות לבנו לטובה. בזכות הקדושים האלו ותקבל ברחמים

---

יהי עס זאל זיין דר ווילן פון פר דיר גאט אונ גאט פון מיינע עלטערן דוא זאלסט מיך באוויליגן אונ זאלסט מיך אן נעמען מיט איין גאנצע תשובה פר דיר. אונ זאלסט הערין מיין תפלה. אונ זאלסט פר נעמן מיין באגר. אונ מיינע זכיות זאלין איבר וועגין מיינע זינד אונ גיב אין מיין הארץ דיין ליבשאפט אונ דיין פארכט אונ זיי גוזר אויף מיר אונ אויף מיין הויז גיזינד אונ אויף גאר דם הויז גיזינד פון אלע מענטשין איין גוטין אונ גיבענטשטין יאר. איין יאר פון הילף אונ טרייסטונג. איין יאר פון פרנסה אונ כלכלה איין יאר פון אויס לייזונג אונ הילף איין יאר פון עושר אונ כבוד. איין יאר פון לעבין אונ פריד. איין יאר פון חן אונ גינאד אונ דער בארימהקייט אין דיינע אויגין. אונ פאר גיב צו אלע אונזערע זינד. אונ לאז אונז דר לעבין צו דר גאולה באלד אין אונזערע טעג אונ באשירעם אונז פון דלות אונ פון ארומקייט אונ פון אלירלייא פורענות אונ פאר דעם דין פון גיהנם אונ פון חבוט הקבר אונ פון איין בייזן שכן אונ פאר בייזע באגעגניס אונ פון גרינגשאפט אין דיין דינסט אונ פון נידעריקייט אונ פון שאנד פלעק אונ פון פאר שעמט צו ווערין אונ עס זאל ניט זיין אין אונז ניט אין אונזערע קינדר קיין שום פסול אונ קיין שאנד פלעק אונ לעסטערונג. אונ זיי אונז מציל פון מארד אונ שווערד אונ מגפה אונ פון הונגער אונ פר דארבונג אונ פון אלע לייד אונ טרויעריקייט אונ זיפצונג אונ גיב קראפט אין אונזער הארץ ארעכטע תשובה צו טאן פר דיר. וואס זאל זיין ווערדיג אונ אן גינומען אונ נאהענט פר דיין כסא כבוד. אונ מיר זאלין זוכה זיין צו די טעג פון משיח אונ צו דאס לעבין פון עולם הבא זאלסט דר פילין אלע באגער פון אונזר הארץ צו גוטין וועגן זכות פון די דאזיגע היילינע. אונ פאר נעם מיט דר בארימקייט אונ מיט ווילין אונזר תפלה אונ זאלין באווילינט זיין די רייד פון מיין מויל אונ דאס טראכטונג פון מיין הארץ צו פר

דיר

וּבְרָצוֹן אֶת תְּפִלָּתֵנוּ וְיִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי׃

יְהִי רָצוֹן לְפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁתְּהֵא הַשָּׁנָה הַזֹּאת הַבָּאָה עָלֵינוּ לְטוֹבָה. קֵץ וְתַכְלִית וְעֵת סוֹף לְאֶבְלֵנוּ. וְאַחֲרִית טוֹב לִימֵי עָנְיֵנוּ וּמְרוּדֵנוּ. וְהִנְנוּ בְּכָל יוֹם הוֹלְכִים וְדַלִּים. בְּרָבּוֹת הַשָּׁנִים אָנוּ נִמְעָטִים וּבִסְגוֹת הַזְּמַנִּים אָנוּ נִצְעָרִים. כַּאֲשֶׁר אָמַרְתָּ כִּי מִי יַחְמוֹל עָלַיִךְ יְרוּשָׁלַיִם וּמִי יָנוּד לָךְ. וּמִי יָסוּר לִשְׁאוֹל לְשָׁלוֹם לָךְ. אוֹ מִי יִגְדּוֹר גָּדֵר אוֹ מִי יַעֲמוֹד בַּפֶּרֶץ וְאֵין עוֹד נָבִיא וְחוֹזֶה וְאֵין קוֹרֵא בְשִׁמְךָ בֶּאֱמֶת מִתְעוֹרֵר לְהַחֲזִיק בָּךְ. כִּי כֻלָּנוּ כַּצֹּאן תָּעִינוּ. אִישׁ אִישׁ לְדַרְכּוֹ הָרָעָה פָּנִינוּ. כִּי גֶבֶר אַחַר בִּצְעוֹ וְכָל אִישׁ אַחֲרֵי שְׁרִירוּת לִבּוֹ הָרָע. וְלֹא דַי לָנוּ בַּעֲוֹנוֹת הָרִאשׁוֹנִים. כִּי הוֹסַפְנוּ עֲלֵיהֶם חֲדָשִׁים. וְלֹא נִזְהַרְנוּ בְּכָל הָאַזְהָרוֹת אֲשֶׁר הִזְהַרְתָּנוּ. וְלֹא הוּכַחְנוּ מִכָּל הַתּוֹכָחוֹת אֲשֶׁר הוֹכַחְתָּנוּ. וּמַה יֶּשׁ לָנוּ עוֹד צְדָקָה וְלִזְעוֹק עוֹד אֶל הַמֶּלֶךְ. וְאַתָּה יְיָ חָשַׁבְתָּ לִצְרוֹף סִיגֵינוּ וּלְהָסִיר בְּדִילֵנוּ וְלִשְׁבּוֹר אֶת לִבֵּנוּ הַזּוֹנֶה וּלְהָתֵם טֻמְאָתֵנוּ מִמֶּנּוּ. עַל כֵּן

---

דיר גָאט מַיין בַּשֶׁעפֶּר אוּן מַיין אוּיס לֵייזֶער :

יהי רצון עֶס זָאל זַיין דֶר ווילִין פַר דִיר גָאט אוּנְזֶר גָאט אוּן דֶר גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין אַז דֶר יָאר וָואס וֶועט קוּמֶען זָאל זַיין אוּיף אוּנְז צוּ נוּטִין מִיר וֶוערִין אַלֶע טָאג מֶער פַר אָרִימְט ווִי מֶער יָארִין עֶס דוּיעֶרְט וֶוערִין מִיר אַלְץ וֵויינִיגֶער. אוּן וִויא פִיל צַייט עֶס דוּיעֶרְט וֶוערִין מִיר גִימִינֶערְט. אַזוֹ וִויא דוּ הָאסְט גִיזָאגְט דֶען וֶוער וֶועט זִיךְ דֶר בַּארִימֶען אִיבֶּער דִיר יְרוּשָׁלַיִם אוּן וֶוער וֶועט דִיךְ בַּאקְלָאגִין. אוּן וֶוער וֶועט קוּמֶן פְרֶעגִין דִיר צוּ פְרִיד אָדֶר וֶוער וֶועט פַר צַאמֶען דַיין צַאם וֶוער וֶועט זִיךְ שְׁטֶעלִין פַר דַיין בְּרָאךְ. אוּן מִיר הָאבֶּן שׁוֹין מֶער נִיט קַיין נָבִיא אוּן קֵיינֶר עֶר זָאל קֶענֶען וָואס זֶעהֶן. אוּן עֶס אִיז נִיט פַר הַאנְדֶן קֵיינֶר וָואס זָאל אָן רוּפִין דַיין נָאמֶן מִיט וָורְהַייט אוּן נִיט קַיינֶר זָאל זִיךְ דֶער וֶועקִין צוּ הַאלְטִין זִיךְ אִין דִיר דֶן מִיר אַלֶע זַיינֶען פַר אִירְט וִויא שָׁאף. אִיטְלִיכֶר מֶענְטְשׁ טוּט זִיךְ קֶערִין צוּא זַיין בֵּייזִין וֶועג. אִיטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ גָאךְ זַיין גֶעלְט אוּן גָאךְ דֶעם ווִילִין וָואס זַיין בֵּייז הַארְץ בַּאגֶערְט. אוּן נִיט גִינוּג פַר אוּנְז דִי זִינְד פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע. גַייעֶרְט מִיר הָאבִּין נָאךְ גִימֶערְט נַייעֶ זִינְד. אוּן מִיר זַיינֶן נִיט גִיוָוארִינְט גִיוָוארִין דָאס וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז פַאר בָּאטִין. אוּן מִיר הָאבִּין זִיךְ נִיט גִיוָוארִינְט מִיט דִי אַלֶע שְׁטְרָאף וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז גִישְׁטְרָאפְט. אוּן וָואס הָאבִּין מִיר נָאךְ גִירֶכְטִיקֵייט אוּן נָאךְ צוּ שְׁרַייעֶן פַר דֶעם קִינִיג פוּן דֶר וֶועלְט. אוּן דוּ גָאט הָאסְט גִיטְרַאכְט צוּ לַייטֶערִין אוּנְזֶר טוּנְקִילְקֵייט אוּן אָפּ צוּ טָאן אוּנְזֶר שׁוּים אוּן צוּ בְּרֶעכִין אוּנְזֶער פְרֶעמְד הַארְץ אוּנְזֶער אוּמְרֵיינְקֵייט צוּם עֶנְד צוּ מַאכִין. דְרִיבֶּער הָאסְטוּ אוּנְז פַר טְרִיבִּין אוּן פַר שְׁפְּרֵייט. נוּן אִין דֶעם בְּרוּטוּנְג זַייגֶן מִיר פַר זוּנְקִין גִיוָוארִין. אוּן אַזוֹ וִויא מֶען שְׁמֶעלְצְט דָאס זִילְבֶּער אִין דֶעם טֶעסְט זַייגֶן מִיר צוּ שְׁמֶעלְצִין גִיוָוארִין אַזוֹ

הגליתנו וזריתנו . הנה בשאון הצרות הצללנו וכהתוך כסף בתוך
כור נתכנו . ולא מקוצר ידך לא הושעתנו . ולא מכובד אזנך לא
שמעת תפלתנו . כי הבדילו עונינו בינינו ובין ישועתך . ואתה
צדיק על כל הבא עלינו כי אמת עשית ואנחנו הרשענו : לך יי
הצדקה ולנו בושת הפנים . לאדני אלהינו הרחמים והסליחות כי
מרדנו בו . ולך יי החסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו : ואתה
יי אלהינו גאל ישראל וקדושו הלעולם תאנף בנו תמשוך אפך
לדור ודור חלילה . לא לעולם תזנח ולא תוסיף לרצות עוד חלילה.
כי לא אפסו לנצח חסדיך ולא כלו רחמיך כי המה חדשים לבקרים
יחילו בכל עת ובכל רגע . ולמען שמך יי עשה עמנו כי היא
תהלתך . כי נקרא שמך עלינו יי אלהי ישראל . ולמען ברית אבותינו
אברהם יצחק ויעקב אשר כרת להם כי לא תשכח מפי זרעם .
ודברי אשר שמתי בפיהם לא ימושו . למען עמך ונחלתך אשר
נשארו מעט מהרבה . כתורן בראש ההר וכנס על הגבעה . ולמען
ירושלים עיר קדשך אשר היתה מדבר שממה ויצא מטנה כל הדרה.

---

ניט ווייל דיין מאכט איז קורץ דריבער האסטו אונז ניט גיהאלפין . און ניט מחמת דיינע
אויערין זיינען צו שווער האסטו ניט צו גיהערט אונזר גיבעט . נייערט אונזרע זינד חבין
גימאכט אצווישין שייד צווישין אונז און צווישין דיין הילף און דוא ביסט גירעכט איבר
דעם אליםן וואס איז גיקומען אויף אונז דען דו האסט גיטאן די ווארהייט און מיר האבין
גיטאן בייז . צו דיר גאט איז דאס גירעכטיקייט און צו אונז איז דאס פאר שעמונג איבר
אונזערע זינד . ביי גאט אונזר גאט איז דאס דר בארימקייט און דיא פאר געבונג אז מיר
ווידר שפעניגין אין אים און צו דיר גאט איז דאס גינאד דען דוא בצאלסט צוא איטליכין
מענטשין נאך זיינע ווערקין נאך . און דו גאט אונזער גאט דער אוים לייזר פון די ישראל
און זיין היילינער ווערסטו דען אייביג צערנען אויף אונז וועט דען חלילה דיין צארין זיך
ציהען אין אלע גיבידר . דו וועסט דאך אונז ניט פאר לאזין אויף אייביג דאס דוא וואלסט
זיך ניט מער צו אונז באווילינין חלילה . דען דיינע חסדים זיינען ניט פאר גאנגען אויף
אייביג און דיינע רחמנות זיינען ניט נוארין פר לענד ווארום אלע מארגין און אלע צייט
און אלע רגע ווערין זיי ווידר באנייט און רוען ווידר און פון וועגין דיין נאמען טוא גאט
מיט אונז ווייל דאס איז דיין לויב וואס דיין נאמן ווערט גירופין אויף אונז דער גאט פון
ישראל . און פון וועגין די זיכרהייט פון אונזערע עלטערין אברהם יצחק ויעקב וואס דוא
האסט מיט זיי פר שניטין דאס זאל ניט פאר געסין ווערין פון זייערע קינדר און מיינע
רייד וואס איך האב גיטאן אין זייער מויל זאל ניט ווערין אפ גיטאן . פון וועגין דיין פאלק
אוז דיין ארב וואס זיי זיינן איבער גיבליבען ווייניג פון פיל . אזו וויא איין מאסט אויף
עם שפיץ פון דעם בארג און אזו וויא איין שטאנג אויף איין היגל . און פון וועגין דיין

וּבֵית קָדְשֵׁנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ אֲשֶׁר הָיָה לִשְׂרֵפַת אֵשׁ . וּרְאֵה כִּי אָזְלַת יָד . יְיָ אֱלֹהִים צְבָאוֹת עַד מָתַי לֹא תְרַחֵם אֶת עָרֵי יְהוּדָה וִירוּשָׁלַיִם אֲשֶׁר זָעַמְתָּ זֶה כַּמָּה שָׁנִים . וּרְאֵה אֶת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל מְרוּדִים מְאֹד . פָּנִינוּ לְיָמִין וְאֵין עוֹזֵר . לִשְׂמֹאל וְאֵין סוֹמֵךְ . וְהִנֵּה הָעֵת וְהָעוֹנָה אֲשֶׁר יָאֲתָה לְךָ לְהוֹשִׁיעֵנוּ . אֱלֹהֵינוּ בּוֹשְׁנוּ בְּמַעֲשֵׂינוּ וְנִכְלַמְנוּ בַּעֲוֹנֵינוּ . כִּי הָשְׁחֲרוּ פָּנֵינוּ מִפְּנֵי חַטֹּאתֵינוּ . וְנִכְפְּפָה קוֹמָתֵנוּ מִפְּנֵי אַשְׁמוֹתֵינוּ . וְאֵין לָנוּ פֶּה לְהָשִׁיב וְלֹא מֵצַח לְהָרִים רֹאשׁ . וְאֵין לָנוּ עַל מִי לְהִשָּׁעֵן כִּי אִם עָלֶיךָ אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם :

רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים עֹשֵׂה פֶלֶא לְהַחַיִּים לְבַל יִהְיוּ כַּמֵּתִים הֲיֵשׁ אִמְּתֶךָ בַּקֶּבֶר לְזִכָּרוֹן עוֹרַרְתָּ אָז בְּפוֹעַל עוֹרְרֵנוּ בְּלֹא פוֹעַל הֲלֹא לְנִפְלְאוֹתֶיךָ תַּעַשׂ לְזִכָּרוֹן . וִיהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ שֶׁתְּהֵא הַשָּׁנָה הַזֹּאת הַבָּאָה עָלֵינוּ וְעַל כָּל אָדָם . שְׁנַת אוֹסֶם . שְׁנַת בְּרָכָה . שְׁנַת גְּזֵרוֹת טוֹבוֹת שְׁנַת דָּגָן וְתִירוֹשׁ שְׁנַת הַצָּלָה וְהַצְלָחָה שְׁנַת וְעוּד בֵּית מִקְדָּשֶׁךָ שְׁנַת זוֹל שְׁנַת חַיִּים טוֹבִים מִלְּפָנֶיךָ שְׁנַת טְלוּלָה אֲסוּכָה גְשׁוּמָה אִם

---

הייליגע שטאט ירושלים וואס זיא איז געווארין וויסט וויא מדבר און נאר איר שיינקייט איז וואָרין פון איר ארויס גינאנגען . און אונזער הייליג און צירליך הויז וואס איז פאר ברענט גיווארין אין פייער . גאט דר העער איבר די העער שארין וויא לאנג נאך וועסטו זיך ניט דר בארימן איבר די שטעט פון יהודה און איבער ירושלים וואס דו האסט גיצערינט שוין וויא פיל יאר . און וועה דיין פאלק ישראל זיינען זייער גיפלאגט . מיר קערין זיך צוא דר רעכטער זייט איז ניט פאר האנדין קיין העלפער . צו דר לינקר זייט איז ניט פאר הנדין קיין אונטער לעהנער . און עס איז שוין די צייט וואס עס איז רעכט דוא זאלסט אונז העלפין אונזר גאט מיר זיינן פאר שעמט מיט אונזערע ווערקין און מיר זיינן פאר שעמט פאר אונזערע זינד . דען עס איז שוין גיווארין שווארץ אונזר פנים פון וועגין אונזערע זינד און אונזערע הייך איז גיווארין איין גיבויגין פון וועגין אונזר שולד . און מיר האבין ניט קיין מויל צו ענטפערין און קיין שטערין די קאפ אויף צו הייבין און מיר האבין ניט אויף קיינעם זיך אן צוא לעהנען נאר אויף דיר אונזער פאטער אין הימיל :

רבון העער איבער אלע וועלטין טוא וואונדער צו די לעבעדיגע זייא זאלין ניט זיין אזו וויא דיא טויטע וואָרום קען מען דען גידיינקען דיין וואָרהייט אין קבר דו האסט דיך לאנג צו אונז דער וועקט נאך אונזרע ווערקין נאך דר וועק דיך איצונד ווען מיר האבין אפילו ניט קיין גוטע ווערקין . פאר וואר צוא דיינע וואונדער מאך אגידעכנס . און עס זאל זיין דער ווילין פון דיר אז דאס דאזיגע יאר וואס וועט קומען אויף אונז און אויף אלע מענטשין זאל זיין איין יאר פון פיל שפייז איין יאר פון בענטשונג . איין יאר פון גוטע גזירות . איין יאר פון קארין און וויין . איין יאר פון בשירמונג און בגליקונג . איין יאר וואס מיר זאלין זיך איין זאמלען אין בית המקדש אריין . איין יאר פון וול . איין יאר פון חיים טובים פון פאר דיר . איין יאר פון טויא און אוצרות . און ווען עס וועט זיין גרויסע

שחונה שנת ימתיקו מגדים את תנובתם שנת כפרה לכל עונותינו שנת לחמנו ומימינו תברך שנת משא ומתן טוב שנת נבא בגזרה טובה לבית קדשנו שנת שובע שנת פרי בטננו ואדמתנו תברך שנת צאתנו ובואנו תברך שנת קוממיות תוליכנו לבית מקדשנו שנת רחמיך יכמרו עלינו שנת שמחים תעלנו לבית קדשנו שנת תפתח לנו אוצרך הטוב שנת אשר לא יצטרכו עמך ישראל זה לזה בתתך ברכה במעשה ידיהם ויהי רצון מלפניך שלא יעשו לאנשי השרון בתיהם קבריהם. ואתם ישני אדמת עפר קומו נא עמדו נא התעוררו נא חלו נא פני אל רם ונשא ימלא משאלותינו במדה טובה ישועה ורחמים כי רצוננו לעשות רצונו ולא עכוב שאור שבעסה. יסיר מעלינו שבטו ואימתו אל תבעתנו. ויהי נועם יי אלהינו עלינו. ונעשה רצונו בלבב שלם. עוד כל ימי עולם. ובהסיר המניעה. תשלם כונת הבריאה. ונזכה ליפות המראה

---

היצין זאל עס אויך רעגנען. איין יאר די פרוכטין זאלין זיין זיס. איין יאר עס זאל ווערין פאר געבין אלע אונזערע עבירות. איין יאר אונזער ברויט און אונזער וואסער זאל ווערן גיבענטשט. איין יאר פון נוט משא ומתן. איין יאר מיר זאלין קומען אין אונזער בית המקדש אריין מיט גוטע גזירות. איין זאט יאר. איין יאר דו זאלסט בענטשין די פרוכט פון אונזער בויך מיט אונזער ערד. איין יאר אז אונזער אויס גיין און אונזער קומען זאלסטו בענטשין. איין יאר דו זאלסט אונז פירין אין בית המקדש. איין יאר דיין דר בארימקייט זאל ווערין דער היצט איבער אונז. איין יאר דוא זאלסט אונז אויף בריינגען אין בית המקדש אריין פריילך. איין יאר דו זאלסט אונז עפינען דיין גוטין אוצר. איין יאר זייא זאלין ניט בדארפין איינער דעם רחמנות פון דעם אנדערין. דאס דוא זאלסט געבין אברכה אין דיא ווערק פון זייערע הענט. און עס זאל זיין דער ווילן פון דיר אז דיא לייט וואס וואוינען אין טיפע פלאצין זאלין ניט ווערין זייערע הייזער זייערע קברים חייל אז דער ווינט ווייט ארויף זאמד אויף זייערע דעכער פאלין איין די הייזער אויף די מענטשין וואס זיינען איינגוויינינג. און איר טויטע וואס שלאפין אין דר ערד שטייט אויף און דער וועקט אייך און בעט פאר דעם הויכין און גיהויכעגם גאט ער זאל דער פילין אונזער באגער מיט איין מדה פון גוטס און היקף און דער בארימקייט דען אונזער חילין איז צו טאן דיין ווילין ווען דאס וויער טייג פון דעם טייג זאל אונז ניט אויף האלטין דס איז דער יצר הרע ער זאל פון אונז אפ טאן זיין רוט און זיין פרכט זאל אונז ניט דער שרעקין. און דאס זיסקייט פון גאט אונזער גאט זאל זיין אויף אונז אזו ווען מיר טאן זיין ווילן מיט דעם גאנצין הארצין אזו לאנג ביז די וועלט וועט שטיין און ווען ער וועט אפ טאן דאס פאר מיידונג וואס פאר מיט אונז פון זיין דינסט דערנאך וועט ווערין גאנץ די כוונה פון די באשעפענס ווארום דיא כונה איז דאך נאר כדי מיר זאלין ווסין יי' ווענין צודינגען גאט און מיר זאלין זוכה זיין צו די שיינע גישטאלט און גזונטקייט

וְהַבְּרִיאוֹת. וּלְכָל הַנֶּחָמוֹת הַנְּבוּאוֹת. וּלְמַרְאוֹת הַצּוֹבְאוֹת. וְלַחֲזוֹת
בְּנוֹעַם הַמֶּלֶךְ צְבָאוֹת. אָמֵן:

**מו אום עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר זָאגְט מֶען דָאס**

אֵל אֱלֹהֵי הָרוּחוֹת לְכָל בָּשָׂר. צַדִּיק אַתָּה יְיָ וּמִשְׁפָּטֶיךָ יָשָׁר. הָאֵל הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא. אֲשֶׁר כָּל הַהֹוֶה מִמֶּנּוּ נִבְרָא. אַתָּה יָצַרְתָּ עוֹלָמְךָ מִקֶּדֶם. חַסְדְּךָ הַגָּדוֹל לִגְמוֹל לְהָאָדָם. לְהַרְאוֹת לוֹ מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר פָּעַלְתָּ לַחוֹסִים. וּלְכָל אִישׁ וְאִישׁ מִמְּלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר הֵמָּה עוֹשִׂים. וּמֵרֵאשִׁית כָּזֹאת הוֹדַעְתָּ. וּמִלְּפָנִים אוֹתָהּ גִּלִּיתָ. כִּי שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה יְיָ אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ. וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שָׁבַת. וְהַמּוֹעֲדִים מוֹעֲדֵי יְיָ נִקְרָאִים. כִּי הֵם רוֹמְזִים לְיָמִים הַבָּאִים. וּזְמַנֵּי הָעוֹלָם בָּהֶם נִרְמָזִים. וְהֵם מַרְאִים עַל דְּבָרִים פְּלָאִים וְרָזִים. לְהוֹדִיעַ לִבְנֵי הָאָדָם גְּבוּרוֹתָיו וּכְבוֹד הֲדַר מַלְכוּתוֹ. וַאֲשֶׁר יַעֲשֶׂה בְּאַחֲרִית הַיָּמִים לְסוֹבְלֵי עוֹל יִרְאָתוֹ. כִּי יְמֵי הַפֶּסַח הֵם שִׁבְעָה בְּעִתָּם. מוֹרֶה לִישִׁיבָתָם בָּאָרֶץ בָּרִאשׁוֹנָה קָרוֹב לְמִנְיַן וְנוֹשַׁנְתֶּם: וְאַחֲרֵיהֶם סְפִירַת שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימוֹת. שֶׁהֵם כִּשְׁמִטּוֹת הַיּוֹבֵל בְּכַמּוּת. לְהוֹדִיעַ כִּי אַחַר

---

און צו אַלֶע נֶחָמוֹת וָואס די נְבִיאִים הָאבִּין גִיזָאגְט און צו אַלֶע שֵׁיינֶע גִישְׁטַאלְט און צו זֶעהֶען אִין דִי זִיסְקַייט פון דֶעם מֶלֶךְ דָאס עֶר אִיז אִיבֶּער דִי אַלֶע הֶער שָׁארִין אָמֵן:

אל גָאט דֶער גָאט אִיבֶּער אַלֶע נְשָׁמוֹת פון אַלֶע בַּשֶׁעפֶּנִס דוא גָאט בִּיסְט גִירֶעכְט און דַיין מִשְׁפָּט אִיז רֶעכְט פַארְטִיג. דֶער גָאט דֶער גְרוֹיסֶער דֶער שְׁטַארְקֶער און דֶער פָארְכְטִיגֶר וָואס דָאס אַלְץ וָואס אִיז אִין דֶער וֶועלְט אִיז פון אִים בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין דוּא הָאסְט בַּשַׁאפִין דַיין וֶועלְט פון אָן פַאנְג פון וֶועגִין צו בַּאצָאלִין דֶעם מֶענְטְשִׁין דַיין גְרוֹיסִין חֶסֶד. צו וַוייזִין אִים וויא גְרוֹיס דַיין גוּטְס אִיז וָואס דוּא הָאסְט גִיוֶוערְקְט צו דִיא וָואס בַּשִׁיצִין זִיךְ אִין דִיר און צוּא אִיטְלִיכִין בַּזוּנְדֶער פַאר זַיין וֶוערְק וָואס עֶר טוּט און דָאס הָאסְטוּ פון דֶעם אָן הֵייבּ גִילָאזְט וִויסִין און פון פְרִיעֶר אָן הָאסְטוּא עֶס אַנְטְפְּלֶעקְט. דֶען אִין זֶעקְס טֶעג הָאט גָאט בַּשַׁאפִין דִי הִימִיל און עֶרְד. און אִין דֶעם זִיבֶּעטִין טָאג הָט עֶר גִירוּעֶט. דָאס בַּטַייט אַז זֶעקְס טוֹיזִינְט יָאר וֶועט שְׁטֵיין דִי וֶועלְט און אִין דֶם זִיבֶּעטֶע טוֹיזִינְט וֶועט זַיין נָאר שַׁבָּת. און דִי יָמִים טוֹבִים וֶוערִין גִירוּפִין מועדי ה׳ דִי יָמִים טוֹבִים פון גָאט. און זֵיי בַּטַייטִין אוֹיף דִי טֶעג וָואס וֶועלִין קוּמֶען און דִי צַייטִין פון דֶער וֶועלְט וֶוערִין דוּרְךְ זֵיי אָן גִיוַויזִין: און זֵייא וַוייזִין אוֹיף וואוּנְדֶערְלִיכֶע און אוֹיף פַאר בָּארְגֶענֶע זַאכִין צו מַאכִין וִויסִין דִי מֶענְטְשִׁין זַיין שְׁטַארְקַייט און דֶעם כָּבוֹד און דָאס שֵׁיינְקַייט פון זַיין מְלוּכָה און וָואס עֶר וֶועט אִין דִיא לֶעצְטֶע טֶעג צוּא דִיא וָואס לַיידִין דֶעם יָאךְ פון יין פָארְכְט דֶען דִיא טֶעג פון פֶּסַח אִיז זִיבִּין דָאס וַוייזְט דָאס דִיא יִשְׂרָאֵל זַיינֶען גִיזֶעסִין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּם עֶרְשְׁטִין אַיין לַאנְגֶע צַייט קָרוֹב צו אַכְט הוּנְדֶערְט און צְווֵיי און פוּפְצִיג יָאר און דֶער נָאךְ צֵיילְט מֶען גַאנְצֶע זִיבִּין וָואכִין דָאס זַיינֶען אַזוֹי וִויא פִיל שְׁמִטּוֹת עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין אִין אַיין יוֹבֵל צו וַוייזִין אַז נָאךְ דֶעם אִיז וָואס אוֹיף וִויא פְרוֹנֶן גִיוָוארִי׳

וְהַ בְּעֵת שִׁמְטָה אַף יְיָ בָּם חָרָה . עַד אֲשֶׁר גָּבַר הָאוֹיֵב וְקָעֲקַע אֶת כָּל הַבִּירָה . לָכֵן צִוָּנוּ תְּמִימוֹת תִּהְיֶינָה . לְהוֹרוֹת שֶׁלֹּא נִטְעֶה כְּמֶלֶךְ פָּרַס בִּמְנְיָנָא . אַחַר זֶה חַג הַשָּׁבוּעוֹת יוֹם אֶחָד בַּשָּׁנָה . רֶמֶז לְבַיִת שֵׁנִי שֶׁהָיָה רַק פְּקִידָה וְעִיּוּנָא בְּעָלְמָא וְלֹא כְּהָהִין חֻשְׁבְּנָא . וּמִשֶּׁם אֵין מוֹעֵד מֶשֶׁךְ זְמַן אָרוּךְ . אוֹת לָאַחֲרוֹנִים שֶׁלֹּא נִתְגַּלָּה עֲוֹנָם . לֹא נִתְגַּלָּה קִצָּם וּזְמַנָּם . וּבְהַגִּיעַ קֵץ הַיָּמִין . בְּיוֹם זְכוֹר יְיָ בְּבֵיתְיָה אֲשֶׁר נִתְעַבֵּד נוֹלָא וְהַדְמִין . בַּיּוֹם הַהוּא יִתָּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל . וּבָאוּ הָאוֹבְדִים מֵאֶרֶץ אַשּׁוּר וּמֵאֶרֶץ מִצְרַיִם נִדָּחֵינוּ . וְיַעֲלֶה לִפְנֵיהֶם . וְהָיָה יְיָ לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ . וּבְגֶשֶׁת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל הַקֹּדֶשׁ בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן . לָזֶה נִקְרָא רֹאשׁ הַשָּׁנָה יוֹם הַזִּכָּרוֹן . רֶמֶז לְיוֹם הַגְּאֻלָּה אֲשֶׁר נִהְיָה נָסְבִין בְּאֵין בִּידָן וְתַחֲזוֹר הָעֲטָרָה לְיָשְׁנָהּ בִּגְבוּל בִּנְיָמִין בְּצֶלְצַח . וְאָז יַהֲפוֹךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה יַחַד לִקְרוֹא כֻלָּם בְּשֵׁם הַמְיוּחָד . וּבַיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה יְיָ אֶחָד . לָכֵן כַּאֲשֶׁר יִשְׁאֲלוּן מַלְאֲכֵי עֶלְיוֹן עַל קְבִיעוּת יוֹם רֹאשׁ הַשָּׁנָה . יֹאמַר אֲנִי וְאַתֶּם נִשְׁאַל לְבֵית דִּין

---

איבער די זינד וואס זייא האבין ניט געהאלטין קיין שמטה ביז דער פיינד האט זיך געשטארקט און האט פאר וויסט דס גאנצע בית המקדש און דרום האט ער אונז געבאטין די זיבין וואכין זאלין גאנץ זיין צו ווייזין מיר זאלין זיך ניט טועה זיין גלייך וויא דער מלך פרס האט זיך טועה געוועזן אין דעם חשבון פון די זיבעציג יאר פון גלות בבל נאך דעם איז שבועות נאר איין טאג אין יאר . דאס ווייזט אויף דעם אנדערין בית המקדש וואס ער איז נאר געוועזן איין דער וועקונג ניט קיין רעכטע גאולה און פון שבועות אן איז איין לאנגע צייט קיין יום טוב ניט . און די לייט פון דעם אנדערין גלות איז זייערע זינד ניט וואָרין אנטפּלעקט דרום איז זייער סוף פון דעם גלות אויך ניט אנטפּלעקט געוואָ״ין און אז עס וועט קומען דער רעכטער סוף דער טאג וואס גאט וועט געדיינקען זיין הויז וואס איז געוואָרין פר וויסט און צו בראכין אויף שטיקער דעם זעלבינין טאג וועט מען בלאזין מיט איין גרויסין שופר . און עס וועלין קומען די וואס זיינען פאר לארין אין לאנד פון אשור און אונזערע פאר שטויסינע אין לאנד מצרים . און משיח וועט גיין פאר זייא און גאט וועט זיין איין קיניג איבער דער גאנצער וועלט . און אז די קינדר ישראל וועלן קומען אין בית המקדש אריין וועט אהרן הכהן ווידער קומען דרום הייסט מען ראש השנה יום הזכרון . דאס ווייזט אויף דעם טאג פון דער גאולה דאס מיר וועלין נעמן אין אונזערע הענט איין באניר און דער בית המקדש וועט ווידער קומן אויף איר אלטן פלאץ דען דאס בית המקדש וועט ווידער געבויט ווערין אין דעם חלק פון בנימין און דעמאלט וועלין אלע פעלקער מיט אנאנדר אלויטער לשון האבין זיי זלין אלע אן רופין דעם נאמען פון גאט . און אין דעם זעלבינין טאג וועט ניט מער זיין אז דר איינציגער גאט . דרום ווען די אויבערשטע מלאכים פרעגין ווען מען זאל מאכין ראש השנה . וועט ייא געזאגט ווערין פון גאט איך מיט אייך וועלין מיר פרעגין צום גרויסין בית דין ווא

הגדול שבציונה . בידם לרחקו ולקרבו ולקדשו בזמנו . להורות על גאלתנו . כי יש עת לרחק או לקרב . על ידי תשובה ומעשה רב . ובעתה יחישנה . וכל שעתא זמנה . ואחריו כל אדם ימשוך בימי תשובה . רמז על ימות המשיח וחיי עולם הבא . שאז יהיה להאדם מרגוע ממטרד ומי זהב . לעשות רצון אלהים אשר אהב . ואל יעכב שום חטא ועון . ולא שום מדוה ועצבון . ולא תהיה שום מיתה וכרת . ונהיה נקיים כמלאכי השרת . והימים האלה נזכרים ונעשים . להיות על ידי מנוחה שלמה אל יי נגשים . ולא כבד לאכול ולשתות ולשמוח . כי אם לזכות נפש ונשמה ורוח , ונבאים ביום יי הגדול והנורא . ולהיות בו בקדשה ובטהרה . ועליו רומז יום הכפרים . שדיניו אחר ימי התשובה נגררים . וגם המתים יזעה אל ברוב חסדו . לתקן המעות אשר לא היו יכולים לתקן בחייהם מיזרדת הזמן וכבדו . ובימי התשובה נאמר דרשו יהוה בהמצאו . כן בימים ההם כל אחד יעלה לשמים שיאו . וכאשר

---

ויצט אין ציון . וואס זייא האבין די מאכט אים פריער אדער שפעטער צו מאכין און זאל אים היילינגין אין זיין צייט . דאס ווייזט אויף דער גאולה דען דיא גאולה קען זיין אין איין ווייטע צייט און אויך קען זיא זיין אין נאהינטע צייט . דורך תשובה און מעשים טובים קען ער זיא איילין פאר איר צייט . דען אלע שעה איז איר צייט . און דרויף זאל דער מענטש נידיינקען אין די עשרת ימי תשובה דאס דא ווייזט אויף די טעג פון משיח און דיא לעב טאג פון עולם הבא וואס דענמאלט וועט דער מענטש רוא האבין פון דיא טוידות צו זוכין אלץ געלט נאר צו טאן דעם ווילין פון גאט וואס ער האט ליב און קיין זינד און קיין שום ווייא טאג און טרויערקייט וועט אים ניט מעכב זיין און קיין טויט און אך שניידונג פון יארין וועט ניט זיין און מיר וועלין זיין ריין וויא די מלאכים . און אין דיא טעג זאלין מיר גידיינקען דאס מיר זאלין דורך איין גאנצע רוא צו גאט ב״ה טאן ניט עהנען און ניט אליין צו עסין און טרינקען און זיך צו פרייען . נייערט צו ריינינן דעם נפש און דעם רוח און די נשמה און מיר זאלין זוכה זיין צו זיין מיט היילקייט און מיט ריינקייט אין דעם פארכטיגין און גרויסין טאג פון גאט . און דרויף ווייזט דער יום הכפורים וואס זיין משפט גייט נאך ווערלינג דיא עשרת ימי תשובה דאס דער וואס טוט תשובה אין די עשרת ימי תשובה גייט זיין משפט נוט ארוים אין דעם טאג יום הכפורים. אויך וועט גאט מיט זיין פיל גינאד לעבעדיג מאכין די טויטע . צו פאר ריכטין זייערע קריגע זאכין וואס זייא האבין ניט גיקענט פר ריכטין ביי זייער לעבין פון וועגין דיא טוידות און די שווערע צייט . און אין די תשובה טעג ווערט גיזאגט פארשט גאט אז איר גיפינט אים . אזו וועט אויך זיין אין די זעלביגע טעג דאס איטליכר וועט ווערין דער הייבין ביז אין הימיל . און וויא אין יום כפור פאר גיבט איינער דעם אנדערין וואס ער האט אנטקעגין אים גיזינדיגט . אזו ווערין פאר איינינט מיט זייערע הערצר . אזו וועט

ביום הכפורים העם היושב בה נשא עון שבין איש לחברו וכלם
בקרוב הלבבות · כן יבוא אליהו הנביא לפני בא יום יי הגדול
והנורא והשיב לב בנים על אבות · וכאשר אנו בלובן מצעפים ·
כן נהיה ביום יי הגדול כלובשי בדים ושרפים · וממנו אנו יוצאים
נקיים מחטא כבן שנה · לחוג את חג הסכות ברננה · רמז שמן
היום הדין הגדול נצא נקיים לקבל שכר הרוחני · ולא יהיה בבית
יי צבאות עוד כנעני · וכמו שבחג הזה נאמר שמחה כפולה · כן
הרמוז בו הוא תכלית המכון שעל הכל עולה · כי אז ירבה לנו
מוהר ומתן · לישב בסכת לויתן · ויום הושענא רבה שהוא גמר
הדין · ובלול מקדש וחלין · רמז לבינונים שנדונים לגיהנם
ומצפצפין ועולין · ונגמר דינם ביציאתם מן הגיהנם · וכצדיקים
גמורים · לכל דבריהם נזכרים · ומשם יודע יום אחד ליי והיה לעת
ערב יהיה אורה · והקדוש ברוך הוא יושב ומגלה לנו סתרי וחדושי
תורה על זה רומז יום שמחת תורה · להיותנו מחכים לכל הנחמה
האמורה · ועל כן המועד הזה אינו נקרא חג רק עצרה · ובו מתחילין

---

אויך קומען אליהו הנביא איין טאג פאר דעם גרויסן און פארכטיגן טאג פון גאט און
וועט פאר איינינגן די הערצער פון דיא קינדער מיט זייערע עלטערין · און אזו וויא מיר
זיינן אין יום כפור באקלייט אין ווייסין · אזו וועלין מיר אויך זיין אין דעם גרויסין טאג
פון גאט גלייך וויא די מלאכים וואס זיינען אין ווייסין ליינען באקלייט · און פון דעם
יום כפור גייען מיר ארויס ריין פון זינד אזו וויא איין קינד פון איין יאר צו פייערטאגין
דעם חג הסוכות מיט גיזאנג דאס בטייט אז מיר וועלין ריין ארויס קומען פון דם גרויסין
יום הדין צו נעמען דעם לוין פאר דער נשמה אין עולם הבא · און עס וועט שוין ניט
זיין קיין כנעני אין דעם הויז פון ה׳ צבאות · און אזו וויא ביי דעם יום טוב (סוכות) שטייט
גישריבין אטאפעלע שמחה · אזו אויך אין דער צייט וואס דער יום טוב (סוכות) ווייזט
דרויף וועט זיין די בעסטע שמחה איבער אלע דען דערמאלט וועט אונז גימרט ווערין
גאבין און מתנות צו זיצין אין דר סוכה פון לויתן · און דער טאג פון הושענא רבה וואס
דערמאלט ווערט שוין פאר שלאסין דער דין · און דער טאג איז צו מיסט פון היילינג
און אום היילינג דאס ווייזט אויף די מיטיל מעסינגע מענטשין וואס ווערין גימשפט אין
גיהנם · און טוען שרייען און טוען ווידער ארויף גיין פון דעם גיהנם און אז זיי וועלין
ארויס גיין פון דעם גיהנם ווערט זייער דין אויס גילאזין און ווערין שוין גירעכינט וויא
די רעכטע צדיקים · און פון דארט וועט באקענט ווערין דער איינציגער טאג פון גאט
איז די צייט פון אבינט וועט ליכטיג זיין · און גאט ב״ה וועט זיצין און וועט אונז מגלה
זיין די חידושים פון דער תורה און די סתרי תורה · דרויף באטייט דער טאג פון שמחת
תורה · דאס מיר זאלין האפין אויף אלע די נחמות וואס אונזרע נביאים האבין גיזאגט

און

התורה. והוא כלו ליי הוא היוצר הוא הבורא. ובכן יהי רצון
מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו המגיד מראשית אחרית. לשום
לנו שם ושארית. וכאשר זכינו לסדר אותם. כן נזכה לראותם.
ונזכה כלנו מהרה לאורך. ולרב טוב באוצרך. והנחמות והיעודים
טובים במהרה לנו תגלה. ותביאנו אל חצריך ונשמחה בך ונגילה.
ויישני אדמת עפר תקיץ כלם. לישב לפניך יי עד עולם. ואשר
נמצא בו דבר טוב בעתו. אף שהכריע עליו חובתו. אל תפן אל
רשעו ואל חטאתו. ואל תשים לעושה רעה כרעתו. כי עמך
הסליחה למען תורא. כי אתה אל גדול גבור ונורא. ויאה לאלוה
רב למשבק חובין רברבין. ותן להם יי כל ברכיא טבין. כפר לעמך
ישראל החיים עדנה. ואשר פדית יי ויצאה נפשם מנדנה. וביום
הכפורים הזה תכפר עלינו לטהר אותנו מכל חטאתינו. ו[illegible] יי
נטהר כל אדם מחובו. ביום הדין הגדול הנרמז בו. וזכור יי לבני
אדם הקדושים אשר בארץ המה איתני. ומתו בעטיו של נחש

---

און דרום װערט דער דאזיגער יום טוב גירופין חג גייערט עצרת איז טייטש אויף האלטין
װייל ער באטייט אויף די נחמות װאס זיינען נאך אויף גיהאלטין און אין דעם טאג הייבט
מען אן די תורה. און ער איז גאר צו גאט װאס ער איז דער באשעפר. און דער מיט
בעטין מיר דיך גאט אונזער גאט און דער גאט פון אונזערע עלטערין װאס ער זאגט פון
דעם אן הייב װאס דער סוף דער פון װעט זיין. דאס דו זאלסט אונז מאכין איין גוטין
שם און איין איבער בלייבונג. און אזו װיא מיר האבין זוכה גיװעין אוים צו רעכענען
די ימים טובים אין איר סדר מיט אלימען װאס זייא באטייטין אזו זאלין מיר זוכה זיין אלע
די זאכין צו זעהען און מיר אלע זאלין באלד זוכה זיין צו דיין ליכט און צו דעם פיל גוטס
װאס דו האסט אין דיין אוצר. און צוא דיא טרייסטונג און די גוטע צו זאגונג זאלסטו
באלד אונז אנטפלעקין און זאלסט אונז ברײנגען אין דיין הויף דאן װעלין מיר זיך פרייען
און פאר לוסטיגין אין דיר. און די אלע װאס שלאפין אין דער ערד זאלסטו אויף װעקין.
זייא זאלין זיצין פאר דיר גאט ביז אייביג. און דער װאס האט װאס גוטס גיטאן װען
שוין זיינע עבירות איבער װעגין זאלסטו זיך גיט קערין צו זיין שולדיגקייט און צו זיינע
זינד. און זאלסט גיט בצאלין צוא דעם װאס האט גיטאן ביז אזו װיא זיין בייזקייט.
װארום ביי דיר איז דאס פאר געבונג פון װעגין דעם זאל זיך פאר דיר פארכטין. דען
דו ביסט איין גרויסער און שטארקער און פארכטינגער גאט און עס איז שיין צו איין גרויסן
גאט ער זאל פאר געבין גרוישע זינד. און גיב זייא גאט אלע גוטע ברכות. פאר גיב
צו דיין פאלק ישראל װאס לעבין נאך. און צוא די װאס דו האסט דער לייזט און זייער
נשמה איז ארויס גיגאנגען פון זייער לייב. און אין דעם דאזיגין יום כפור זאלסטו אונז
פאר געבין צו ריינגין אונז פון אלע אונזערע זינד. און פאר גאט זאל איטליכר מענטש
גירייניגט װערין פון זיין זינד אין דעם גרויסין יום הדין װאס דער טאג באװייזט דאס
דער יום כפורים איז טייטש דער טאג װאס פאר גיבט די זינד. נידייגט גאט צוא דיא

הקדמוני. זכותם וזכות כל ישני חברון. וזכות צדיקי עולם האטומים בבי קברון. ישבית ממנו ומכל אדם כל אף וחרון. ותמלא בקשתנו ברחמים גדולים. ונזכה להיות כמלאכי אלהים עולים. ולפני ולפנים תונים. ומזיו שכינתך נהנים. עם כל עמך ישראל יוצאי ירך האיתנים.

יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך יי צור עולמים:

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שתהא תפלתנו מרוצה ומקבלת לפניך כקטורת הסמים ותמלא כל משאלות לבנו לטובה בזכות כל הצדיקים והצדקניות החסידים והחסידות וקדושים הנקברים פה ותעשה עמנו לפנים משורת הדין ובזכותם אל תשיבנו ריקם מלפניך. ובשלום תנוחו על משכבכם ובצרור החיים תהא נפשכם צרורה. וברשות הקדוש ברוך הוא וברשות כל קדושי המלך. ויהא חלקי עמכם בגן עדן אמן:

---

הייליגע מענטשין וואס ...ן אין דער ערד און זיינען נישטארבין פון וועגין דער עצה פון דער ערשטער ש.. אונ נאס האט אן גירעט צו חוה און האט גורם מיתה גיוועזן צו אלע מענטשין ... זכות און דער זכות פון אונזערע אבות וואס שלאפין אין חברון. און דער ... פון אלע צדיקים פון דער וועלט וואס זיינען פאר באהרגין אין זייערע קברים זאלין מאכין פאר שטערין פון אונז און פון אלע מענטשין אלע צארין און גרים צארין און זאלסט דער פילין אונזער גיבעט מיט גרוס דער בארימקייט. און מיר זאלין זוכה זיין צו זיין וויא די מלאכים פון גאט וואס גייען ארויף און רוען נאענט איינגווייניג און האבין הנאה פון דער לויטערקייט פון דער שכינה מיט נאר דיין פאלק ישראל וואס קומען ארוים פון די פרומע עלטערין. עס זאל זיין צו ווילין די רייד פון מיין מויל און דאס טראכטונג פון מיין הארץ פאר דיר גאט דער בשעפר פון די וועלטין:

יהי עס זאל זיין איין ווילין פאר דיר גאט מיין גאט און דער גאט פון מיינע עלטערין אז אונזער גיבעט זאל זיין ... ווייניג און אן גינומען פאר דיר אזו וויא קטורת פון די קרייטעכער. און זאלסט דער פילין אלע באגער פון אונזער הארץ צו גוטין אין דם זכות פון אלע צדיקים און צדקניות די חסידים און חסידות די הייליגע וואס זיינען דא בהאלטין און זאלסט מיט אונז טאן מער אז דער דין ווייזט אוים און פון וועגין זייער זכות זאלסטו אונז ניט ווידער קערין ליידיג פון פאר דיר. און מיט פריד זאלט איר רוען און איר זאלט רוען אויף אייער גילעגער מיט פריד און אייערע נשמות זאלין זיין איין גיבונדין אין דעם בונד פון לעבין און אין רשות פון הקב״ה און רשות פון אלע הייליגע פון דעם קיניג גאט ב״ה און מיין טייל זאל זיין מיט אייך אין גן עדן אמן:

יער נאך מען קען תאול זאגין אנדערע תחנות ובקשות וואס נוצין אים פון דיא תחנה וואס שטייעז פריער:

## ווייא מען זאל תפלה טאן אום ערב ראש חודש אויף גאולה והצלחה :

אלהא גאט איבער אלע געטער דער הער פון הימיל און ערד דיינע ווערקין זיינען זייער וואונדערליך · בייא דיר גאט איז דאס אכפעררקייט און שטארקייט אין שיינהייט און איבער זינונג און דאס צירליכקייט · אויף ניסט האסטו באשאפין די וועלט דוא האסט זיא גיפורמירט · דער וואס וויל שרייבין און דער ציילין דיא לויב פון גאט זאל מען זאגין צו אים מיט דעם וואס דיין כוונה איז צוא לויבין גאט שענדסט דוא איב נאך ווארום עס איז ניט מיגליך צו דער ציילין דעם גאנצין שבח פון דיין הער · דוא האסט דיין וועלט בשאפין אין איר צייט און האסט זיא גישטעלט אויף איר גרונט דוא זיצט הויך אין הימיל און מען ווייס ניט דאס ארט פון דיין זצונג אויב עס איז אין צפון אדער אין דרום מען קען אויך דיינע זאכין אייביג ניט אויס שרייבין און קיינער קאן דיינע פאר הוילענע ווערק ניט פאר שטיין דוא ביסט דער ערשטער און דער הינטערשטער פאר אלע · אלע דיינע הויכע הימלען קענען דיך לעבעדיגר גאט ניט אויס האלטין דו האסט בשאפין דיא מזלות און שטערין דאס דורך זייא ווערט דיא וועלט גיפירט · דורך דיא זיבין לויפענדיגע שטערין ווערין דיא מענטשין און בהמות גיפירט און זייא מוזין אלץ נאך זייא נאך זעהען אבער דער מענטש וואס דינט זיין באשעפער דער איז פרייא פון דיא מזלות און שטערין דען דער מענטש וואס פארכט זיך פאר גאט קענען די מזלות מיט דיא שטערין פון הימיל אים ניט מזיק זיין און איבער אלע איז דיא וואס גלויבין אין גאט ווייל גאט איז איין גאט איבער אלע געטער און איין הער איבער אלע הערין דוא באגייסט און מינערסט אלע חודש די לבנה כדי צו ווייזין דיינע ווערק · צום ערשטין איז דיא לבנה גיוועזין גלייך מיט דער זון און הער נאך איז זיא פיל קלענער גיווארין ווייל זיא האט גיזאגט זיא קאן מיט דער זון גלייך ניט דינען זיא איז גיוועזין אין איר גרויסע ליכט איין און צוואנציג יאר זיא איז גימינערט גיווארין פון איר גרויסקייט הונדערט און אכציג חלקים מער פון דער ערד אזו איז זיא גיווארין קלענער און איז גימינערט גיווארין ביז איין נייין און דרייסיגסט חלק פון דער ערד · דרום האט ער צו גינעבין דיא שטערין · דער מיט זיא איבער צוא בעטין · און ווייל זיא איז נאך דער מיט ניט מרוצה גיווארין אזו האט הקב"ה צו איר גיזאגט די צדיקים וועלין זיך אויך קליין האלטין אזו וויא דוא ביסט קליין וויא עס שטייט ודוד הוא הקטן דוד איז דער קלענסטער אויך דאס גלייכין אנדערע צדיקים אויך דיא ישראל זאלין נאך דיר רעכענען דיא ימים טובים און טעג און יארין זיא איז אבער נאך ניט מרוצה גיווארין ביז גאט האט גיזאגט מען זאל אלע ראש חודש אקרבן ברייננגען און זיא איז דער מיט מרוצה גיווארין ווייל זיא האט גיזעהען דאס דורך איר איז גישעהען איין קידוש השם דען אז דיא מענטשין זעהען דאס זיא איז תחלת חודש גאנץ הויך און דער נאך ווערט זיא אלע מאל גיקלענערט · דער מיט קענען זייא פאר שטיין דאס עס איז פאר האנדין איין הער איבר זיי דאס ער פירט דיא שטערין פון הימיל און מאכט זיי לייכטין און מאכט זייא אויך ווידער פינצטער און ער ברייננגט זייא אויף פון זייער פאלין און פינצטערקייט ער האט זיי בשאפין נאך זיין ווילין וויא עס איז אים וואול גיפעלין און דיא וועג פון גאט און זיינע זאכין זיינען רעכט פארטיג · דר הערשר און דר הייליגער פון ישראל האט זיי גיוויזין זיינע וואונדר און אנטפלעקט זיינע טעמים און חדושים · אלע חודש זאל מען פארשטין דען שטארקייט פון גאט די הויכע בערג פון דער וועלט דאס זיינען די הייליגע אבות וואס פון אייביג זיינען זיא דיא שטארקסטע זייא בעטין צוא גאט דאס ער זאל בענטשין זיין פאלק מיט פריד און די קינדר ישראל זיין נאהענט פאלק און זיין פאר זאמלונג זאלין לעבין און זיצין מיט פריד אין זיין שאטין · און זיי זאלין גיין אין דעם ליכט פון גאט ער איז דער ערשטר מיט זיין לייכטין און דר הינטערשטר מיט זיין גוטס טאן און ער נעמט זיין פאלק ווידער אויב

לייזן

לייזין פון יצר הרע. ער וועט זייא דער לייכטין נאך זייער פינצטערנעס. ער וועט פון זי
אם טאג דעם צארין גלייך אזו וויא דיא לבנה וועט ווידער גיהויכט ווערין נאך איר
פינערונג. אליהו הנביא ריכט אויף דיא אבות אלע טאג איינציג וויים און וואשט
וייערע הענט און קליידעט זייא אן מיט זייערע קליידער זיי פרעגין אויף דער גאולה דאס
מען זאל די ערשטע און די לעצטע דאס איז די ישראל ווידער אהיים ברייננגען. און קען
לאזט זיי דרום קיין תפלה טאן בנאנד טאמער וועלין זיי מיט זייער תפלה ברייננגען משיח פו
דר צייט אויך די נשמות פון אלע די אנדערע חסידים און צדיקים בעטין אויך די וועכיגע
תפלות פון דיא דרייא אבות צום מולד פון ראש חודש ווערין זייא גיבראכט פון אלע זייטין
און אז די לבנה איז אין רעכטין מולד איז דא גאהענט צו קומען צוא דער ליכט פון דר זון
אבער וייל מיר זיינען טיף איין גיזונקען אין עבירות קענען מיר ניט רעכט תפלה טאן אום
ראש חודש. דאס עס זאל ניט פאר קיסט יוערין מיט וויינען און גיזאנג. אבר דיא נשמות
זיינען פרייא פון צרות זיי קאנען וואול פאר אונז בעטין און דרום האבין מיר גישטעלט אונזרע
תפלות אום ערב ראש חודש און מיר גייען ארום דאס בית עלמין און בעטין אויף קברי
אבות דאס זייערע רייד זאלין נאהינט און אן גינומען זיין. מיר ארום און עלינדיג פאלק
אונזרע הענט זיינען פאר שפרייט צו גאט מיט גוטע רייד דאס דו זאלסט אנטפלעקין דייגע
פר בארגינע סודות און גיב דיין פאלק פון דיין פיל פאר בארגענע גוטס און זאל פר דיר
באוויליגט זיין דיא תפלה פון דיא וואס שלאפין אין חברון און פון אלע די דא זיינען פאר
בארגין אין די קברים דאס פאלק וואס גייען אין דער פינצטער זאלסטו זייא דער לייכטין
אגרוים ליכט און אלץ דאס ביז זאל פון זיי פר מיטין ווערין פאר נעם און הער דאס גיבעט
פון די הייליגע נשמות דאס זייא בעטין און טוען תפלה פר דיר און זאלסט ניט פר שעמען
דאס גישרייא פון איין ארום מאן און ניפייניגט קער דיך און ווענד דיך צוא זייערע רייד
וועה אן דיא טרערין פון דיא פאר צוקטע און דאס גיבעט פון דיא חסידים און צדיקים און
העלף אונז באלד גאט אונזער העלפער און אויב עס איז אין אונז ניט דא קיין מעשים טובים
גידיינק אין די וואס זיינן פר בארגין אין דער ערד דאס זייא זיינען גאטס פארכטיגע גיוועזין
און מיך דיין קנעכט דאס איך וויקיל זיך איין אין דעם שטויב פון דיא הייליגע נפשות אין
בעט אויף דעם ארט וואו די הייליגע נשמות גייען ארויף זאל מיך פירין צין רוא און פריד
און שטילקייט און זיכערהייט דאס איך זאל אנטע רוא האבין ביז משיח וועט קומען דער
וואס זיין נאמען איז נאך גינעהענט גיווארן פר די באשעפענס פון דר וועלט איך בעט דיך
גאט דר הער איבר אלע וועלטין גידיינק דוא גאט דיין דער בארימקייט און גינאד דען זייא
זיינען גיוועזין פון אייביג אן דיין נעערדיגער זון אפרים זאל אונז גירעכט מאכין ער ווערט
גיפלאגט איבער אונזערע זינד און ער האט אויף זיך גינומען איין גיזעצטע צייט אים אריין
צוא ברייננגען אין איין אייזערנעם יאך און קייטין און מיט איין הארצליכע פרייד האט ער
אויף זיך גינומען פיין און לאסט פון דעם דער בארמיגין קיניג וואס ער איז פול דער
בארימקייט ער שטראפט דיא בעסטע און דיא שלעכטע לאזט ער שטיין דאס דורך אים
זאלין גיהאלפין ווערין די לעבעדיגע און אויך דיא וואס זיינען פר בארגין אין דער ערד פון
אדם הראשון אן און דיא אלע וואס זיינען שוין גיוועזן אויף דער ערד און אויך דיא אלע וואס
דו האסט בדעה גיהאט ערשט צוא באשאפין זאלין אלע מאל גיהאלפין ווערין דער בארעם
דיך איבער אים און איבער אונז און לאז זיין מחשבה וואס ער האט אויף זיך גינומען דיא
יסורים צו לייד זי גירעכינט ווערין גלייך אז ער וואלט שוין גיליטין פון דעם וואס זייא
האבין גיזאגט נעשה ונשמע. און דר בארים דיך איבער אלע באשעפענעס וואס גערין
דיין ווילין טאן און לייט זעליג אונז גאט לייט זעליג אונז העלף מיט דיין רעכטער האנט
זאך אונז ווידער קערין צוא דיר. גאט מיט איין אייביגע און גרויסע ליבשאפט און דער
גרייטער דאס ארט פון אונזער גיצעלט און לאזן זיך אוים שטרעקין דיא אום רינג פון

אונזער רוא פלאץ און אלע ראש חודש און שבת זאלין אונז די וָאלקין אויף הייבין פון די ערד ביז צוא דעם ארט פון דיין וואוינונג כדי מיר זאלין אלץ אין זיין צייט בעטין און אנטפאנג מיט דער בארימקייט און מיט ווילין אונזר גיבעט גלייך אז דיא בראנד אפפער און די שעכטונג פון לויב אפפער דען צו דיר איז דיא לויב איך בעט דיך גאט דאס אוים גישט האסטוא באשאפין גרוים און קליין דו גאט אליין האסט מיר דיין שטארקייט גיוויזין איידער איך בין נאך אויף דער וועלט גיוועזין און איידער מיין נשמה איז אין מיר אריין גיקומען און פון דיא ערשטע טעג און יארין האבין זיך גישטארקט דיינע ווארהאפטיגע גינאד איבער מיר און האסט מיך גידאכט איידער איך בין באשאפין גיווארין מיט איין גידעכעניס פון הילף און דער בארימקייט אלע צייט מיר צוא טאן גוטס און דוא האסט גוזר גיוועזין אין הימיל דאס איך זאל אויף דער ערד באשאפין ווערין און דיא צייט וואס איך זאל קומען אויף דער וועלט און האסט אנטפלעקט דיא גלגלים און מזלות פון מיין באשעפעניס דוא האסט גירופין דיא הימיל פון אייבין און די ערד פון אונטין און האסט פון ביידע איין באשעפעניס גימאכט און אין דעם שוואכין גוף האסטוא גיווארפין דיא נשמה וואס זיא איז איין חלק פון גאט פון אויבין דס זיא זאל בנאנד זיין אין דער חלק פון דער פרויא און איר מאן דער נאך האסטו מיך ארוים גיצויגין און אוים איין פאר צוקט הארץ האסטו מיך אויף דער וועלט גיבראכט און האסט אין מיר גיגעבין איין אטום און זייל און האסט זיא איבער גיצויגין מיט הויט און פלייש און האסט מיר דער צוא גיגעבין די ברכה פון פאטער און מוטער און האסט מיר גיגעבין טרינקען פון דעם איבערשטין טייך און דורך דעם האסטוא מיך גימאכט לעבין און האסט מיר גיגעבין חן אין דיא אויגין פון מיין פאטער און מוטער דאס זיי זאלין זיך מיט מיר במיהען און ליידן אפט צרות פון מיר און זאלין מיך טראגין אויף זייער ארום און האסט מיך גיפירט בייא די גוטע וואסער און האסט מיר גיגעבין דיין תורה און האסט מיך גימאכט פאר שטיין דעם גוטין וועג און דורך מיין פר שטאנד האסטו מיך גילאזט זעהן דאס ליכט פון עולם הבא און פיל צייט בין איך נאך גיגאנגען מיט ווילדקייט נאך דיא לוסט פון מיינע אויגין און האב נפלגט דעם יצה"ר וואס ער איז פאר בארגין אין מיר און פון דעסט וועגין האסטו מיר ניט באצאלט נאך מיינע ווערק נאך און האסט אויף גיהאלטין פון מיר דיין צארין · דאס איך זאל קענין תשובה טאן אויף מיינע זינד פיל ערליי צרות און בייזע בגעגענס זיינען מיר צו האנד גיקומען און פון אלע האסטו ווארהאפטיגר גאט מיך באשירמעט און וואס קען אזוא איין שלעכטע באשעפעניס צוריק באצאלין אזו איין מעכטיגין הער פאר איינס פון טויזינט מאל טויזינט און צעהען טויזינט מאל צעהן טויזינט פאר בארגענע גינאד וואס דו האסט מיט מיר גיטאן פון מיין יוגינט אן נאר דאס בעט איך דיך עס זאל זיין דער ווילין פר דיר גאט איבער אלע געטר הער איבר אלע הערין דר ערשטער פון אלע ערשטע און דער הינטערשטער נאך אלע הינטערשטע אזו וויא דו האסט אן גיהויבין צוא ווייזין דיין קענעכט דיין אכפערקייט און שטארקע מאכט און דיין גוטס און גינאד און גירעכטיקייט אזו אויך ווייטר זאל אויך דיין גינאד ביי מיר בלייבין דיויל איך וועל לעבין און לאז מיין לעצטע צייט בעסר זיין אז די ערשטע אזו לאנג אז איך וועל אויף דער וועלט זיין דאס איך זאל קענען תשובה טאן אויף מיינע זינד מיט גאנצין הארצין וואס איך האב פאר קרימט און פאר שעמט ביז איך וועל פאריכטין דאס וואס איך האב פאר דארבין און איך זאל ניט אוים גיין לער פון דער וועלט און איך וויל גלייך מאכין די פר קרימקייט פון מיין הארץ און איך וויל ריינינגין די אום ריינקייט פון מיין הארץ ביז איך וועל ווידער געבין צוא גאט דער גאט פון מיין פאטער מיין זייל די ריינע און קלארע און גילייטערטע זויא זיא איז גיוועזין פריער און זיא צוא בשירמען פאר דיין שטראף און גיריכט און זיא זיין צו מאכין אזו וויא גאלד און איידיל גישטיין · און איך וויל לערנען אן פר קרימקייט

דיין וועג וואס דיא זינדיגע קערין צו דיר אום . אונ לאז מיך ניט לער אוועק גיין פון דיר ווייל איך בין גיקומען צוא פארשטין דיין אן גיזיכט אונ ווען דוא ווילסט ניט טאן פון מיינט וועגין טוא עס פון וועגין די דרייצעהען מדות וואס דו האסט גיזאגט אויף דעם בארג סיני דאס מען קערט ניט לער פון פר דיר אונ דורך זיי קענען די רשעים גיהאלפין ווערין זיא זיינען פון אייביג אן גיוועזין אונ דיין האנט איז אויס גישטרעקט אונ אויף גיהויבין צוא אנטפאנגין די תשובה דאס זיי זאלין ניט ליידיג צוריק גיין אונ זיא זאלין גיפינען זעליקייט פון פריד פאר דיין אן גיזיכט מיט זיסקייט פון דיין רעכטע האנט אויף אייביג אונ זאלסט זיי דער פרייען מיט דעם בית המקדש וואס וועט גיבויט ווערין אין חלק בנימין :

השבעתי איך באשווער אייך איר הירשארן דער הימלען איר טעכטער פון ירושלים. אז איר וועט מיין פריינד פינדען רעט מיט אים פון מיינט וועגין. אונטער לעהענט אונ דער קוויקט מיך דען איך בין קראנק פון ליבשאפט . איר דר בארמיגע ענגלען אייבערשטע דינערש בעט דאך פאר גאט מיט די בעסטע רייד איר איין ברענגערש דיא דער בארמיקייט ברענגט אונזער דער בארמיקייט פאר דעם הער פון דער בארמיקייט . איר מאכט הערין דיא גיבעט ברענגט אונזער גיבעט פאר גאט נער דיא גיבעט דער הערט . איר איין ברענגערס דיא טרערין ברענגט אונזערע טרערין פאר גאט דר זיך לאזט באווילינן מיט טרערין . איר הייליגע הויכע דינערס דיא איין שבועה קענען מתיר זיין אונ דיא קנאה מבטל זיין אונ מאכין גידענקען זכות אבות פאר גאט דער דא וואונט אין הימיל דער דא הייסט ערבות. אז זיא זעהען דאס גאט צערינט איבער זיינע קינדער זאגין זיי צו אים זיי זיך דאך מתיר דו גאט דער אלעס פון אנפאנג האט באשאפין . זיי דאך מוחל דו שטארקער גאט פון יעקב. פאר גיב זיא דוא הייליגער גאט פון ישראל. ווארום ווילסטו פיינדשאפט האלטין מיט דיא קינדער פון דיין פרומען אברהם. ווארום ווילסטו צערניג זיין איבער די קינדער פון יצחק דער דא האט זיך גילאזין פאר דיר בינדען. ווארום זאלסטו פיינדין דיא קינדער פון דיין אויפריכטיגען יעקב . איר הויכע אונ נייער מעכטיגע מיכאל אונ גבריאל. בעט דאך פר אייער איין זאמלונג דאס נאך איבעריג איז. זיא זיינען דאך אייער פאלק פון די קינדער פון יעקב דר אויך האט גיהייסין ישראל . ריכט אן איין ליבליך גיבעט רפאל אונ הדרניאל. אונ איר טויזענדיגע ברענגעדיגע מלאכים הייליגט אייך אונ רופט צו מיין שטארקין גאט. אונ די חיות זאלין מיט אלע מייעדער איין גיבעט אן ריכטין צוא גאט מיין קיניג. אונ מטטרון זאל זיין שטים דערהויבין אום מיט רעכטפארטיקייט צוא גידענקען דעם זכות פון דיא אבות אונ אמהות אונ דיא גינאד דער יוגינד. אונ דיא דא זיינען ווארין דערשלאגין אונ אין ברענעדינן פייער פארברענט אונ מקדש השם צוא זיין מיט איר קראפט אונ זייל. דיא זאלין זיך מיט אלע אירע קרעפטין דער וועקן . אונ דיא ריינע תורה די מיט דער מונר דאס פאלקס הורך גילערינט ווערט. זאל זיך דער וועקין אום איין זכות צו לערנען אויף אלע צו גלייך אונ אויף יעדין בעזונדר פון דאס פאלק די דא גייען אין דר פינסטער טרויעריג אונ בטריבט. פון וועגין פיל ליידי אונ גיברעך . בעט דאך פאר מיר צו גאט דר מיך האט גישפייזט פון מיין יוגינט. אונ האט מיר ביז אויף דעם היינטיגין טאג ביי גישטאנען, דס ער זאל דאך מיט מיר חסד טאן אונ זאל די שטים פון מיין גיבעט דער הערין. דען איך האב צו אים מיינע אויגין אויף גיהויבן, אין דאס ער זאל זיין דער בארימקייט דער וועקין איבער אזו איינס דר דא קלאגט אונ זיפצט איבער זיינע זינד. אונ האט חרטה אויף זיינע שווערע זינד. איבער אלע צוא גלייך אונ אויף איטליכער בזונדער. אונ שטייט אונטער דעם הימיל מיט צו בראכענע לעבן. אונ זיין

האט איז אים געשטראקט גלייך אז איין ארעמער דיר פאר די מיר שטייט. און דר גאנצער וואס איז קראנק און די גאנצע אקסיל איז צו פליקט. פילייכט נעמט זיך גאט איבער דיא
הירשארין איבער אונז דער בארעמען און וועט אונז טאן איין צייכין צו נעמען :

ואתם און איר הייליגע און ריינע נשמות דיא פון אונטער דיין כסא הכבוד זיינען אב גישניטין · איר זייט אויך איימיל גיפלאנגט גוועזן אזו וואול אז מיר וייל איר זייט נאך גיוועזן אין דיזע פאלשע וועלט. און דורך דעם באפעל פון די וואכענדיגע און הייליגע מלאכים זייט איר פרייא גינאנגען אין אזו איין עולם וואו קיין דיגין און פאלשקייט איז. און פון דען לאסטיגין שווערין יאך און קורצין אטעם פון וועגין דען שווערין און אנגשטיגין ארבייט. זייט איר ארויס נגאנגען אום צו שטיין דינן אין דעם גארטין פון גאט אין אזו אלאנד וואו קיין גיפלאנטער און בליידיגטער מענטש איז דורך גיפארין · און נון זייט איר איצונד אז דיא שטערין פון הימיל און אז די אייבערשטע בשעפענעס. און גאט האט אייך נאך דער צוא גיגעבין אום אייך צו זעצין אין פרבארגענעס דאס אייבערקטן אין שאטין פון דען אלמעכטיגין וועלכם קיין אויג פון איין בשעפעניס האט גיזעהען. אום צוא זעניפטיגין מיט תענוגים פון די לויטערקייט פון דעם אלמעכטיגין. מער אז גנוגן. און צוא ליבין און פרייזין און דער הויבין און בשיינען און הויך לויבין אנדער שאצונג. און לויב אין דר הייבונג צו געבין אן דם הער איבער אלע זיילין. זייא גרייבין פרייד און לוסט פון די לויטערקייט דר אייבערשטע נענעפמקייט · יעדר אין זיין חופה און אין פאליש דרצייל די עהרע פון גאט. פון וועלכין מיר קענען אין דיזע וועלט קיין גלייכענעס דר פון גרייכין. און איד ווייסט דאך וויא עס גייט מיט דעם יצר הרע דער ביי אונז קומט צו וואונען און איבער פאלט אונז אין אונזער ארמוט. און הערשט איבער אונז אום אונז צוא פר היגרערין פון גיגאד און ווארהייט. און גלייך אז מען וואלט אונז אויף לאדין איין בארג פון דרייא סייל. דאס מיר ניט קענן בצווינגען אזו איין הויכין בארג. דער דא איז אז איין בארג איבער דעם אנדערין און איין הייך איבער די אנדערע. און מיט אל די ווארנונג וואו ארויף דיא תורה האט אונז גיווארינט אום דיא שפענדליך דיא צוויסן אונזערע צויין שטעכן ארויס צוא ניגמן, אזו אויך דעם באלקין דער דא ליגט צווישן אונזערע אויגין. דאס איז מען זאל זיך אזו וואול היטין פר איין קליינע עבירה אז פר אגרויסע. קענען מיר דאך ניט באשטיין קענען דעם יצר הרע דער ביז פון נאטור איז · אין איין וועג נייען מיר צוא אים און אין זיבין וועגין לויפין מיר פון אים אוועק. און ווען מיר זאלטין די בערג דורך לעכערין אום דעם יצר טוב צו מאכין גיוועלטיגין איבער דעם יצר הרע. און מיר זאלטין גידיינקן דעם ביזין טאג פון דעם יצר הרע. זא פילן מיר אלערלייא שלעק און פלאג אן אלע אונזערע הייבטער גלייך וויא דער נביא ישעיה האט גזאגט. דען ער שלאגט מיט פיילן קענען אונזערע מויערין און שטרייט איבעראל קעגען אונז. און וואס נאך מער. דאס דיא וועלט האט ער פארפינסטרט אום אונז. פון וועגין די פיל מידיקייט און טרויעריקייט דיא איבער אונזערע הייבטער זיינען גיקומען. און איין עברה ברייננט די אנדערע מיט. און אויך גרים צארין און לייד ביז דאס מיר זיינען פאר אירט אויף די ערד און גיפאנגען און פרשלאסין. דיא טעג פון אונזרע יארין זיינען ווייניג און בייזע זוא דאס מיר האבין ניט צייט גינונג צו פאר בעסערין וואס מיר האבין פר קרימט · מכל שכן אונזערע קינדר און די קינדר פון אונזערע עלטערין. עס וואר דאך בעסער דאס מיר ווערין ניט באשאפין אז דאס מיר זאלין באשאפין ווערין צוא איין טאג פון לייד און גרים צארין. און אין אמת זיינען מיר גיקומען אין דיזע וועלט אום אלע צייט נאך מער גוטס צוא טאן. און דער נאך אין הויכע מעלות צוא קומען. און מיר האבין די מאכט ניט צו קענען גינוגן טאן דעם ווילין פון מיין פריינד הקב״ה. און ניט אליין דאס מיר ניט מערין גוטס צו טאן. מיר איבער צווינגען אויך ניט דעם יצר הרע. און מיר היטין אונז ניט פאר דעם פיינד דער אונז באשולדיגט. ניייערט מיט

גייען אלע אין איין גאנג. דען ערסט קומט דער יצר הרע אז איין גרעסער גאסט, ער שטעלט זיך קליין אין און וויך אז איין נאר און אלע יאר וואקסט ער גרעסער אז אבוים און צום לעצטין ווערט ער אהער. און אזוא הארט אז אטענען בוים אין טאלד, און אונטער צוויסין ווערט אונזער ביין גרעסער, אז די צווייע ביינע קנעכט די וועספף און כדער צנריש. דען ווען די צווייא צו גלייך בייסין דער קען ניט גיהיילט ווערין, דען צו איינם זיינן גוט ווארעמע זאכין, און צו דעם אנדערין קאלטע זאכין, און ווען די צוויא צו גלייך בייסין צו דעם איז קיין רפואה, אזו איז אויך דער יצר הרע און דיא צרות די איבער אונז הערשען, און ווען שוין ער איז אונז גיגעבין אום דורך אים איין לוין צו אנטפאנגען, זיינען מיר דאך פון איין הויך פר נידערט און צו בראכין גיווארין. און דר לוין איז חידר אוועק גיגאנגען אין שארין דורך דאס ווערק פון דעם יצר הרע דער דא ווערט גינענט איין אלטער און איין נאר ער איז דער שטן ער איז דער יצר הרע ער איז אטייטיל חניפות און שאלקהאפטיקייט און זיין מונד רעט אייטיל באטריגערייא. ער האט אונז אזו ווייט פר פירט ביז מיר האבין גימוזט אין גלות אריין גיין נאך גלייך וואול האבין מיר גיט מוטוויליג גיזינדיגט דאס מיר זאלטין חדיבער מוזן דין לידין דען מיר זיינען גיצוואונגען און פר פירט גיווארן, דורך די איבער לאסט די אויף אונז זיינען גקומען און דאדורך האבין מיר גיזינדיגט, דרום איר נשמות פון גאט אין הימל, פארשט פאר אונז צוא גאט. שטעלט אייך און מאכט אייך בריים. דער וועקט אייך און שטייט אויף און בעט גיט דורך דעם הויכין וועג דאס איז די הייל וואו די הייליגע אבות זיינען פרבארגין. שארט אייך איר הייליגע שארן, איר רעכטפארטיגע גירעכטע און פרומע מלאכים רינגלט ארום דעם שטול פון דער בארימקייט וואו חדויף זיצט גאט דער דא איז איין דער בארמיגער קיניג פולער דער בארמיקייט, און שרייעט אום אונזערט ווענין פאר גאט און פון ווענין אונזערע קינדער און גיבירד און אלע גיבירד דער זאמען פון ישראל דיא אוים דעם בית המקדש זיינען פאר טריבין גיווארין. באטיט אייך און טוט אום אונזערט ווענין פיל גיבעט פאר גאט דעם קיניג דער דא איז הויך דערהויבין. איר די רעכט פארטיג זיינען אין אירע הערצער די אירע ווענין גיט האבין פארקריקט, צם די אויך די זעלבינע די נאך ניט זיינען אוים איר שוקד און זיינען נאך ניט פרייא גיקומען. דיא ווערין אלע טאג דרייא מאל פר קערט פון צארין צוא דער בארמיקייט און אלע ראשי חדשים און שבתות אלע צייט ווען ישראל זאגין אמן יהא שמיה רבא דער פרייען זיא זיך, און אן דיא ראשי חדשים אז די שכינה גייט מיט אונזער פאטער יעקב דער גירעכטער און אויף ריכטיגער מאן אום צוא אנטפאנגען די נשמות מיט איין אן גיזיכט פון דער בארמיקייט, דאס זעלבינעס מאל בוקט זיך דיא נשמה און ווינט און דאנקט גאט, און בעט און שרייט פאר דעם גוף דער אין דינע וועלט איז גיבליבין, און זאגט דעם מזמור ברכי נפשי לדוד מיין זייל אן גאט און זאג גאט מיין גאט דו ביסט זייער גרוים, און האסט אונטער שיידין צווישען הייליג און אונהייליג. דען זאלט איר ניט שטיל שווייגין פון צוא בעטין פאר גאט דער דא הערט צוא דיא גויט בארעמפיגע. מיר ווייסין וואול דם ווען די טויטע וואלטין גיט בעטין פאר דיא לעבעדיגע וואלט די וועלט נים קענען באשטיין אפילו איין האלבין טאג. און די אבות אין קבר זיינען זיך מצער ווען עס איר פריינד איביל גייט. און ווען דיא לעבעדיגע גייען אויף די קברים און טוען דארטין איר תפלה מיט צוא בראבענע הערצער, אדער זיי מאכין דארטין איר צער בעקאנט אויף די קברים פון דיא ריינע נשמות. דען גייען די נשמות גישווינד און מאכין עס בעקאנט איינע אן דיא אנדערע און דען מאכין אלע צוא גלייך בעקאנט אן דיא אבות דיא דא שלאפין אין חברון דיא צרות פון ישראל די דא זיינען גיגליכין צו איין ליליע דער דא וואקסט אין פלוין

און זיי אײלין זיך צוא בעטין דיר גאט דער דא איז הויך און דער הויבין. ביז ער פאר גיבט איר זינד, און איצונד אויך בעט דאך פאר גאט און גייט אויף איר מאגען איר הייליגע ריינע און רעכטפארטיגע נשמות, און נעמט רייד מיט אייך און בעט פר אונז צו גאט, מיט דיא שטארקע אבות די דא שלאפין אין דיא מערת המכפלה און מיט דיא ראשי ישיבות און אנדערע רבנים דיא דא זיצין אין דיא פארבארגענעם דאס אייבערשטין און איבער געכטיגין אין שאטין פון דעם אלמעכטיגין. יעדער נאך זיין אבפערקייט און עהרע וואס גאט האט אים גיגעבין דאס זיין הערליכע וואונונג און רוהע איז אין דיא דיקע וואלקין. אין איין פאר זיכערטע רוהע און שטילע וואונונג. אונטער דעם רייט וואגין פון גאט און טויזינטין פון מלאכים. און מיר קענען די זאכין ניט גלייכין צו איינערלייא זאך וואס אין די וועלט אום גייט אזו ווייניג אז די אויף די ערדרייך וואונען קענען פארשטיין איין זאך וואס אין וואסער אדער אין די מדבר איז. זיי גייען פון איין חברותה און בית המקדש און ישיבה צוא די אנדערע. גלייך אז דיא ענגלען פון גאט די ארויף און ארונטער גיין אין פונקין פייער און ברענענדיגין פלאם. און פייערדיגע רייטוואגען און גילדערנע קאטשין, זיי נייען ארויף און לערנען און וויסין און פארשטין גרויסע זאכין פון דעם אויבערשטין קיניג דער דא איז דער ערשטר פון אלע אורזאכין. צוא זעהען דיא זיסקייט פון גאט און צוא פארשטין אין זיין פאליש מיט ליבשאפט. דיא פענסטער זיינען פאר זיי גיעפינט אום צו זעהען פיל גוטס דורך איין ליכטיגין שפיגיל. און זיי רוען אין איין פאלאץ די בעסער איז אז דיא פון די מלאכים מיט רוהע און שטילהייט, דער חשובר איז אז זיין חבר דעם האט גאט איין גרעסערין לוין און פאר געלטעניש גיגעבין און באגערט אים ליבער אז נאר די בראנד אפפער. אבער ווייל די צדיקים קענען אויף יענער וועלט ניט מער מעשים טובים טאן דארום קענען דיא טויטע ניט גאט לויבין, דאס זייא זעלטין מיט דעם נאמען פון יה גאט דינען און מיט אירע ווערקין וואס אוים ריכטין. דאס זייא קענען זוכה זיין דורך דיא ווערק פון עולם הבא צוא דעם גאנצין שם פון גאט גלייך וויא זיא זוכה זיין אין דיזע ווערקליכע וועלט. און דארטין זיינען ווייניג די דא קענען גאטס גיבאט האלטין, גייערט דורך דיא דערוועקוני. פון דיא נידעריגע וועלט האבין מיר די מאכט צו קענען איין גרויס ליכט מאכין צוא לייכטין אז איין פלאקער אין הימיל וואו פינסטער און טונקעל איז. און אויך זיך צוא פארלוסטיגין מיט פיל גוטע זאכין און אים צו ברייגען אויף איין שטארקע הויכע שטאפיל. און גאנץ אינוויינינג אריין צוא גיין אין איין ארט וואו וואלקין און געביל איז דורך די גוטע ווערקין און דאס איינער נאך זאגט דברי תורה אין נאמען פון דעם ער האט עס גיהערט וואו דורך אייערע לעפצין רידין זיך אין קבר. גלייך אז וען איר האט עס ועלבערט גזאגט ווי עס באשאפין איז. גלייך אז איינער דער נאך איז אין דיזע ווירקליכע וועלט אז נאך די נשמה אין אים איז מיט זיין לייב און הויט. און גלייך אז איינער דער נאך שמייט מיט זיין אטום און זייל און פלייש. אום נאך מער גוטע זאכין אוים צוא ריכטין און צו קומען פון איין מעלה צו די אנדערע אבער ווייל מיר האבין די מאכט ניט אום אלם גרונדיג צוא קענען פארשטיין, ווייל מיר ניט וואול ערפארין זיין אין אלע אייערע זאכין, און וען שוין דעם איינעם זיין רייד גאנץ קלאר זיין און פון דען אנדערן ניט. זוא זעלט זיך דם ניט שיקן און ווער אויך ניט ביליך אום דם צו פאר שעמען דער אנשי אונז די זאך ניט אזו וואול פרשטייט צום לעצטין אז אין אנפאנג. דרום דענקען ס״ו ום עם איז בעסער דאס מען זאל זיך היטין פון הייליגע און גילערנטע מענשין מבייש צו זיין גלייך וויא מען מוז זיך היטין ביי די הייליגע קרבנות. ווייל איר האט אלע צוא מאל פיל לייט מזכה גיוועזן און גרעכט גימאכט דורך אייערע ווערקין. און האט גילערנט אונטער ישראל רעכט

פארטיגע גוטע און גוטע גידיכט. און דרום דער וועקט זיך דאס אלע צייט דס ווען איינער
וואס מאנגעלט גינעהגט ער צו נאט גליך אז דיא גיליבטע קינדער וועלכם ליבשפט קיין פיל
וואסער קענן אוים לעשין און ווען די לעבדינגע קענן די נשמות פון די טויטע ארויף ברייננן
און מנוחה זיין, נאך פיל קענען די טויטע מנוחה זיין דיא לעבעדיגע רוחה איד גיבעט
און גוטע פאר שפראך דען איר היקף קומט באלד און איר גירעכטיקייט ווערט אויפן
בארט. און נון מיר די גימיינטע פון נאט קומען איינר ביי דעם אנדערן און זאגן פר גלייכט
אייך און גייט ביי אנאנדער. זוכט גירעכטיקייט זוכט דעמוטיקייט און פארשט נאט און
יעדר זאל זיך איילין גוטע ווערק צו טאן, און איך דער גרינגער און שלעכטער מענש דער
דיא נילושטיקייט פון זיין יצה"ר נאך לויפט. און פון דאס מארגינס אן היינגט ער זיך אן
גרויסע שווערע זינד און גייט דס מיינסט נאך זינד און קריג. און באנגערט אויך ניט ווייניג
טעס צו טאן, און פאר ענטפערט זיך אויף זיין זינד גליך אז דער בליגדער מיט דען לאמן.
און ברענגט דאס גאנצע יאר אוועק מיט איטיל שבת און יו"ט און לידיג גיין. און דיא
ליבליכע לוסט נעמט ביי מיר שטערק איבר האנט. און היינט בין איך גיקומען אום מיך צוא
באדענקען. זוא זאג איך צו מיין הערץ און גליד קומט און טוט תשובה ווען איר ווילט. און
וואס מיר איז ביי נאכט אין מיין גידאנקען פאר גיקומען דאס האב איך וואול אין אכט גנומן
איצונד האב איך מיין זאך וואול איבער לייגט. ווייל איך האב גיזעהן דאס איך בין שוין ביי
יארין גיקומען און בין נון אלט און גרייז. און בין טיף אין זינד פר פאלין. און האב באטראכט
אל מיין אום גאנג און האב מיך ניט באפונדין אין ארעכטפארטיגין ווענ צוא גיין. נייערט
ווען שוין דיא זון שיינט בין איך אין דער פינסטער גיגאנגען אז אנאר. איצונד בין איך
איטטעניג פאר קילט גיווארין פון דיא היץ פון מיין זינד. זוא בין איך ווידער צוא מיין ווענן
גיקומען גליך איין משוגע דער ווידער צוא זיין פארשטאנד קומט. און איך זאג צוא מיין
נייל ביינ דיך נידער און מיר וועלין בוקנדיג מיט איין נידעריג גימיט גיין גליך אז איינער
דער דא גייט אויף אלע פיר און קריכט אויף דעם בויך. ביז זיך דיא גלידער דיא אין
יוקין זיינען פאר שטאפט און דאס מען עס אן דאס הארץ ווערט רעכט קענין אן זעהען.
און איך נייל אויף שטיין און וויל אין די גאסין און מארקין ארום גיין פיליכט וועלין
מיר פינדין דער זיך וועט איבער אונז דער בארמען. דאס ער וועט פאר אונז אנוטער פיר
שפרעכער זיין אום פאר אונז צו בעטין ביא נאט דער דא איז דער בארמיג און גינעדיג.
און איך האב מיינע אויגין אויפגיהויבין קעגין דעם הימיל און די שטערין און די מזלות
די דרינגען זיין. און מיינע הענד זיינען אוים גישפרייט אז איינער דער אשרעק אויף זיין
לייב קריגט. און מיינע פיס זיינען אוים גישטרעקט אז איין בהמה די אויף אירע קלאחען
שטייט. און ווארף מיך פאר יעדין באזונדער נידער. און קרעכין און שרייא ביטערליך אום
מיך נידערכט צו מאכין. און הערט איר הימיל און פאר נעם די ערד. און בעט פאר מיר.
און קלאגט פר מיין הער. אבער זיי ווערין מיר אזו ענטפערין. און די ערד וועט איר
שנד עפענען אום מיך צו לאזין הערין. און ווערין זאגין איי מיר זאלין פר דיר בעטין, וועלין
מיר ליבער פאר אונז בעטין. איי די טעג ווערין קומען דס מען וועט זאגין די הימלן זיינן ניט
ריין אין זיינע אויגין. און די ערד האט אין אנפאנג פון איר באשעפענעס ניט גיטאן וויא
מען האט איר גיבאטין. און אז דער מענטש האט גיזינדיגט איז זיא פון וועגין זיין
מוטוויליקייט אויך נידאכט גיווארין פון וועגין איר זינד. און וויא זאל זיא דען זיין איין
פיר שפרעכער ביי זיין הער. איך בין גיגאנגען צו די ימים און בעך און בערג און הייך
און טיין גערטין און וועלדער און פעלדער און טאל. און זאגט לאז דאך איינער פון אייך
גוט ווארט פר מיר ביידין איי די בייזע טעג ווערין קומען. אבער דר אבגרונט זאגט איך
האב דיא מאכט ניט. און דאס ים האט גיזאגט איך קען דאס ניט טאן. און אויך דודן
די ווייסטנייי און בערג קען איך ניט ניהאלפין ווערין דען זייא אלע זאגין מיר האבין גינוג

מיט אונז צוא טאן אום אונז זעלבסט פרייא צו מאכין, אז די צייט וועט קומען דאס מען וועט אן אונז גידיינקען, אזו האב איך ארום גישוועבט אין דיא גאנצע וועלט און האב קיין רעכטין פיר שפרעכער גיפונען דער דא קען פארשטיין אום אגוטע צייט ווים גוטס פאר מיר צו שפרעכין גלייך וויא איר נשמות פון דעם הויכין גאט די דייבליך בעטין און פר ענדערין די הייכע גזירות אום זיא צו פאר קילין און שטילין, דען איר בלייבט אלע צייט לעבעדיג און באשטענדיג אויך נאך דעם אז די וועלטין ערנייט ווערין, און אין אלע צייט און שטונד זענפטיגט איר אייך מיט גרויסע תענוגים מיט דיא בעך פון ריינען באלסום און גווערץ בערג, און נאך מער אנדערע זעניפטיקייט וואס מיט די ניילין ניך פארלוסטיגין וועלכעם פון קיין לייבליך גזיכט קען גיזעהען ווערין און מיט קיין אויער קען גהערט ווערין אז נור אליין אייערע הערליכע אפענע אויגין די דא קענן זעהן און פרשטיין די אייבערשטע סודות פון דיא שמות פון גאט וואו דורך זיי אל די וועלטין בויען, דרום בין איך איצונד גיקומען אום צו בעטין פר מיין פאלק, מיט שרייען און רופין אוים די טיפענים דם הערצין און שווערע ארמוט און פיין און נידעריקייט. דען וויא זאלט איר קענען צוא זעהן דען שלעכטין צו שטאנד פון די קינדער פון אייער פאלק און די פרלירונג פון אייער גיבירד דרום טוט אייער בעשט פון מיינט וועגין אז ווען איר זעלט פאר מיר שוחד געבין גלייך אז די פייער אפפער. שטארקט אייך און זייט העלדין און בעט זייער פאר מיר צוא גאט דער דא האט גירוט פון אלע ווערק, און אז איר קומט אין שבתות און ראשי חדשים אין אייבערשטין גן עדן פר גאט דער דא וואונט אין די הימלען, זאמילט אייך ביי אנאנדר מאנען און ווייבער און בעט פאר אונז ארעמע און שלעכטע מענשין, און שווייגט ניט שטיל פון פיל ניבעט צו טאן פר גאט איבער אלע געטער און דער הער איבער אלע הארן זייט געהערט איר געהרטע און רוט איר רעכטפארטיגע פרומע מאנען און נייבער דיא אלע כנראבין זיין. מיר נועלין פון היר און איר פון דארטין בעטין דאס מיר מעכטין גיבענטשט ווערין, און מיר וועלין אן רופין צוא גאט דר דא וואונט ביי די פאר שטויסענע דאס אייער זכות זאל באשיצין איבער די גאנצע שטאט. און מיר וועלין מיט נידעריקייט בעטין פאר אייערע ניילין דאס מען זאל זייא ארויף ברייגען אין אהויבע שטאט. און דאס איר זאלט באלד ווידער לעבעדיג אויפשטיין מיט אל די צו אייך גיהערין. און זאלט זוכה זיין ארויף צו קומען אונטער די פליגיל פון די היילגע ריינע חיות און צו זיצין אין די פרקרבנים פון דען אייבערשטין דר דא לייכט אויף די ערד און די דריגען וואונען און די דרברמינר גאט איך וויל פאר דיר בעטין אבינט און מארגינס און מיטאג באשירעם מיך דאך דען דיא טאשערין זייגען גיקומן ביז אן די זייל און אין אלע צייט פון צארין זאקמטו מיר ביישטיין. קער ווידער צו אונז אום ווילין דיין קנעכט דיין ערבליכע גישלעכט. דוא גאט טוא עס ניט אום אונזערט וועגין נייערט אום ווילין דיין נאמען, און ווען שוין קיין וואראהאפטיגע מער אונטער די מענשין זיין. זאל זיך דאך די מאכט פון גאט דער וועקין גלייך אז פאר מאלט די אלמעכטיגער גאט ענטפער אונז אין לייד דען קיינער קען גאט אויף האלטין און זיין מאכט איז ניט צו קורץ. און ווען גלייך מיר זייגען זינדיגערס און זייגען צוויסין אן רייצערס גיוועסין, און זייגען דורך זיי גישטרויכילט גיווארין מיט פיל זינד דרום זעה גאט די פיין פון דיין קנעכט און טוא אב פון מיר דיין רוט. גידענק אן מיין פיין און קלאג און זאג צוא מיין לייד עס איז גינוג. מיין זייל צוא שמערצט פון טרויערקייט און ווייכט ניט הינטער זיך. און גייט אז איינער דער צום טאנץ גייט פון וועגין דיין היילגין נאמן, מיין הארץ און זייל און גוט מיט אנאנדער. און זאג גאט אונזער גאט איז איין איינציגער גאט. און איך קלאג ניט און גידיינק ניט קעגין דיין מדת הדין. עס זיי דו טוסט מיט מיר חסד אדער משפט טוא איך פאר דיר גאט זינגען און לויבין, און זאג גילויבט איז ער דר וום זאגט און טוט עס און ער רעכינט די גידאנקען אזו וואול אז דאס ווערק און גיבעט דער פר אלוין אט

וען עס טאר גשעהן, מיינע אויגן זיינן נדהויבן צום הימל און רינען איבער מיינע ויט נאט העלף מיר דר פון און זיי בארג פר מיר. איך בין גירעכינט אז די טויטע דיא פון עלים פרייא זיינען, איך בעט דיך נאט בשירעם מיין זייל. גיב דיך און העד דאס קלאג פון מיין ארעמע זייל דען זיא איז גיוועזן אז אטויב די זיך לאזט אן לאקן, און זיא איז פרשטויסן אז אשטרוי פון דעם ווינט. און אז אשפריי וואס דער שטורעם ווינד פאר יאגט. און אז אקאלב עס איאר אלט איז דען דער נאקן ווערט גיבראכין, און אז ארויטע קוא פון צווייא יאר די פרברענט ווערט. און לוגט צו דיר פון זייטין און פיפקט מיט שלאפע לעפצין אז וען זיא ווערט פר ברענט אין פייער און פרשניטין מיין זייל איז גיבוקט צו די ערד מיין גישטאלט איז פינסטער אז אקויל מיין אן גיזיכט און שוינהייט איז פאר דארבין און איז קיין מענשין גלייך. מיין בראך איז אזו גרוים אז דאס ים. און עס איז קיינער דער מיך קען היילין, דרום האב איך צו דיר מיינע אויגן אויף גיהויבין, שטיי אויף צוא אונזער הילף און העלף אונז אום ווילין דיין נאמען. לאז דיין רעכטע האנט העלפין און ענטפער אונז. און מיט דיין דער בארמיקייט קער דיך צוא אונז. דו ביסט דער נאט פון אונזער טייל און גורל וויפיל זיינען נאר די טעג פון אונזער לעבין. וען וועסטו אונזער ווידער פון די אבגרונד דער ערדין ארויף ברייגגען. באצאל אטרייסטונג פאר דיא טעג פון אונזער טרויערקייט. דו מעכסט דיך דאך ווידער איבער אונז דערבארמען און אונזערע זינד פרבארגין, וואָרף אונזער זינד אין די טיפענעס. און פאר דארב אונז ניט גאנץ און גאר און קער דיך צו אונזער גיזאנג און גיבעט. די נידריגע מאך הויך און די הויכע מאך נידריג. דען ביי נאט איז די הילף און די דערלייזונג. און דיין פאלק וועט דיך אלע צייט לויבין ;
ואני און איך טוא גיבעט פאר דיר אין אבאוויליגטע צייט מיט כוונה פון מיין הארצין
און מיינע אויגן און אוישין ווייניגסטע גלידר. און איך בוק מיך פר דיר מיט פארכט און שרעק און ציטערנעס און אנגשט און דער שרעקעניס און מיט צו בראכענע לעדין. מיט אוים שפרייטונג מיין הענד. מיט אצובראכין און צוא שטויסין הארץ וואָרף איך מיין גיבעט פאר דיר דס דו זאלסט אנטפאנגען מיט דער בארימקייט און ווילין מיין גיבעט און זאלסט טאן מיין אן היישונג און מיך לייט זעליגן מיט אנאב אום זאנסט מער אז דאס רעכט מיט בריינגט וען איך עס שוין ניט ווערט בין גלייך וויא דו האסט גזאגט און איך וויל לייט זעליגן דעם איך וועלין לייט זעליגן וען שוין ער איז עס ניט ווערט. און לאזין דיין דער בארעמקייט איבער דיין מדות הער גיין און עפין מיין הארץ אין דיין תורה. זיא זאל באוואָרט זיין אין מיין מונד. אוז גיב אין מיין הארץ צו פאר שטיין און צו קלינגען צוא הערין צוא לערנען און ווייטער צוא לערנען צוא היטען צוא טאן און צו באפעסטיגין אלע די רייד אין די לערנונג. דיינער תורה, ... ליבשאפט. און היט מיך פר אלע זינד און אונגירעכטיקייט און שולד און בייזקייט. און דאס איך זאל ווייטער ניט זינדיגן קעגין דיר און קעגין קיינעם פון די באשעפענעס די דוא האסט באשאפין אין דיין וועלט. און פאר גיב מיר אלע מיינע זינד און זייא מיר מוחל אלע מיינע אונגירעכטיקייט און פאר צייע מיר אלע מיינע מיסטייט. אויף די גרינגע און שווערע. אויף די אויפין בארע און פאר באהאלטענע. אויף די באקענטע און פאר הוילענע די איך האב גיטאן עס זייא מיט מיטגרייפונג אדער מוטוויליג. געצוואונגען אדער מיט ווילינש און מיט טעטיג מיט ווידער שפעניקייט און מיט פליים. עס זייא מיט גדאנקען אדער מיט זעהען מיט הערין. אלס וואס איך האב קעגין דייר גיזינדיגט און אונרעכט און מיסטייט געטאן. ... זאלסטו אלין פון מיר אב טאן און פאר צייען און אב מעקין

פיט

מיט דיין פולע דער בארעמקייט אבער ניט דורך פיין און בייזע קראנקייטען . און גיב מיר אין הארצין אום דיין ווילין צוא טאן און פאר דיר איין רעכטע תשובה צו טאן . דאס איך זאל קענען אין פרידען לעבין אין דיזע וועלט אום דיין ווילין צו טאן מיטין גאנצען הארצען . און ריכט אויף מיין מזל און דער הייב מיין שטערין און לאז מיך זוכה זיין צו עושר און כבוד . און שיק ברכה און הצלחה אין אלע ווערקין פון מיינע הענד און אין אלע מיינע געשעפטין און זאכען . און שפייז מיך און פאר זארג מיך מיט דער ווייטערונג און ניט גינויא . מיט כבוד און ניט מיט פר שעמהונג . מיט רוא און ניט מיט מיא . מיט שטילהייט און ניט מיט צארין . מיט רעכטין און ניט מיט אונרעכטין און לאז מיך ניט באדארפין צו דיא מענטשין גאב און אויך ניט צו איר לעהונג . און דם איך מעכט אן מיין טיש זיצין מיט פריידין און כבוד מיט מיין גאנץ הויז געזינד . און דאס איך זאל ניט האפין אויף אנדערע לייטענש טיש . און דאס איך זאל אן קיינעם גייטיג האבין צוא דינען . און באשירעם מיך פאר ארמוט און נויט באדערפטיקייט . פאר דלות און שפלות . און דאס איך זאל זוכה זיין געסט איבער מיין טיש צו האבין . און גומל חסד צוא זיין מיט אלע מענטשין . און צדקה צו געבין אן דיא עס ווערט זיין און דאס איך זאל ניט גישטרויכילט ווערין אן זעלכע מענטשין וואו עס ניט אן נילייגט איז . און דאס איך זאל מיינע זין און שעכטער אויף ציהען צו תורה און חופה און מעשים טובים . און דאס זיא מיט אלע די פון מיר הער קומען זאלין זיך באשעפטיגן מיט תורה און מצות און מעשים טובים . און זאלין הבין עושר און כבוד און איין גוטין נאמען חסידים און חסידות . און זאלין ניט שטארבין ביא מיין לעבין . און זאלין איבע יארין אוים לעבין אין איין גוטע עלטער און זיין גוט מזל . און איך און מיין מאן זאלין זייא מיט אנאנדער אויף ציהען אין ליבשאפט און פריינדשאפט און אין גזונדהייט און פרידין און שטילהייט און זיבערהייט . און עושר און כבוד און לאנגע טעג און יארין . און באשירעם מיך פאר אלערלייא פורעניות און פר אלע שווערע זאכין און פאר אלע לייט די זיך דער וועקין אין די וועלט צו קומען . און פאר איין בייזין מענטש און בייזע באגעגעניש און פאר דעם בייזין פאר דארבער . און פאר איין בייז גיריכט און פאר גזלנים און מערדערם . עס זייא אין די שטאט אדער אונטער וועגינם און איבער אלע וואו איך גייא ביי טאג און ביי נאכט . און באשירעם מיך פאר בייזע בגעגענים און בייזע געשיכטענים . און פאר דבר און מגפה און געפענקענים . און פאר אלערלייא שאדין עס זייא אן מיין לייב אדר געלט און אן אלים וואס צו מיר גיהערט . און גיב מיר איין לאנג און גיבענשט לעבין . איין לעבין דאס איך זאל ניט דריגען פאר שעמט ווערין . און היל מיך און בוואר מיך פאר אלע בייזע קראנקהייטין . עס זיי קאפ וויא טאג אדער אן די אויגין און די אויערין און די ברוסט און גידערים אדער קדחת און ציין ווייטאג אדער דעם לויף . און זאנסט אנדרע ווייטאג און קראנקהייט . עס זייא פון איטוויינינג אין לייב אדער פון אויסין ווייניג . און טוא אב פון אונז אלערלייא זארג און אלע בייזע גידאנקען . און דער ווייטער מיך פון אלעם וואס דו האסט פיינט . און גינעהן מיר צוא אלים וואס דו האסט ליב . און דער בארעם דיך איבר מיר אין אלים וואו איך האב נייטיג דער בארעמקייט . און לייט זעליג מיך איבער אלע וואו איך האב לייט זעליקייט נייטיג . און דער לייב מיינע טעג און יארין אין נחת און זיסקייט . און איך זאל אין עלטער פון דיזע וועלט שיידין מיט איין גוטין נאמען . און איך זאל ניט פר שעמט און צו שאנד ווערין אין דיזע און די אנדערע וועלט .

און לאז מיך זוכה זיין צו זעהען די קומונג פון דיין משיח · און ברענג מיך אין דיין הייליגע לאנד און ווען מיר איז אויף געלייגט דאס איך זאל אין חוצה לארץ שטארבין · לאז מיך אזו שטארבין דס איך זאל קיין חבוט הקבר ליידין · און באשירעם מיך פון דאס גריכט פון גיהינם . און לאז מיין נשמה ניט איבער ענטפערט ווערין אין דער האנט דער דא הייסט דומה און אן די מלאכי חבלה · און בשירעם מיך פון ביינע גריכטין פון יענער וועלט . עס סייא דאס איך זאל ניט קומען אין דעם פייערדיגן באך · אויך ניט אין שנייא און וואסער און פייער ערד אין אייז · און דס מיין נשמה זאל ניט שוועבין אין די וועלט ארום · און איך זאל ניט שיידין פון דיזע וועלט ביז איך וועל האבין גיהאלטין אלס וואס איך בין שולדיג צו טאן אום גיערט אזו באלד אז מיין זייל וועט גיין אויס מיין לייב זאל זיא ארויף קומען אום צו זיצין מיט פרידין און כבוד אויף יענער וועלט צווישין די צדיקים די דארטין זיצין · און צו לויגן דורך איין ליכטיגין שפיגיל · און דארטין זאל זיא רוא פינדין ווגדר זארג און דער שרעקענים · און בשירעם מיך פון די ווערים · און לאז דיך זוכה זיין אויף צו שטיין אז די טויטע וועלין לעבעדיג ווערין ווגדער דעם צער אום דורך די היילין גיוועלגערט צו ווערין · און מאך מיך ריין אן דעם יום הדין און מאך מיך גירעכט אן דעם טאג דאס גריכט . און מיין זכות זאלין איבער וועגין די זינד · און דער פיל אל די אן הייסונג פון מיין הארץ צו גוטין · און טו מיין גיבעט און באגער מיט דר בארעמקייט :

יי גאט דער גאט פון ישראל עס זיא דער ווילין פאר דיין כסא כבוד דאס דיינע דער בארימקייט זאלין זיך אויף מיר וועלגערין און אויף מיין גאנץ הויז געזינד · און לאז דער לייכטין מיין גינכט · און שטראף מיך ניט מיט דיין צארין · און קעסטיג מיך ניט מיט דיין גרים צארין . פון וועגין די דרייצעהען מדות די דא שטייען אין דם פסוק ויעבור:

יי גאט דער גאט פון ישראל טו עס אום ווילין די צוועלף פארטען פון ירושלים די דא דינען גישטעלט קעגין די צוועלף גישלעכט פון ישראל · און אום ווילין די פארטען פון ציון די דא זיינן גיליבטער אז אלע די וואוינונגען פון יעקב · און דר בארים דיך איבער מיר און איבער מיינע זייל · און איבער די זיילין פון מיין גאנץ הויז געזינד אום ווילין דיין נאמען · און גיב אונז איין גוט לעבין · פון וועגין ויעבור :

יי גאט דער גאט פון ישראל טוא עס אום ווילין דיין נאמען און גידעכעניעס · און אום ווילין דעם וואלקין דער דא גיינגי פר די שאר דער אוים געלייזטע אום זיא אין דעם רעכטע וועג צו פירין · און אום ווילין די פייערינע זייל דער דא גינג ביי נאכט פר די שאר פון ישראל אום אינן צו לייכטין און העלפין און זייא צו מאכין אנטרינען פון דם נאך יאגר · און דער בארים דיך איבער מיר און איבער מיין הויז גיזינד אום ווילין דיין נאמען פון וועגן ויעבור:

יי גאט דער גאט פון ישראל טוא עס פון וועגין די גיזאנג וום די לוים האבין גיזונגן אויף די טרעפ אין די צייט אז דער בית המקדש איז גישטאנען . און דער בארים דיך איבער מיר און מיין הויז געזינד אום ווילין דיין נאמען · פון וועגין ויעבור :

יי גאט דער גאט פון ישראל טוא עס פון וועגין דעם שיר וואס דא האט גיזונגען אברהם אבינו און זאגט פון די אייביגע גינאד וויל איך זינגען · אין אלע גיבירד וויל איך מיט מיין מויל דיין ווארהייט באקענט מאכין · און דער בארים דיך איבער מיר און איבר מיין הויז גיזינד און גיב מיר שפייז און גוטע נערונג . פון וועגין ויעבור :

יי גאט דער גאט פון ישראל טוא עס פון וועגין די גיזאנג וואס דא האט גיזונגען דער זינגער דוד המלך און די העכסטע גיזאנג וואס די ערשטע האבין אויבין און אונטין זינגען · און דער בארים דיך איבער מיר און מיין הויז גיזינד אום ווילין דיין נאמען ·

און

און גיב אונז פאר געבונג און פאר צייאונג אויף אונזערע זינד · פון וועגן ניעבור :

יי גאט דער גאט פון ישראל טוא עס פון וועגן דאס געזאנג וואס אדם הראשון האט געזונגען · און ווייל ער האט אן שבת געזונגען, עס איז גוט גאט צו לויבן און צו זינגען פר דיין הויכן נאמן און דער בארים דיך איבער מיר און מיין הויז געזינד · פון וועגן ניעבור :

יי גאט דר גאט פון ישראל טוא עס פון וועגן דאס געזאנג וואס דא האט געזונגען דוד מלך ישראל דיין געזאלבטער און גערעכטער פון וועגן חנוכת הבית און אום ווילן דם ביהמ"ק· און אום ווילן די פופצין געזאנגען וואס ער האט געזונגען וועגן די פופצין שטאפלן· און דר בארים דיך איבער מיר און מיין הויז געזינד אום ווילן דיין דר בארימקייט · פון וועגן ניעבור:

יי גאט דער גאט פון ישראל טוא עס פון וועגן דעם שיר וואס מען וועט זינגען אין לאנד פון יהודה די שטאט איז אונזער שטארקייט גאט וועט אהילף שיקן פאר די קליינע און גרויסע מויער · און דער בארים דיך איבער מיר דיא ווילען פון מיין גאנץ הויז געזינד אום ווילן דיין גינאד · און גידענק אונז די גערעכטהייט פון יצחק דער זיך פר דיר האט לאזן בינדין · פון וועגן ניעבור :

יי גאט דער גאט פון ישראל טוא עס פון וועגן דעם שיר וואס מען וועט זינגען אין דיא נאכט אז דער פייער טאג וועט גהייליגט ווערין און אום ווילן די געזאנג וואס שלמה המלך האט געזונגען וועלכער איבער אלע געזאנג איז. און הייליגער וויא אלע הייליגע שריפטין · און דרום האבין זייא גינענט שיר השירים קדש קדשים · און גידייגק אונז די גערעכטהייט פון דיין גיליבטין יעקב · פון וועגן ניעבור :

יי גאט דער גאט פון ישראל טוא עס אום ווילן דם שיר וואס די קינדער ישראל ווערין זינגן אז זיי וועלין אויף גימאכט ווערין פון איר שלאף און וועלין וויסין דאס דו מאכסט טויט און לעבעדיג · דו מאכסט נידעריג אין די גרוב און ברענגסט ווידער ארויף · און דען ווערין זיי זינגען און זאגין גילויבט איז דר דא מאכט לעבעדיג די טויטע · און דר בארים דיך איבר מיר און איבר אלע די זייל פון מיין הויז געזינד אום ווילן דיין דער בארעמקייט · און גידייגק אונז דעם זכות פון יוסף הצדיק · פון וועגן ניעבור :

יי גאט דר גאט פון ישראל טו עס אום ווילן די עשרת הדברות אום ווילן דיין הייליקייט און אום ווילן די הייליקייט פון דעם בארג סיני דם פייער האט דרויף גיברענט ביז מיטין אין הימיל וואריבער מען גייט דרייא הונדרט און דריי און דרייסיג יאר צו די הויך פון די לופט דאס הימעלש · און זייא האבין אלע גיזעהען ביז אום ענד דר ערדין דיין גרויסע שטארקייט· און וויא דוא האסט דיין תורה גיגעבין האבין דיך גילויבט אלע די קיניגן דר ערדן אז זייא האבין גיהערט די רייד פון דיין מויל · און דער בארעם דיך איבער מיר און די זיילן פון מיין הויז געזינד · און גידייגק אונז די גערעכטהייט פון משה רבינו דיין נביא פון וועגן ניעבור :

יי גאט דר גאט פון ישראל טו עס פון וועגן דם שפרינגען און זינגען פון אלע הויכע בערג און הויך · און אלע בוימער אין וואלד עפינט איר אייערע מיילער מיט זיס געזאנג פאר גאט דר דא וואוינט אין הימיל · און דער בארעם דיך איבער מיר און די זיילן פון מיין הויז געזינד אום ווילן דיין דער בארעמקייט . און גידייגק אונז דיא גערעכטהייט פון אהרן דיין פרומער מאן · פון וועגן ניעבור :

יי גאט דער גאט פון ישראל טוא עס אום ווילן דאס דיין שטארקהייט איז גיגאנגען מיט ישראל אין די גרויסע און פארכטזאמע וויסטעניי · און זייא זיינען גיוועזין פערציג יאר אין איין לאנד וואס ניט בוואוינט איז . און דער בארעם דיך איבער מיר און איבער מיין הויז געזינד אום ווילן דיין גינאד . און גידייגק אונז די גערעכטהייט פון דוד דיי' גיזאלבטן · פון וועגן ניעבור :

יי גאט דער גאט פון ישראל טוא עס אום ווילין די ווישטענעס אין וועלכע איין וועג ווערט זיין דאס די דער לייזטע ישראל ווערין דורך גיין און דיא וואסער באך אום דיין אוים דר ווילטע פאלק צו טרינקען און דער בארעם דיך איבער מיר און מיין הויז גיזינד אום ווילין דיין נאמען · און גידיינק אונז דעם זכות פון אלע צדיקים און חסידים · פון וועגין ניי־בור :

יי גאט דער גאט פון ישראל טוא עס אום ווילין די וועקם טעג דער באשעפעניס און אום ווילין אל די ווערק דער באשעפענס · און אום ווילין די הייליגע גימיינדע די דא לויבין און בשיינען די גידעכעניס און די צייט פון אבינר און דאס נאכט · און דער בארעם דיך איבער מיר און איבער די זילען פון מיין הויז גיזינד אום ווילין דיין נאמן ·

און דער הויב די הערשאפט פון דיין פאלק ישראל · פון וועגין גיעבור :

יי גאט דער גאט פון ישראל טוא עס פון וועגין די מיטער די הייך פון די וועלט די דאס הויז גיזינד פון ישראל האבין אויף גיבוים · און דער בארעם דיך איבער מיר און איבער די זילין פון מיין הויז גיזינד אום ווילין דיין נאמען · און פאר שטער אלע ליידיגער און הינגערער · פון וועגען גיעבור :

יי גאט דער גאט פון ישראל טוא עס אים ווילין די שירה וואס דיא מלאכים אין היכיל זאגען · און פון וועגין דעם שיר וואס זיא האבין גיזונגען אין בית המקדש · און דער בארעם דיך איבער מיר און מיין הויז גיזינד אום ווילען דיין נאמען און אום ווילין דיין היליגקייט און צו ריים אונזער בייזען גזר דין · פון וועגין גיעבור :

יי גאט דער גאט פון ישראל טוא עס אום ווילין די היילקייט פון ישראל דיין אוים דער ווילטע פאלק · און אום ווילין די היליקייט פון דעם שבת דער בעסער איז אז אלע טעג · און אויך ווניפטיגער און גילויבטער און היילגער אלם אנדערע טעג · און איז איין רוה פאר די זילין פון דיא לעבעדיגע און פון דיא טויטע · און פאר דען היילגן גאט איז ער גיעהרטער מער וויא אלע טעג · און דער בארעם דיך איבער מיר און איבער די זיילין פון מיין הויז גיזינד פון וועגין דיין ווילען · און דער פיר אלע די באנגער פון אונזער הארץ צו גוטין פון וועגין גיעבור :

ואני און איך טוא מיין גיבעט פאר דיר גאט אין איין בווילגטע צייט · איך בעט דיך גאט דער גאט פון ישראל טוא עס פון וועגין דיך זעלבסט דאס דו ביסט פאר הוילין פון די אויגין אלע לעבעדיגע · און אום ווילין דעם זכות פון דיא דרייא אבות אברהם יצחק און יעקב דאס דו ביסט גיוועזין איר באשיצער און באשירמער אין צייט פון איר לייד · דער בארעם דיך איבער מיר און איבער אלע זיילען פון מיין הויז גיזינד און איבער אלע זיילען פון דיין פאלק דאס הויז גיזינד פון ישראל · גלייך גישריבען שטייט דען מיין הילף ווערט באלד קומען און מיין גירעכטיקייט וועט אנטפלעקט ווערין :

אנא איך בעט דיך גאט דער דא אייביג לעבט און זיצט אויף דעם שטול פון דער בארעמקייט · שרייא אן און צוא ברעך און צו שטוים און ריים אוים און צוא פיר און פאר שטער פון מיר און פון מיין צווייא הונדערט און אכט און פערציג גלידער און אלע נארישע און אונשטעטיגע גידאנקען דיא זיך קערין צוא וואויל לוקט און באשירעם מיך פאר בייזע באנגענגעם און שטארקין צארין און גיוועלטיגע פלאג און פר בייזין שכן און יצה״ר און אל דיא קענין מיר אויף שטיין צו בייזין דוא זאלסט אוים וואר־לען און נאך יאגין מיט צארין און פאר טילגין פון אונטער די הימלען פון גאט · און איך ביין קגעגט דוא גאט מיין גאט דער דא איז הייליג מיט אלערלייא היילקייט

און

און גילויבט מיט אלערלייא לויבונג זאלסטו בענטשין מיט דיינע גוטע ברכות · און גיב מיר רעכט שאפענע קינדער די זיך זאלין באמיען אין די תורה · און קינדש קינדער די זיין ווילין זאלין טאן און דיינע מצות האלטין · און אייהער איך ווער ליך אן רופין זאלסטו מיר ענטפערין · און איי איך וועל ריידין זאלסטו עס פר נעמען גלייך גישריבין שטייט און עס ווערט זיין איי זיי וועלין רופין וועל איך זייא ענטפערין · ווייל זיי ווערין נאך ריידין וויל איך זייא דער הערין · און די צייט זאל זיין איין צייט פון דערבארימקייט איין צייט פון פר גענומען · און לאז מיך ניט לעהר פון דיר אוועק גיין · גאט הער גאט פאר גיב גאט פאר נעם און טוא מיין גיבעט און לאז מיין תפלה ניט קענין שטיין קיין שטן און יצר הרע אדער מקטרג אדער פאר טומלער און הינדערער און פר שטערר אדער ביין שפרעכער עס סייא פון די אויבערשטע אדער פון דיא אונטערסטע · און קיין מלאך און ברענגעריגער מלאך און קיין שטערין אדער רוח רעה · און אז מיר זאל מקוים ווערין וואס אין פסוק שטייט ווען דוא וועסט וואס באפעלין זא ווערט עס דיר צוא גישטאנדין ווערין · דער לייכט דיין שכינה איבער דיין קנעכט · העלף מיר מיט דיין גינאד · לאזי זיין צוא ווילין דיא רייד פון מיין מויל און די גידאנקען פון מיין הארץ פאר דיר גאט מיין באשעפער און דער לייזער ׃

הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט. אֵל אֱמוּנָה
וְאֵין עָוֶל צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא: הַצּוּר תָּמִים בְּכָל
פֹּעַל. מִי יֹאמַר לוֹ מַה תִּפְעָל. הַשַּׁלִּיט בְּמַטָּה וּבְמַעַל.
מֵמִית וּמְחַיֶּה מוֹרִיד שְׁאוֹל וַיָּעַל: הַצּוּר תָּמִים בְּכָל
מַעֲשֶׂה מִי יֹאמַר לוֹ מַה תַּעֲשֶׂה. הָאוֹמֵר וְעוֹשֶׂה. חֶסֶד
חִנָּם לָנוּ תַעֲשֶׂה. וּבִזְכוּת הַנֶּעֱקַד כְּשֶׂה. הַקְשִׁיבָה וַעֲשֵׂה:
צַדִּיק בְּכָל דְּרָכָיו הַצּוּר תָּמִים. אֶרֶךְ אַפַּיִם וּמָלֵא
רַחֲמִים חֲמָל נָא וְחוּס נָא עַל אָבוֹת וּבָנִים. כִּי לְךָ
אָדוֹן הַסְּלִיחוֹת וְהָרַחֲמִים: צַדִּיק אַתָּה יְיָ לְהָמִית
וּלְהַחֲיוֹת. אֲשֶׁר בְּיָדְךָ פִּקְדוֹן כָּל רוּחוֹת. חָלִילָה לְּךָ
זִכְרוֹנֵנוּ לִמְחוֹת. וְיִהְיוּ נָא עֵינֶיךָ בְּרַחֲמִים עָלֵינוּ פְקוּחוֹת:
כִּי לְךָ אָדוֹן הָרַחֲמִים וְהַסְּלִיחוֹת: אָדָם בֶּן שָׁנָה יִהְיֶה.

או

---

הצור תמים פעלו דער בורא ב"ה וואס רופט זיך צור שטארקער פעלזין, זיין מאהנן איז אן פעהלערין, דען רעכט איז אלע זיינע וועגין. איין גאט דער טרייער אן קריטונג, גירעכט און רעכטפארטיג איז ער : הצור תמים בכל פועל דער בורא ב"ה אין אז'ע זיינע ווערק איז ער גאנץ, ווער קאן אים זאגין וואס טוסט דוא : השליט אין די אונטערשטע וועלט און אין די אויבערשטע גיוועלטיגט ער, ער מאכט טויט און לעבעדיג ער מאכט נידעריג אין טיפין גרוב און ברייננט אים אויף : הצור דער בורא ב"ה אין אלע טואונג איז ער גאנץ, ווער קאן אים זאגין וואס מאכסטו. דער וואס זאגט און טוט עס, אומזיסטע גינאד זאלסטו טאן צוא אונז, פאר נעם און טוא צוא אונז פון וועגין יצחקס זכות וואס ער איז גיבונדין גיוואריין וויא אשעפס אויפין מזבח : צדיק דער בורא ב"ה איז גירעכטיג אין אלע זיינע וועגין, מיט פיל דער בארעמקייט האלט ער לאנג איין דעם צארין, מיר בעטין דיר בארעם זיך און האב מיטלייד אויף דיא עלטערין מיט די קינדער, דען די פארגעבונג און די דערבארעמקייט איז ביי דיר הער : צדיק צוא מאכין טויט און לעבעדיג ביזטו אגירעכטיגער גאט, די באהאלטונג פון אלע גימיטין איז אין דיין האנד, וואבעריגע איז צוא דיר אפ צוא מעקין אונזער גידעכעניס, מיט דער בארעמקייט זאל זיין אויף אונז אפין דיינע אויגין, דען די דער בארימקייט און פאר געבונג איז צוא דיר הער : אדם ווען איין מענטש זאל אאדר אלט זיין, אדער טויזנט יאהר

אוֹ אֶלֶף שָׁנִים יִחְיֶה. מַה יִּתְרוֹן לוֹ. כְּלֹא הָיָה יִהְיֶה.
בָּרוּךְ דַּיַּן הָאֱמֶת מֵמִית וּמְחַיֶּה: בָּרוּךְ הוּא כִּי אֱמֶת דִּינוֹ.
וּמְשׁוֹטֵט הַכֹּל בְּעֵינוֹ. וּמְשַׁלֵּם לְאָדָם חֶשְׁבּוֹנוֹ וְדִינוֹ.
וְהַכֹּל לִשְׁמוֹ הוֹדָיָה יִתֵּנוּ: יָדַעְנוּ יְיָ כִּי צֶדֶק מִשְׁפָּטֶךָ.
תִּצְדַּק בְּדָבְרֶךָ. וְתִזְכֶּה בְּשָׁפְטֶךָ. וְאֵין לְהַרְהֵר אַחַר מִדַּת
שָׁפְטֶךָ. צַדִּיק אַתָּה יְיָ וְיָשָׁר מִשְׁפָּטֶיךָ: דַּיַּן אֱמֶת. שׁוֹפֵט
צֶדֶק וֶאֱמֶת. בָּרוּךְ דַּיַּן הָאֱמֶת. שֶׁכָּל מִשְׁפָּטָיו צֶדֶק
וֶאֱמֶת: נֶפֶשׁ כָּל חַי בְּיָדֶךָ. צֶדֶק מָלְאָה יְמִינְךָ וְיָדֶךָ.
רַחֵם עַל פְּלֵיטַת צֹאן יָדֶיךָ. וְתֹאמַר לַמַּלְאָךְ הֶרֶף יָדֶךָ:
גְּדֹל הָעֵצָה וְרַב הָעֲלִילִיָּה. אֲשֶׁר עֵינֶיךָ פְּקֻחוֹת עַל כָּל
דַּרְכֵי בְּנֵי אָדָם. לָתֵת לְאִישׁ כִּדְרָכָיו וְכִפְרִי מַעֲלָלָיו:
לְהַגִּיד כִּי יָשָׁר יְיָ צוּרִי וְלֹא עַוְלָתָה בּוֹ: יְיָ נָתַן וַיְיָ לָקָח.
יְהִי שֵׁם יְיָ מְבֹרָךְ: וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן וְלֹא יַשְׁחִית.
וְהִרְבָּה לְהָשִׁיב אַפּוֹ. וְלֹא יָעִיר כָּל חֲמָתוֹ:

---

אזוי זאל ער לעבין, וואס וועט אים ארויס קומען, ער וועט זיין אזוא וויא ער וואלט גאר ניט געוועזען, גילויבט איז דער וואראהאפטיגער ריכטער, ער טויט און מאכט לעבעדיג: ברוך הוא ער איז גילויבט דען זיין ריכט איז ריכטיג, מיט זיין אויג קוקט ער אויף אלץ, זיין רעכענונג מיט זיין ריכט בעצאלט ער צום מענטשין, אלוב גיבין אלע צוא זיין נאמען: ידענו ה׳ מיר ווייסין גאט אז דיין ריכט איז ריכטיג, מיט דיין אויפירונג ביסט דוא גירעכט, מיט דיין ריכט ביסט דו ריין, נאך דיין ריכט קאן מען ניט נאך קלערין, גירעכט ביסט דו הער, אויף ריכטיג איז דיין ריכט: דיין אמת וואהרער ריכטער, גירעכטיגער און וואהרער ריכטער, גילויבט איז דער וואהרער ריכטער, דען וואהר און גירעכט איז אלע זיינע ריכט: נפש כל חי בידך אין דיין האנט איז אלע לעבענדיגע זעלע, דיין רעכטע האנד איז פול גירעכטיגקייט, אויף די שעפסין פון דיין הערדער בארעם דיך, און צום מלאך זאלסטו זאגין לאז אפ דיין האנד: גדל העצה גרויסער ראטהער, און פיל טוער, אויף אלע מענשליכע וועגין זיינען דיינע אויגין אפין, וויא די פרוכט זיין ווערק און זיינע וועגין צוא בעצאלין יעדער מענטשין: להגיד כי ישר ה׳ צוא זאגין דאס דער הער גירעכט איז, מיין שוטץ, און ניט אומגירעכט אין זיינעם טאהן: ה׳ נתן וה׳ לקח גאט האט גיגעבין לעבין און גאט האט צוא גינומען, לאז דער נאמען פון גאט גילויבט זיין: והוא רחום יכפר עון און ער זא ערבארעמיג פאר גיב די זינד און פערטיליגט ניט, און מעהרמאהל ציין צארין צוריק גענומען, און זאל ניט דער וועקין זיין גאנצין צארין:

קדיש יתום אחר הקבורה והקהל אומרים עמהם עד ויקרה:

יתגדל ויתקדש שמה רבא בעלמא דהוא עתיד לאתחדתא ולאחיא מתיא ולאסקא לחיי עלמא. ולמבני קרתא דירושלם ולשכלל היכלה בגוה. ולמעקר פולחנא נוכראה מארעא. ולאתבא פולחנא דשמיא לאתרה. וימליך קודשא בריך הוא במלכותה ויקרה: עד כאן אומרים הקהל עם היתומים:

יתום לבד מסיים בחייכון וביומיכון ובחיי דכל בית ישראל בעגלא ובזמן קריב ואמרו אמן:

קהל ויתום יהא שמה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא:

יתום יתברך וישתבח ויתפאר ויתרומם ויתנשא ויתהדר ויתעלה ויתהלל שמה דקודשא בריך הוא. לעלא (בעשי"ת ולעלא) מן כל ברכתא ושירתא תשבחתא ונחמתא דאמירן בעלמא ואמרו אמן: קהל אמן. יהי שם יי מברך מעתה ועד עולם:

יתום יהא שלמא רבא מן שמיא וחיים עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן: קהל אמן. עזרי מעם יי עשה שמים וארץ:

יתום עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן:

ואח"כ נוטלים את הידים ואומרים:

בלע המות לנצח ומחה אדני אלהים דמעה מעל כל פנים וחרפת עמו יסיר מעל כל הארץ כי יי דבר:

ואח"כ עומדים העם בשורה לנחם את האבלים והאבל עובר לפניהם והם אומרים:

המקום ינחם אותך (ולרבים אתכם) בתוך שאר אבלי ציון וירושלים:

---

יתגדל ויתקדש שמיה רבא עס זאל געגרויסט און געהייליגט ווערין זיין גרויסער נאמען. בעלמא דהוא עתיד לאתחדתא וואס ער איז אן גיבּרייט צו בעניייען די וועלט. ולאחיא מתיא און די טויטע לעבעדיג צו מאכין, ולאסקא לחיי עלמא און אויף דר וועלט צום לעבן צו ברייגגן זיי, ולמבני קרתא דירושלם און ירושלים די שטאט אויף צו בויען, ולשכלל היכלה בגוה און איהר צו גרינדין זיין טעמפיל, ולמעקר פולחנא נוכראה מארעא און די היידנעשע געצין דינסט צו פר ניכטין פון דר לאנד, ולאתבא פולחנא דשמיא לאתרה און אויף דעם ארט דעם בורא ב"ה דינסט צו מאכין זיין, וימליך קודשא בריך הוא במלכותה ויקרה מיט פראכט און קיניגרייך צו מאכין קיניגין דעם באשעפער ית', בחייכון וביומיכון ובחיי דכל בית ישראל אין צייט אייער לעבינס און טעג, און לעבינס אלע הויז גיזינד ישראל בעגלא ובזמן קריב אין אגיכע און אנאהענטע צייט, ואמרו אמן דערויף זאגט עס איז וואהר: